STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02784

DOS FARBREKHN FUN SILVESTER BONAR

Anatole France

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY

אנאטאל פראנס

דאס פאַרברעכן פון סילוועסטער באנאַר

(Le crime de Sylvestre Bonnard)

פון פראנצויזיש מ. האָלצבלאַט

פארלאג ש. גאלדפארב. ווארשע. 1927

ANATOL FRANCE

Zbrodnia Sylwestra Bonarda

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa, Dzika 31.

Druk. „REKORD" Dzika 18.

ערשטער טייל

דאָס קעסטעלע.

מיין מלכה-שבא געווידמעט —

— דער איבערזעצער

24-טער דעצעמבער 1849.

כ׳האָב אָנגעטון מיינע פּאַנטאָפל און דעם שלאָפראָק. כ׳האָב אָפּגעווישט אַ טרער, מיט וועלכער דער שטורם-ווינט, וואָס האָט געווילדעוועט אויפן בולוואַר האָט פאַרנעפּלט מיין בליק. אַ פריי-לעך פייער האָט געפּ״אַקערט אויפן קאַמין אין מיין ארבעטס-קאַבינעט. אייז-קרישטאָלעכלעך אין דער פאָרם פון ווילדקרויט-בלעטער, האָבן באַדעקט די שויבן-פענסטער און פאַרהילט פון מיר דעם אָנבליק אויף דער סענע, אירע בריקן און דעם לוווו-פּאַלאַץ פון די וואַלוואַ-קיניגן.

כ׳האָב צוגערוקט צום פייער מיין פאָטער-שטול און מיין באַוועגלעך בענקל, און פאַרנומען ביים קאַמין דאָס אָרט, וואָס האַמילקאַר האָט באַוויליקט מיר אָפּצוטרעטן. האַמילקאַר איז מיט דער מאָרדע צווישן די פיס, געלעגן אויף אַ ווייך קישעלע, צו-קאַנטס פון קאַמין; זיין געדיכטע פעל האָט זיך געהויבן אין אַ גלייכן אָטעם. בעת איך האָב מיך דערנענטערט, האָט ער פון צווישן די האַלבפאַרמאַכטע אויגנלעדלעך פּאַמעלעך אויפגעהויבן אויף מיר זיינע שוואַרצאַפּלען פון אַגאַט-קאָליר, וועלכע ער האָט באַלד ווידער צוגעשלאָסן, טראַכנדיק מן הסתם: „ס׳איז גאָרנישט, דאָס איז מיין פריינט.“

— האַמילקאַר! — האָב איך מיך אָנגערופן צו אים, אויס-ציענדיק די פיס, — האַמילקאַר, שלאָפנדיקער פרינץ פון דער בי-כער-מדינה, נאַכט-וועכטער! דו פאַרטיידיקסט קעגן געמיינע מילבן

די מאַנוסקריפטן און דרוקזאַכן, וועלכע דער אַלטער געלערנטער האָט זיך פאַרשאַפן פאַרן פרייז פון אָפגעשפאָרטע גראָשנס און אומדערמידלעכער מי. שלאָף, האַמילקאַר, ווי אַ פוילע סולטאַן-מלכּה אין דער אָפגעזונדערטער ביבליאָטעק, וואָס ווערט געשיצט פון דיינע מיליטערישע פעיקייטן. וואָרים אין דיין פערזאָן זעען פאַראייניקט די מוראַדיקע געשטאַלט פון אַ באַרבאַרישן געצנדינער און דער שווערפעליקער כּשוף פון אַ מזרח-פרוי. אַ העלדישער און תּאווהדיקער, שלאָף האַמילקאַר, וואַרטנדיק אויף דער שעה, ווען די מייז וועלן אָנהייבן צו טאַנצן ביים שיין פון דער לבנה, אַקעגן די הייליקע ספרים פון די געלערנטע באַלאַנדיסטן.

דער אָנהייב פון דער רעדע איז אפנים האַמילקאַרן געפאַלן געוואָרן, וואָרים ער האָט אים באַגלייט מיט אַ ברומען, ענלעך צום געזאַנג פון זידנדיק וואַסער. בעת איך האָב אָבער אויפגעהויבן מיין שטימע, האָט האַמילקאַר אַראָפגעלאָזט די אויערן און פאַרציענדיק די געשטרייפטע הויט פון שטערן, געגעבן מיר אָנצוגעהערן, אַז ס׳פּאַסט גאָרנישט צו דעקלאַמירן אויף אַזאַ אופן. און ער האָט געטראַכט:

— דער דאָזיגער בטלן פּלאַפּלט אָן שום זין, בעת אונזער הירטין דריקט זיך אַלע מאָל אויס מיט ווערטער, וואָס האָבן אַ זין און אינהאַלט, וואָס זענען אָדער אַן אָנזאָג פון עסן, אָדער אַ צוזאָג פון אַ שטויס אין דער זייט. מען ווייס כאָטש וואָס זי רעדט. אָבער דער דאָזיקער אַלטער נאַר גיט אַרויס קלאַנגען וואָס האָבן נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג און באַדייטונג.

אַזוי האָט האַמילקאַר געטראַכט. איבערלאָזנדיק אים אַ כאַ-טיפטן אין זיינע געדאַנקען, האָב איך אויפגעעפנט אַ בוך, וועלכעס איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס; דאָס איז געווען אַ קאַטאַלאָג פון כּתבֿ-ידן. איך ווייס נישט, אויב ס׳איז פאַראַן נאָך אַזאַ לייכטע, אינטערעסאַנטע און באַרויקנדע לעקטור, ווי אַ קאַטאַלאָג. דער, וועלכן איך האָב געלעזן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1824 דורכן ה׳ טאָמפּסאָן, דעם ביבליאָטעקאַר פון סער טאָמאַס ראַלי; ער זינדיקט, דעם אמת געזאָגט, [illegible]

דער לאַקאָנישקייט פון סטיל און שטעלט מיט זיך נישט פאַר קיין מוסטער פון גענויקייט, וועלכע די אַרכיוויסטן פון מיין דור האָבן צום ערשטן מאָל אריינגעפירט אין די ארבעטן אויפן געביט פון דער דיפּלאָמאַטיק און פּאַלעאָגראַפיע. אין דער הינזיכט איז ער שטאַרק הינטערשטעליק. דערפון נעמט זיך אויך, וואס בעת איך לייען אים, האָב איך דאָס געפיל, וואָס עס וואָלט ביי אַ פיל רייכערער פאַנטאַזיע ווי מיינע פאַרדינט דעם נאָמען פון טרוימערישקייט. איך האָב מיך פאַרטיפט אין א ים פון גליקזעליקע געדאַנקען, בעת מיין באַלעבאָסטע האָט מיט אַן אומצופרידענעם טאָן מיר געמאָלדן, אַז ה׳ קאָקאָ וויל מיט מיר רעדן.

און אין דער אמתן, האָט זיך עמיץ אריינגעשלייכט נאָך איר אין דער ביבליאָטעק. דאָס איז געווען אַ קליין מענטשעלע, אַן אָרעם קליין מענטשעלע, מיט אַ נישט איבריק דרייסטן אויסזען, אנגעטון אין אַ אויסגעריבענעם פּאַלטן. ער האָט זיך דערבענטערט צו מיר, מאַכנדיק אָן אַ שיעור פאַרביגונגען און שמייכלענדיק כסדר. זיין פּנים איז געווען בלאַס און הגם ער איז געווען נאָך גענוג יונג און רירעוודיק, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קראַנקן. קוקנדיק אויף אים, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט אַ פארווונדעטע וויעווערקע. הינטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ גרין שטיק לייוונט, וועלכעס ער האָט אנידערגעלייגט אויף דער שטול: אַז ער האָט אויפגעבונדען אַלע פיר עקן פון טוך, האָט זיך באַוויזן אַ שטויס פון קליינע געלע ביכלעך.

— מיין הער, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר, — כ׳דהאָב נישט געהאַט ביז איצט דעם כבוד צו זיין מיט אייך באַקאַנט. כ׳בין אַ ביכער-אַגענט. כ׳שטעל צו ביכער פאַר די באַדייטנדסטע בוכהאַנדלונגען אין דער הויפּט-שטאָט. און אין דער האָפנונג, אַז אויך איר וועט מיך באַערן מיט אייער צוטרוי, דערלויב איך מיר אייך פאָרצושלאָגן אייניקע נייהייטן.

אָ, גרויסע געטער! אָ, יושרדיקע געטער! וואָס פאַרא ניי ביכער לייגט עס מיר פאָר אָט-אָ דער האָמונקולוס קאָקאָ! דאָס ערשטע בוך, וואָס ער לייגט מיר פאָר איז „די געשיכטע פון

טור דע נעל" *), מיט דער באַשרייבונג פון דער ליבע געשיכטע צווישן מאַרגערעט פון בורגאָן און קאַפּיטאַן ביורידאַן.

— דאָס איז אַ היסטאָרישע בוך, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, — אַ בוך וואָס באַהאַנדלט אַן אמתע געשיכטע.

— אויף אַזאַ אופן, — ענטפער איך אים, — איז עס שטאַרק לאַנגווייליק, ווייל די היסטאָרישע ביכער, וואָס דערציילן נישט קיין באָבע־מעשיות, זענען כמעט אלע נישט אינטערעסאַנט. איך אליין שרייב ביכער וועגן אמתע פּאַסירונגען, און אויב איך וועט חס וחלילה אויסקומען צו טראָגן איינס פון זיי פון טיר צו טיר, דראָט איך די געפאַר נישט פּטור צו ווערן פון זיי ביזן טויט, און אפילו די אומפאַרזיכטיקסטע קעכין וועט עס אויך ביי אייך נישט קויפן.

— בלי ספק, מיין הער, — האָט געענטפערט דאָס קליינע מענטשעלע, וועלנדיק מיר אַנטקעגנקומען.

און שמאַמלענדיק אַזוי, האָט ער מיר פאָרגעלייגט „די ליבע פון העלאָיזע און אַבעלאַרד". איך האָב אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין מיינע יאָרן לייענט מען נישט קיין ליבע־געשיכטעס.

נישט אויפהערנדיק צו שמייכלען, האָט ער מיר פאָרגעלייגט „די כללים פון געזעלשאַפטליכע שפּילן": פּיקעט, בעזי, עקאַרטע, וויסט, דאַמקע, שאַך.

— ליידער! — האָב איך זיך אָנגערופן, — אויב איהר ווילט מיר דערמאָנען די כללים פון בעזי, מוזט איהר צוגרשט צוריקקערן צום לעבן מיין אַלטן פריינט ביניאַן, מיט וועלכן כ'האָב געפלעגט צו שפּילן אין קאָרטן, יעדן אָוונט, איידער אלע פינף אַקאַדעמיעס האָבן אים פייערלעך אָפּגעפירט אויפן גוטן אָרט; אָדער אפשר וועט איר זיין אימשטאַנד צו דערנידריקן ביז צו

---

*) טור דע נעל — אַ טורעם, וואָס איז געווען אַ טייל פון שלאָס דע נעל, מיט יאָרן צוריק אַ באַרימטע פּאַריזער געביידע, וועלכע איז געשטאַנען אויף דעם אָרט, וווּ עס געפינט זיך איצט דער פראַנצויזישער אינסטיטוט (באַמ. פון איבער.)

דער מדרגה פון די נישטיקע מענטשלעכע שפילן די ערנסטע אינ־טעליגענץ פון האמילקארן, הע׳כן איר זעט א שלאפנדיקן אויפן קישן, וואָרים ער איז היינט דער איינציקער חבר פון מיינע אוונטן.

דער שמייכל פון קליינעם מענטשעלע איז געוואָרן אומ־זיכער און צעמישט.

— אט האט איר — האט ער געזאגט, — א נייע זאמלונג פון געזעלשאפטלעכע שפילן, וויצן און קאלאמבורן, ווי אויך א מיטל, ווי אזוי צו פארוואנדלען א רויטע רויז אויף א ווייסע.

כ׳האב געענטפערט, אז איך בין שוין פון א לאנגער צייט צעקריגט מיט די רויזן, און וואס שייך די וויצן, באגנוגן איך מיך מיט די, אויף וועלכע איך דערלויב מיר אומבאוווסטזיניק בעת מיינע וויכנשאפטלעכע ארבעטן.

דער האמונקולוס האט מיר פארגעלייגט זיין לעצט בוך מיט זיין לעצטן שמייכל.

— דא האט איר א „פותר־חלומות״, — האט ער געזאגט, — מיט א דערקלערונג פון אלע חלומות, וואס מ׳קען נאר חלומען: א חלום וועגן גאלד, וועגן גנבים, וועגן טויט, וועגן דעם, אז מען פאלט אראפ פון א הויכן טורעם... אלץ!

איך האב א כאפ געטון פון קאמין די צוועגגלעך און האס־טיק פאכענדיק מיט זיי, האב איך געענטפערט מיין האנדלס־באזוכער:

— יא, מיין פריינט, אבער די אלע חלומות און טויזנט אנדערע, פריילעכע און טראגישע, רעזומירן זיך אין איינעם: אינ׳ם חלום פון לעבן; און צי וועט דען אייער קליין געל ביכל מיר געבן דעם שליסל צו דעם חלום?

— יא, מיין הער, האט מיר געענטפערט דער האמונקו־לוס. — דאס בוך איז כולל אלץ און קאסט נישט טייער: איין פראנק מיט פינפאונצוואנציק סאנטים.

כ׳האב שוין ווייטער נישט געפירט מיין געשפרעך מיטן קאלפארטער. כ׳קאן נישט זאגן אויף זיכער, צי מיינע ווערטער זענען ארויסגעזאגט געוואָרן אין דער פארם, ווי איך גיב זיי

דאָ איבער. ס'קאָן זיין, אַז שרייבנדיג האָב איך עטוואָס מגזם געווען. אפילו אין אַ צייטונג איז זייער שווער איבערצוגעבן דעם בוכשטעבלעכן אמת. אָבער אויב איך האָב דאָס אַלץ נישט ארויסגעזאָגט, האָב איך עס לכל-הפחות געהאַט אין געדאַנק.

כ'האָב אַריינגערופען מיין באַלעבאָסטע, ווייל אין מיין חוינונג איז נישטאָ קיין גלעקל.

— טערעסע, — האָב איך מיך געווענדעט צו איר, — דער הער קאָקאָ, וועלכן איר וועט אַזוי גוט זיין אַרויספירן, פאַרמאָגט אַ בוך, וואָס קאָן אייך פאַראינטערעסירן: „דאָס איז אַ „פותר חלומות". כ'וועל מיך פילן גליקלעך, אויב איר וועט דאָס וועלן נעמען פון מיר.

דערויף האָט מיר מיין באַלעבאָסטע געענטפערט:

— מיין הער, אַז מ'האָט נישט קיין צייט צו חלומען אויף דער וואָך, האָט מען אוודאי און אוודאי נישט קיין צייט צו חלומען בעתן שלאָף. דאַנקען גאָט! כ'האָב גענוג אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און כ'קאָן יעדן אָוונט זאָגן דרייסט: „אָ, האַר, בענטש מיין שלאָף!" איך האָב נישט קיין חלומות נישט שטייענדיקערהייט, נישט ליגנדיק, און כ'האָב אויך נישט אָנגענומען מיין איבערבעט פאַרן טייוול, ווי דאָס איז געשען מיט מיין קוזינע. און אויב איר וועט מיר דערלויבן אַרויסזאָגן מיין מיינונג, וועל איך אייך זאָגן, אַז מיר האָבן שוין דאָ אַזוי אויך גענוג ביכער. איר האָט טויזנטער ביכער און פאַרלירט אַזש ביי זיי דעם קאָפּ, און איך האָב צוויי ביכער, וועלכע גענוגן מיר פולשטענדיק: מיין סידורל און מיין קאָך-בוך.

אָפּזאָגנדיק דעם פזמון, האָט מיין ווירטין געהאָלפן דעם קליינעם מענטשעלע איינצופּאַקן זיינע שמות אינם גרינעם טוך.

דער האָמונקולוס קאָקאָ האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. זיין גרויפּנים האָט באַקומען אַזאַ שמערצפולן אויסדרוק, אַז ס'האָט מיר אָנגעהויבן באַנג צו טון, פאַרוואָס איך האָב געמאַכט שפּאַס פון אַזאַ אומגליקלעכן מענטש. איך האָב אים צוריקגערופן און געזאָגט, אַז איך האָב באַמערקט ביי אים אַן עקזעמפּלאַר פון דער „געשיכטע פון עסטעלע און נעמאָרען", אַז כ'האָב זייער ליב

די פאַסטוכער און פאַסטושקעס און אויב דער פרייז וואָלט געווען אַ מעסיקער, וואָלט איך געקויפט ביי אים אָט־אָ די געשיכטע פון ביידע געליבטע.

— כ'וועל עס אייך פאַרקויפן פאַר איין פראַנק פינפאונצוואַנציק, מיין הער, — האָט געענטפערט קאָקאָ, וועמענס געזיכט עס האָט אויפגעשט־אַלט פאַר פרייד. דאָס איז אַ היסטאָריש בוך און עס וועט אייך בלי ספק צופרידנשטעלן. איצט ווייס איך, וואָס ס'געפעלט אייך. כ'זע, אַז איר זענט אַ מבין. איך וועל אייך מאָרגן ברענגען „די פאַרברעכנס פון די פויפסטן". דאָס איז אַ גוט ווערק. כ'וועל אייך ברענגען אַ ספעציעלע ל בהאָבער־אויסגאַבע מיט אילוסטראַציעס.

איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס נישט טון און אים משלח געווען. אַז דאָס גרינגע טוך איז פאַרשוווּנדן. געוואָרן צוזאַמען מיטן קאַלפאָרטער אין דער טונקלקייט פון קאָרידאָר, האָב איך אַ פרעג געטון מיין באַלעבאָסטע, פון וואַנען איז צו אונדז אַראָפגעפאַלן דאָס דאזיקע אָרעמע מענטשעלע.

— ער איז אַראָפגעפאַלן. דאָס וועט זיין דער ריכטיקסטער אויסדרוק, — האָט זי געענטפערט; ער איז אַראָפגעפאַלן אויף אונדז פון דאַך, וווּ ער וווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי!

— וואָס זאָגט איר, טערעסע, ער האָט אַ ווייב? דאָס איז אויסערגעוויינלעך! די ווייבער זענען אַזעלכע אויסטערלישע בריאים! זי מוז אוודאי זיין אַן אָרעם מענטש.

— איך ווייס נישט גענוי, ווער זי איז, — האָט מיר טערעסע געענטפערט, — איך זע זי אָבער יעדן פרימאָרגן, ווי זי שלעפט נאָך זיך דאָס זיידענע, פאַרפאַצטע קלייד אין דרייט מיט די אויגן־אַפלען. און דעם אמת זאָגנדיק, צי פאַסן זיך אַזעלכע אויגן און קליידער צו אַ פרוי, וועלכע מ'האָט גענומען צו זיך אויס רחמנות? ווארים אריינגענומען האָט מען זיי אויפ'ן בוידעם אין אַ צייט, ווען מ'האָט פאַריכט דעם דאַך, אויפן סמך דערפון, וואָס דער מאַן איז געווען קראַנק, און זי אין אַנדערע אומשטענדן. די הויז־וועכטערין האָט אפילו דערציילט, אַז היינט אין דער פרי האָט די פרוי דערשפירט עפעס אַ ווייטיק און אַז זי ליגט

צו בעט. זיי האָבן נייטיק מיטן לעבן באַדאַרפט צו האָבן אַ קינד!

— טערעסע, — האָב איך געענטפערט, — בלי ספק האָבן זיי זיך דערין נישט געניטיקט. די נאַטור אָבער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן עס האָבן, און זי האָט זיי אַריינגעצויגן אין איר נעץ. מען דאַרף זיין אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק, כּדי אָפּצונאַרן די נאַטור. לאָמיר זיי באַדויערן, אָבער נישט פאַראורטיילן! וואָס שייך זיידענע קליידער, איז נישט פאַראַן קיין איין פרוי, וואָס זאָל זיי נישט ליב האָבן. די טעכטער פון חוה האָבן ליב זיך צו פוצן. איר אַליין, טערעסע, וואָס איר זענט ערנסט און קלוג, ווי אומגליקלעך פילט איר זיך, בעת עס פעלט אייך אַ ווייסער שירץ ביים גרייטן צום טיש. זאָגט מיר אָבער, צי האָבן זיי דאָרט אויפן בוידעם-שטיבל אַלץ, וואָס איז נויטיק צום לעבן?

— און פון וואַנען זאָלן זיי עס נעמען? דער מאַן, וועלכן איר האָט איצט געזען, איז, ווי די הויז-וועכטערין האָט מיר געזאָגט, געווען אַ ביזשוטעריע-אַגענט און כ'ווייס נישט פאַרוואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן די זייגערלעך און זיך גענומען פאַרקויפן ביכער. דאָס איז נישט קיין אָרנטלעך פאַך, און כ'וועל קיינמאָל נישט גלויבן, אַז גאָט זאָל בענטשן אַ ביכער-הענדלער. די פרוי זיינע, צווישן אונז גערעדט, האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ מענטש, וואָס טויג זיך צו גאָרנישט. איך גלויב, אַז זי האָט אַזאַ אַנונג וועגן דערציונג פון קינדער, ווי איך וועגן שפּילן אויף אַ גיטאַרע. כ'ווייס נישט, פון וואַנען קומט אַזעלכעס, איך בין אָבער זיכער, אַז זיי קומען פון דער מדינה פון די ליידיקגייערס.

— פון וואַנען זיי זאָלען נישט קומען, טערעסע, זענען זיי אָבער זייער אומגליקלעך, און אויפן בוידעם איז קאַלט.

— בלי ספק! דער דאַך איז דורכגעלעכערט אין עטלעכע ערטער און דער רעגן רינט אַריין פון אַלע זייטן. זיי האָבן נישט, נישט קיין מעבל און נישט קיין וועש. דער סטאָליער און דער וועבער אַרבעטן נישט, כ'גלויב אַזוי, פאַר אַזעלכע קריסטן!

— עס איז זייער טרויעריק, טערעסע, וואָס די דאָזיקע

קריסטלעכע פרוי האָט וויניקער באַקוועמלעכקייט, ווי האַמיקאַר, דער געצנדינער. וואָס זאָגט זי דערצו?

— כ׳רעד קיינמאָל נישט מיט די לייט. כ׳ווייס נישט, וואָס די זאָגט, און נישט וואָס זי זינגט. זי זינגט אָבער אַ גאַנצן טאָג, כ׳הער איר שטים אויף די טרעפּ, בעת איך גיי אַראָפּ אָדער כ׳קער מיך אום אַהיים.

— אַזוי! דער יורש פון די קאַקאָס וועט קענען זאָגן אַזוי ווי דאָס איי אין יענעם פאָלקס-רעטעניש: „מיין מאַמע האָט מיך געהאַט זינגענדיק.״ אַן ענלעכע געשיכטע האָט פּאַסירט מיטן קיניג אַנרי דעם פערטן. אַז זשאַננע ד׳אַלבער האָט דער-פילט די געבורטס-ווייטיקן, האָט זי אָנגעהויבן צו זינגען אַ אַלט לידל:

„הייליקע יונגפרוי פון עק פון דער בריק,
„קום מיר די אויסע רגע צו הילף!
„זיי מתפלל צום האַר פון די הימלען,
„אַז ער זאָל מיך אויסלייזן שנעל
„און מיר אַ יונגל געבן!״

עס האָט בלי ספק לחלוטין נישט קיין זין, אַז אומגליקלע-כע מענטשן זאָלן קימען אויף דער וועלט. דאָס קומט אָבער פאַר יעדן טאָג, מיין אָרעמע טערעסע, און אַלע פילאָזאָפן פון דער וועלט וועלן נישט אימשטאַנד זיין צו רעפאָרמירן דעם דאָזיקן נאַרישן מנהג. מאַדאַם קאַקאָ האָט אים אָנגעווענדעט אין לעבן און זינגט. אַזוי איז ריכטיק. זאָגט מיר אָבער, טערעסע, צי האָט איר זיך שוין היינט גענומען צום מיטאָג-קאָכן?

— יאָ, כ׳האָב שוין צוגעשטעלט צום קאָכן, כ׳מוז מיך טאַקע צוריקקערן אין קיך אריין, אַראָפּנעמען די שוים.

— זייער גוט! פאַרגעסט אָבער נישט אָפּצושעפּן פון קעסל אַ פיינע פּאָרציע יויך פאַר אונזער שכנטע, מאַדאַם קאַקאָ.

מיין באַלעבאָסטע האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון צימער, בעת איך האָב זי צוריקגערופן:

— טערעסע, זייט אַזוי פריינטלעך און רופט אַרויף אייער פריינט, דעם שיק-יונגל און זאָגט אים, ער זאָל אַרויפטראָגן

אַ שפּאָר בינטל האָלץ פון אונזער קאַמער צו די קאָקאָס. חוץ די קלענערע שטיקלעך געהילץ, זאָל ער אויך נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אַ גרויסן קלאָץ. וואָס שייך דעם האָמונקולוס, בעט איך דיך, אַז ער וועט קומען, זאָלסטו אים אַריינפירן צו מיר מיט אַלע זיינע געלע ביכער.

אָבגעבנדיק די אַלע קליינע פאַראָרדנונגען מיטן ראַפּינירטן עגאָיזם פון אַן אַלטן בחור, האָב איך מיך ווידער גענומען לייענען מיין קאַטאַלאָג.

ווי געריירט בין איך געוואָרן און איבערראַשט, בעת איך האָב אַנטדעקט דעם זאַץ, וועלכן ס'איז מיר שווער צו ציטירן אָן האַנט-ציטערניש:

„די גאָלדענע לעגענדע וועגן זשאַק דע זשען (זשאַק דע וואָראַזשין), פראַנצויזישע איבערזעצונג, קליינער פאָרמאַט אין קוואַרטאָ.

„דער דאָזיקער כתב-יד פון פערצנטן יאָרהונדערט, אַנטהאַלט אחוץ אַ פולשטענדיקער איבערזעצונג פון זשאַן דע וואָראַזשינס באַרימט ווערק: 1) די לעגענדעס פון די הייליקע פּעררעאָל, פּעריסיאָן, זשערמען, ווענסענט און דראָקטאָווע; 2) אַ פּאָעמע וועגן דעם „וווּנדערבאַרן קבר פון דעם הייליקן זשערמען ד'אָקסער". די איבערזעצונג, די לעגענדעס און די פּאָעמע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם גלח זשאַן טומויע.

„דער כתב-יד איז געשריבן אויף פּאַרמעט-פּאַפּיר. ער אַנטהאַלט אַ גרויסע צאָל אָרנאַמענט-אותיות און צוויי מיניאַטורן, פיין אויסגעאַרבעטע, וואָס האָבן זיך אָבער שלעכט קאָנסערווירט. איינע שטעלט פאָר די ריייניקונגס-טבילה פון דער יונגפרוי, און די צווייטע די קרוינונג פון פּראָזערפּינע."

וואָס פאַראַ אַנטדעקונג! מיין שטערן האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס און מיינע אויגן האָבן זיך איינגעהילט אין אַ נעפּל. איך האָב אָנגעהויבן צו ציטערן, כ'בין געוואָרן רויט און נישט זייענדיק בכוח צו רעדן, האָב איך דערפילט אַ באַדערפעניש אַרויסצולאָזן אַ געשריי.

וואָס פאַראַ אוצר! זינט פערציק יאָר שטודיר איך די געשיכטע פון

דער קריסטלעכער גאַליע און בעזונדערס פון דעם גלאָריען-רייכן מאָנאַסטיר פון סען-זשערמען-דע-פרע, פון וואַנען ס'זענען אַרויסגעקומען יענע ק ניגן-גזירים, וואָס האָבן פאַרפעסטיקט אונזער נאַציאָנאַלע דינאַסטיע. נישט געקוקט אויף דער נישט איבריק גענויער באַשרייבונג, איז אָבער פאַר מיר קלאָר געווען, אַז דער כּתב-יד שטאַמט פון דעם גרויסן מאָנאַסטיר. אַלץ האָט מיך אַרויפגעפירט אויף דעם געדאַנק: די לעגענדעס, וואָס זענען בייגעלייגט דורכן איבערזעצער באַציען זיך אַלע צו דער פרומער פונדאַציע פון קיניג שילדעבער. די לעגענדע פון הייליקן דראָקטאָווע איז באַזונדערס אָנערקענונגס-ווערט, ווייל זי דערציילט וועגן ערשטן הייליקן פאָטער פון מיין טייערן מאָנאַסטיר. די פּאָעמע אין פראַנצויזישע פערזן, וואָס איז נוגע דעם קבר פון הייליקן זשערמען, האָט מיך אַריינגעפירט אין דער ערפאָרכטיקער באַזיליקע, וואָס איז בשעתו געווען דער צענטער פון דער קריסטלעכער גאַליע.

„די גאָלדענע לעגענדע" איז פאַר זיך אַליין אַ גרויס און שיין ווערק. זשאַק דע וואָראַזשין, דער ראַטגעבער פון אָרדן פון הייליקן דאָמיניק און ערצבישאָף פון זשענ, האָט אין דרייצנטן יאָרהונדערט צונויפגעזאַמלט אַלע מסורות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די קאַטוילישע הייליקע און צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ רייכע לעגענדן-זאַמלונג, אַז ביי איר אָנבליק פלעגט מען אויסרופן זיין אַלע מאָנאַסטירן און פּאַלאַצן: דאָס איז די „גאָלדענע לעגענדע!" זייער אַן אָנגעזעען אָרט פאַרנעמט אין דער „גאָלדענער לעגענדע" די איטאַליענישע האַגיאָגראַפיע *). די גאַליער, די אַלעמאַנען און ענגלענדער פאַרנעמען דאָרט זייער ווייניק אָרט. וואָראַזשין קוקט אויף די גרעסטע הייליקע פון מערב ווי דורך אַ נעפּל. דערפון נעמט זיך, וואָס די גערמאַנישע און זאַקסישע איבערזעצער פון דער דאָזיקער זאַמלונג, האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צוצוגעבן די לעבנס-באַשרייבונגען פון זייערע נאַציאָנאַלע הייליקע.

איך האָב געלייענט און פאַרגלייכט אַ סך כּתב-ידן פון

*) האַגיאָגראַפיע — לעבנס-באַשרייבונג פון די קריסטלעכע הייליקע. (באַם. פ. איבערזעצער).

דער „גאָלדענער לעגענדע". מיר זענען באַקאַנט די, וועלכע עס באַשרייבט מיין געלערנטער קאָלעגע ה׳ פּאָלען פּאַרי, אין זיין שיינעם קאַטאַלאָג פון מאַנוסקריפּטן אין דער קיניגליכער ביבליאָטעק. צוויי כתב-ידן האָבן באַזונדערס געצויגן אויף זיך מיין אויפמערקזאַמקייט. איינער איז פון פערצנטן יאָרהונדערט און איז כולל אַן איבערזעצונג פון זשאַן בעלע, אַ צווייטער, יונגער מיט הונדערט יאָר, אַנטהאַלט די איבערזעצונג פון זשאַק וויניע. ביידע שטאַמען פון דער קאָלבער-פונדאַציע, און האָבן געפונען אַ מקום-מקלט אין דער באַרימטער קאָלבער-ביבליאָטעק אַ דאַנק די באַמיונגען פון ביבליאָטעקאַר באַליז, וועמענס נאָמען איך רעד אַרויס מיטן גרעסטן רעספּעקט, וואָרים אין דער עפּאָכע פון די ערודיציע-גדולים, פאַרחידושט אונז באַליז פּשוט מיט זיין גרויסקייט. מיר איז באַקאַנט זייער אַן אינטערעסאַנטער עקזעמפּלאַר פון דער ביגאָ-פונדאַציע; מיר זענען באַקאַנט פּיראונזעכציק געדרוקטע אויסגאַבן, אָנהייבנדיק פון זייער ערפּאָרכטיקן אורזיידע, דעם גאָטישן עקזעמפּלאַר פון שטראַסבורג, וועלכער איז אָנגעהויבן געוואָרן אין יאָר 1471 און פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1475. קיין איינער פון די מאַנוסקריפּטן, קיין איינע פון די דאָזיקע אויסגאַבן, אַנטהאַלטן נישט די לעגענדעס פון די הייליקע פערעאָל, פעריסיאָן, זשערמען, ווענסען און דראָקטאָווע, קיין איינער טראָגט נישט אויף זיך דעם נאָמען פון זשאַן טומויע און קיין איינער שטאַמט נישט פון מאָנאַסטיר סען-זשערמען דע פּרע. זיי אַלע זענען אין פאַרגלייך מיטן מאַנוסקריפּט פון טאָמפּסאָן, זענען זיי אַלע בלאָטע קעגן גאָלד. און אָט זע איך מיט מיינע אייגענע אויגן, ריר אָן מיט די פינגער אַ בולטן באַווייז פון דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן דאָקומענט. אָבער דער דאָקומענט אַליין, ווו איז ער אַהינגעקומען? סער טאָמאַס ראַלי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף די ברעגעס פון דער קאָמאָ-אָזיערע, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ טייל פון די וויכטיקע אוצרות. ווו האָבן זיי געקענט אַהינקומען נאָכן טויט פון יענעם עלעגאַנטן גריבלער? ווו האָט געקאָנט פאַרפאַלן ווערן דער כתב-יד פון זשאַן טומויע?

— צו וואָס, — האָב איך מיר געטראַכט, — צו וואָס האָב

איך מיך דערוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דאָזיקן וועטשפולן בוך, אויב איך בין נישט אימשטאַנד אים צו באַקומען, זען מיט מיינע אויגן? כ׳וואָלט מיך אוועקגעלאָזט אים זוכן אין פלאַמענדיקן האַרצן פון אַפריקע אָדער צווישן די אייזבערג פון פּאָל, ווען איך וואָלט נאָר געוועזן זיכער, אַז ער געפינט זיך דאָרט. איך ווייס אָבער נישט, ווו ער געפינט זיך. כ׳ווייס נישט, צי איז ער באַהאַלטן דורך אַ פאַנאַטישן ביבליאָמאַן אין אַן אייזערנער שאַנק אונטער אַ דרייפאַכן שלאָס; צי פוילט ער גאָר אַמאָל אויפן בוידעם פון אַ איגנאָראַנט. איך ציטער ביים בלויזן געדאַנק, אַז מיט זיינע צעריסענע בלעטלעך זענען איבערגעדעקט די טעפ-פען מיט זייערע אוגערקעס פון עפעס אַ באַלעבאָסטע.

מיד פון דער היץ האָב איך געשטעלט פאַמעלעכע טריט.
איך האָב מיך געשאַרט לענג אויס די מויערן פון צפון־בולוואַר,
און אין דער זומערדיקער טונקלקייט האָבן די קראָמען פון אַל־
טע ביכער, בילדער און אַלט מעבל פריילעך געשמייכלט צו מיר
און גערעדט צו מיין אינטעלעקט. שלעפנדיק זיך אַזוי, האָב איך
דורכגעלייענט אויפן וועג אייניקע ווילקלינגנדיקע פערזן פון
עפּעס אַ דיכטער פון דער פּלעיאַדע, כ'האָב לאַנג באַטראַכט אַ
בילד פון וואַטאָ, וואָס שטעלט פאָר אַן עלעגאַנטע מאַסקאַראַדע,
כ'האָב באַמערקט עפּעס אַ זעבל מיט צוויי שאַרפן, און אַ פּאַן
שטאָלענעם פּאַנצער און אַ שפּיז. וואָס פאַראַ ריזיקער קאַסק און שווע־
רער פּאַנצער! מיין גאָט! צי איז דאָס די באַוואָפנונג פון אַ
ריז? ניין; דאָס איז דער פּאַנצער פון אַ אינזעקט. די מענטשן
פון אַמאָל זענען געווען פאַרפּאַנצערט, ווי אַ זשוק; זייער שוואַכ־
קייט האָט געשטאַמט פון אינעווייניק. היינט איז פּונקט פאַרקערט,
אונזער קראַפט איז אינעווייניק אין אונז, און אונזער באַוואָפנט
נשמה וווינט אין אַן אָפּגעשוואַכטן גוף.

אָט איז אַ פּאַסטעל פון אַ דאַמע פון דער פאַרגאַנגענער
עפּאָכע. דאָס פּנים, האַלב אָפּגעווישן, שמייכלט; און מען זעט אַ
העמבל אין אַזשורעזע הענטשקעס, וואָס האַלט אויף די קני אַ
הינטל, איינגעוויקלט אין סאַטין־בענדלעך. דאָס פּאָזיקע בילד
וועקט אויף אין מיר אַ שטילן, רייצנדן טרויער. זאָלן די, וואָס

טראָגן נישט קיין אָפּגעריבענע פּאַסטעלן אין זייער נשמה, חוזק מאַכן פון מיר!

אַזוי ווי אַ פערד, וואָס שפּירט די נאָענטקייט פון שטאַל, אײַל איך מיך און דערנענטער זיך צו מיין וווינונג. אָט איז אַ מענטשלעכער בינשטאָק, ווו איך האָב מיר מיין קעמערל, כדי צו פּראָדוצירן אין אים דעם עטוואָס הארבן האָניק. מיט שווערע טריט גיי איך אַרויף אויף די טרעפּ. נאָך עטלעכע טרעפּ און איך בין ביי מיין טיר, איך שטויס מיך מער אָן ווי איך זע, אַ קלייד, וואָס גייט אַראָפּ מיט אַ געראַוש פון שורשענדיק זייד, איך שטעל זיך אָפּ און האַלט מיך אָן ביים אָנלען. די פרוי, וואָס קוקט מיר אַקעגן איז אין די בלויזע האָר, זי איז יונג, זי זינגט; אירע אויגן און ציין בליצן אויף אין דער טונקלקייט, וואָרים זי לאַכט מיטן מויל און אויגן. מסתמא איז דאָס אַ שכנטע. זי האַלט אויף דער האַנט אַ שיין קינד, אַ קליין יונגעלע, איינגעפּאַקט אַ נאַקעטס, ווי אַ זון פון אַ געטין: אויפן יונגלס האַלדז באַמבלט זיך אַ מעדאַל, אָנגעבונדן אויף אַ זילבערן קייטל. איך זע, ווי ער זויגט זיינע גרויסע פינגער און קוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגן, צעעפנטע אויף דער עלטער און פאַר אים שפּאָגל-נייער וועלט. די מוטער קוקט אויף מיר אין דער זעלבער צייט מיט אַ געהיימנישפולן און קאָקעטישן בליק; זי שטעלט זיך אָפּ, ווערט רויט, ווי מיר דאַכט זיך, און דערלאַנגט מיר דאָס קליינע באַשעפעניש. דאָס קינד האָט אַ חנודיקן קנייטש אויף דער האַנט און ווייכן האַלדז, און פון קאָפּ ביז צו די פיס איז עס פול מיט שיינע חן-גריבעלעך, וואָס שמייכלען אַרויס פון ראָזן קערפּערל.

די מוטער ווייזט אים מיר מיט שטאָלץ:

— נישט אמת, — רופט זי זיך אָן צו מיר אין אַ מעלאָדישער שטים, — אַז ער איז אַ שיינינקער, מיין קליינער יונגל?

זי נעמט זיין הענטל און לייגט עס צו צו זיין מיילעכל, דערנאָך רוקט זי צו די ראָזע פינגערלעך אין מיין זייט און זאָגט:

— קינד-לעבן, שיק אָבער אַ לופט-קוש דעם הער. דער

הער איז אַ גוטער, ער וויל נישט, אַז קליינע קינדער זאָלן ליידן קעלט, שיק אים איבער אַ קוש!

און צודריקנדיק פעסט דאָס קליינטשיקע אין אירע אָרעמס, אַנטלויפט זי מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ און ווערט פאַרשוווּנדן אין אַ קאָרידאָר, וועלכער פירט אין אַ קיך, ווי מען קאָן און טיילן פון די ריחות, וואָס דערטראָגן זיך פון דאָרט.

איך גיי אריין צו מיר אין וווינונג.

— טערעסע, ווער קאָן זיין די יונגע מוטער, וועלכע איך האָב אָקאָרשט געזען אויף די טרעפ אין די בלויזע האָר מיט אַ קליין שיין קינד אויף די הענט?

טערעסע ענטפערט מיר, אַז דאָס איז מאַדאַם קאָקאָ.

איך הייב אויף מיינע בליקן צום סופיט, ווי כ׳וואָלט דאָרט געזוכט עפּעס אַ דערקלערונג. טערעסע דערמאַנט מיר דעם קליינעם קאָלפּאָרטער וועלכער האָט מיר פאַראיאָרן געבראַכט פאַרשידענע ביכער. בעת זיין ווײַב איז געלעגן אין קינפּעט.

— און קאָקאָ? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט מיר געענטפערט, אַז איך וועל אים שוין מער נישט זען. דאָס אָרעמע קליינע מענטשעלע האָט געפונען זיין מנוחה אין דער ערד, אָן מיין וויסן און אָן דעם וויסן פון אַנדערע, אַ קורצע צייט נאָך דער גליקלעכער אַנטבינדונג פון פרוי קאָקאָ. כ׳בין געוווּיר געוואָרן, אַז די אלמנה האָט זיך געטרייסט איך אויך.

— אָבער, טערעסע, — האָב איך געפרעגט, — צי ליידט דען נישט מאַדאַם קאָקאָ קיין נויט?

— איר וואָלט געווען אַ גרויסער שוטה, מיין הער, ווען איר האָלט אייך געזאָרגט וועגן דעם גורל פון דער דאָזיקער פרוי, — האָט מיר געענטפערט מיין באַלעבאָסטע. מ׳האָט איר געקינדיקט די דירה אויפן בוידעם, וואָרים דער דאַך איז שוין פאַראָכטן. זי אבער איז דאָרט ווייטער פאַרבליבן וווינען, נישט געקוקט אויפן ווידערשטאַנד פוןווירט, פאַרוואַלטער און הויזוועכטער. איך גלויב, אַז זי האָט זיי אַ״ע פאַרצויבערט, זי וועט אָפּרוימען איר בוידעם-שטיבל, דעמאָלט ווען איר וועט עס געפעלן, און

וועט עס אָבער פאַרלאָזן אין אַ קאַרעטע. איך זאָג עס אייך.

טערעסע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי אַרויסגעזאָגט פאָלגנדע סענטענץ:

„אַ שיין פּנים איז אַ קללה פון הימל!“

הגם איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז טערעסע האָט אפילו אין אירע יונגסטע יאָרן נישט געזינדיקט מיט שיינקייט און נישט פאַרמאָגט קיין ברעקעלע חן, האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָנגערופן זיך צו איר מיט בייזער פרייד:

— הע! הע! טערעסע, עפּעס ווייס איך אויך, אַז איר זענט אין דער יוגנט געווען אַ שיינע.

מען טאָר אָבער נישט ברענגען צו אַ נסיון קיין שום מענטש אויף דער וועלט, אפילו נישט אַ הייליקן.

טערעסע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— נישט זייענדיק דאָס וואָס מען רופט אָן שיין, האָב איך פונדעסטוועגן געקענט געפעלן ווערן. און ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך געטאָן דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן.

— ווער וואָלט דען געוואָגט צו צווייפלען דערין? געבט צו, כ'בעט אייך, מיין שטעקן און הוט, כ'וויל גיין איבערלייענען אַ פּאָר זייטלעך פון מאָרערי; אויב מיין חוש-הריח פירט מיך נישט אַריין אין אַ טעות, וועלן מיר היינט אויף מיטאָג האָבן אַ געבראָטענעם קאַפּהאָן. זע אָפּצוהיטן ווי געהעריק, טאָכטער מיינע, דעם דאָזיקן ווערטפולן עוף און שוין דיינע נאָנטע, כדי מען זאָל אויך אונז שוינען, דיך און דיין אַלטן באַלעבאָס.

זאָגנדיק דאָס, האָב איך מיך פאַרטיפט אין שטודירן די קאָמפּליצירטע גענעאַלאָגיע פון אַ געוויסער פירשטלעכער פאַמיליע.

7-טער מיי 1856.

איך האָט פאַרבראַכט דעם ווינטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ תּלמיד-חכם, האַלט דיק זיך ביים פּרינציפּ „In angello cum libello"*)
און אָט האָבן די קליינע שוואַלבן פון בולוואַר מאַלאַקע מיך געטראָפן ביים צוריקקער אפילו אויף אַ האָר נישט געענדערט.
דער וואָס לעבט ווייניק, ענדערט זיך נישט פיל, און פאַרברענגען די טעג אויף לייענען אַלטע טעקסטן, הייסט בכלל נישט געלעבט.

פונדעסטוועגן פיל איך היינט מער ווי אַן אַנדער מאָל, אַז אַן אומעט לייגט זיך ווי אַ שאָטן אויף מיין לעבן, מיין אינטעלעקט (איך וואָג זיך נישט אליין מודה זיין דערצו) איז פולשטענדיק אויפגעטריסלט געוואָרן פונם מאָמענט אָן, ווען ס'איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרן די עקזיסטענץ פון זשאַן טומו עס כתב-יד.

עס קומט אויס חידושלעך, וואָס צוליב אַ פּאָר בלעטלעך פון אַלטן פּאַרמעט, האָב איך פאַרלוירן מיין רו, און פונדעסטוועגן איז דאָס דער ריינער אמת. דער אָרעמאַן, וואָס האָט נישט קיין שום באַגערן, פאַרמאָגט דעם גרעסטן אוצר: זיך אליין. דער רייכער, וועלכער באַגערט, איז נישט מער, ווי אַן עלנטער שקלאַף. די גרעסטע פאַרגעניגנס, ווי אַ שמועס מיט אַ קלוגן און איידעלן מענטש, אָדער עסן מיטאָג אין דער געזעלשאַפט פון אַ גוטן פריינט, דערלויבן מיר נישט צו פאַרגעסן אפילו אויף איין רגע דעם

כתב־יד, וועלכער פעלט מיר, זינט ווען איך האָב מיך דערוווּסט וועגן זיין עקזיסטענץ. ער פעלט מיר בייטאָג, ער פעלט מיר ביינאַכט; ער פעלט מיר, בעת איך בין פריילעך און בעת איך בין טרויעריק; ער פעלט מיר בעת דער אַרבעט און בעתן אָפּרו.

אויפן זכרון שווימען אויף די באַגערן פון די קינדער־יאָרן. ווי פאַרשטענדלעך קומען מיר איצט פאָר די מאַכטיקסטע ווּנטשן פון מיינע פריִעסטע יאָרן!

פאַר מיינע אויגן שטייט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גענויקייט אַ ליאַלקע, וועלכע איז, בעת איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, געווען אַרויסגעשטעלט אין אַ געשעפט אויף דער גאַס פון דער סענע. ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס די ליאַלקע איז מיר געפעלן געוואָרן, ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. כ׳בין געווען זייער שטאָלץ, וואָס כ׳בין אַ יונגל, כ׳האָב מיך באַצויגן מיט ביטול צו קליינע מיידלעך און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער מינוט (וועלכע איז ליידער געקומען!) ווען אויף מיין קינבאָרד וועלן אויסשפּראָצן די ערשטע הערעלעך. איך האָב מיך געשפּילט אין זעלנער, און וועלנדיק געבן צו עסן מיין פערדל אויף רעדער, האָב איך געמאַכט אַ תל פון די פלאַנצונגען, וועלכע מיין אָרעמע מאַמע האָט קולטיווירט אויפן פענסטער. דאָס זענען געווען אמת מענערישע שפּילן, אַזוי גלויב איך! און דאָך האָב איך געוואָלט האָבן אַ ליאַלקע. אפילו הערקולעס האָט זיך אויך זיינע שוואַכע זייטן. צי איז די, וועלכע איך האָב געליבט, געווען לכל הפחות שיין? ניין, איך זע זי נאָך איצטער. זי האָט געהאַט אַ רויטן פלעק אויף יעדער באַק, קורצע און ווייכע אָרעמס, העסלעכע הילצערנע הענט און לאַנגע, צעקראַטשעטע פיס. איר געבלימלט קלייד איז געווען צוגעשטעפּט צו איר מיט צוויי שפּילקעס, נאָך איצטער זע איך די צוויי שוואַרצע קעפּלעך פון די ביידע שפּילקעס. דאָס איז געווען אַ ליאַלקע פון דער פאָרשטאָט. איך געדענק גאַנץ גוט, הגם איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ ראַצער, אַז דער ליאַלקע האָט געפעלט חן און דיסטינקציע, אַז זי איז געווען אומגעלומפּערט און ברוטאַל. פונדעסטוועגן האָב איך זי אָבער געליבט, דווקא דערפאַר זי ליב געהאַט.

נאָר איר האָב איך ליב געהאַט, נאָר איר האָב איך באַגערט. מײַנע זעלבער און מײַנע פּויקן האָבן פֿאַרלוירן דעם חן אין מײַנע אויגן. איך האָב אויפֿגעהערט צו דערנערן מײַן פֿערד מיט צװייגן פֿון העליאָטראָפּ און װעראָניק. די ליאַלקע האָט מיך פֿולשטענדיק אַבסאָרבירט. איך פֿלעג אויסטראַכטן די פֿאַרשידנסטע תּירוצים, כּדי צו צװינגען מײַן גוּװערנאַנטין, דורכצוגײן מיט מיר פֿאַרבײַ דעם קלײנעם געשעפֿט אויף דער גאַס פֿון דער כּ״ע. כ׳האָב אָנגעשפּאַרט מײַן נאָז אין שויפֿענסטער און מיט גרויס מי איז מײַן גוּװערנאַנטין געלונגען מיך אָפּרײַסן פֿון פֿענסטער. „הער סילװעסטער, ס׳איז שוין שפּעט, און די מאַמע װעט זיך בײַזערן״. הער סילװעסטער האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט דעמאָלט פֿון דער מאַמעס צאָרן און קלעפּ. זײַן באַנע האָט אים אָבער אַ הײב געטון װי אַ פּעדער און ה׳ סילװעסטער, האָט געמוזט קאַפּיטולירן פֿאַר דער שטאַרקערער קראַפֿט. ערשט מיט דער צײַט איז ער קאַליע געװאָרן און הײַנט קאַפּיטולירט ער זײער מורא. דעמאָלט האָט ער אָבער פֿאַר קײן שום זאַך נישט מורא געהאַט.

כ׳בין געװען אומגליקלעך. אַן אומפֿאַרשטענדלעכע בושה, װעלכע איך האָב אָבער בשום אופֿן נישט געקענט בײַקומען, האָט מיר נישט געלאָזט פֿאַרטרויען פֿאַר מײַן מוטער דעם אָביעקט פֿון מײַן ליבע. אין משך פֿון אײניקע טעג איז די ליאַלקע מיר נישט אַראָפּ פֿון זינען, זי האָט געטאַנצט פֿאַר מײַנע אויגן, מיך אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענדע בליקן, אויסגעשטרעקט צו מיר די אָרעמס, אָנגענומען אין מײַן אימאַגינאַציע אַ לעבעדיקע געשטאַלט, װאָס האָט זי געמאַכט געהײמניספֿול און שרעקלעך און דערפֿאַר טײַערער און באַגערנסװערטער.

ענדלעך, אין אַ געװיסן טאָג, װעלכן איך װעל קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן, האָט מיך מײַן באָנע אָװעקגעפֿירט צו מײַן פֿעטער, דעם קאַפּיטאַן װיקטאָר, װאָס האָט מיך פֿאַרבעטן אויף פֿריסטיק. איך האָב שטאַרק באַװוּנדערט מײַן פֿעטער, דעם קאַפּיטאַן, הן דערפֿאַר װײַל ער האָט אויסגעשאָסן די לעצטע פֿראַנצויזישע קוילן בײַ װאַטערלאָאָ, הן דערפֿאַר װאָס ער האָט מיט זײַנע אײגענע הענט בײַ מײַן מאַמעס טיש צוגעריכט שװאָמען אין

בוימל מיט קנאָבל און עס דערנאָך געטונקען אין סאָלאַט מיט ציקאָריע. מיין פעטער וויקטאָר האָט אויך געוועקט אין מיר אסך רעספּעקט צוליב זיין פּעלעריגע אויפן בראַנדענבורגער פאַסאָן, ווי אויך צוליב זיין ספּעציעלער פעיקייט איבערצודרייען דאָס גאַנצע הויז מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, ווי נאָר ער פלעגט זיך באווייזן. ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך אלץ נישט, ווי אזוי דאָס איז געשען, איך קען אבער פארזיכערן, אז בעת מיין פעטער וויקטאָר האָט זיך געפונען אין א געזעלשאַפט פון צוואַנציק פּערזאָן, האָט מען נאָר אים געזען און געהערט רעדן. מיין זעלבסט פעטער האָט דאַכט זיך, נישט איבעריק געהאַלטן פון פּעטער וויקטאָר, וועלכער האָט אים פארסמט די לופט מיט זיין ליולקע, געקלאַפּט פון גוטפריינטשאַפט מיט דער פויסט אין זיינע פּלייצעס און אים פארגעוואָרפן מאַנגל אין ענערגיע. מיין מוטער, הגם זי האָט ווי א שוועסטער אים מוחל געווען א סך זיינע חסרונות, האָט זי אים פון צייט צו צייט דערמאַנט, אז ער זאָל נישט טרינקען אזויפיל בראַנפן. איך האָב מיך אבער וויניק געמישט אין די אלע זאַכן און דער פעטער וויקטאָר האָט געוועקט אין מיר דעם גרעסטן ענטוזיאַזם. איך פלעג דעריבער מיט א געפיל פון שטאָלץ קומען צו גיין אין זיין קליינער וווינונג אויף דער גענעגאָ-גאַס. דער גאַנצער פרישטיק, צוגעגרייט אויף א קיילעכיק טישל ביים קאַמין, איז באַשטאַנען פון וואָרשט און באַשערייען.

מיין פעטער האָט מיך מכבד געווען מיט קיכלעך און וויין. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר אויף א ריי עוולות, וואָס זענען קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן. ער פלעגט זיך באַזונדערס קלאָגן אויף די בורבאָנען, און מחמת דעם, וואָס ער האָט פארגעסן מיר צו דערקלערן, ווער זענען עס די בורבאָנען, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, אז די בורבאָנען זענען פערדהענדלער פון וואַטערלאָאָ. דער קאַפּיטאַן, וועלכער פלעגט מפסיק זיין בעתן רעדן נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט געמוזט אָנפילן די גלעזלעך מיט בראָנפן, האָט באַשולדיקט אָן א שיעור טויגעניכטן, לומפּן, וועלכע איך האָב לחלוטין נישט געקענט, אבער איך האָב

די פיינט געהאט פון גאנצן הארצן. ביים דעסער האט זיך מיר געדאכט, אז דער קאפיטאן זאל זיך האבן אויסגעדריקט, אז מיין פאטער איז א מענטש, וואס לאזט זיך פון יעדן איינעם פירן ביי דער נאָז; איך בין אבער נישט אינגאנצן זיכער, צי כ'האב אים גוט פאַרשטאנען. אין די אויערן האט מיר געברויזט, און ס'האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז דאס טישל דרייט זיך צוזאמען מיט מיר.

מיין פעטער האָט אָנגעטון זיין בראַנדענבורגער פעלערינע און דעם מושקעטער-הוט, און מיר זענען אַרויס אין גאַס, וואָס איז מיר פאַרגעקומען אינגאַנצן געענדערט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט, ווי איך בין אויף איר נישט געווען. פונדעסטוועגן, ווען מיר האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס פון דער סטנע, איז מיר אומגעריכט געקומען אויפן געדאַנק די ליאַלקע און מיך אַריינגעפירט אין אַ צושטאַנד פון געוואַלטיקער עקזאַלטאַציע. מיין קאָפּ איז געווען אין פלאַמען, איך האָב מיך אַנטשלאָסן אויף אַ וויכטיקן שריט. מיר זענען גראָד פאַרביי געגאַנגען לעבן דעם געשעפט; זי איז געשטאַנען אַרויסגעשטעלט אינם שויפענסטער, מיט אירע רויטע באַקן, מיטן געבלימלטן קלייד, און גרויסע אומגעלומפּערטע פיס.

— פעטער-לעבן, — האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט, — אפשר וואָלסטו מיר געקויפט די ליאַלקע?

כ'האָב געוואַרט.

— קויפן אַ יונגל אַ ליאַלקע, צו אַלדי רוחות! — האָט אויסגערופן מיין פעטער מיט אַ דונערנדיקער שטים. — אַ חרפּה און אַ בושה! וואָס דיר האָט זיך געקאָנט פאַרגלוסטן, אָט יענע באַשע. איך גראַטוליר דיר מיין טייערער, אויב דו וועסט האָבן דעם זעלבן געשמאַק אין צוואַנציק יאָר אַרום און ס'וועט זיך דיר פאַרגלוסטן קויפן ליאַלקעס ווי איצט, וועסטו קיינמאָל נישט האבן קיין הנאה אין לעבן, איך זאָג עס דיר פאָרויס, און דיינע חברים וועלן פון דיר חוזק מאַכן! בעט, אַז כ'זאָל דיר קויפן אַ שווערדל, אַ ביקס, וועל איך עס טון, מיין יונגל, אפילו ווען עס זאָל מיר אויסקומען אויסצוגעבן דעם לעצטן גראָשן פון מיין פענסיע. אָבער קויפן דיר אַ ליאַלקע, כדי דו זאָלסט ווערן צו שאַנד! ניין, צו

אַלדי רוחות, פאַר קיין שום פאַל נישט! אויב איך וואָלט דיך געזען זיך שפּילן מיט אַזאַ שלימזלדיקער באַשע, ווי די, איז זון פון מיין שוועסטער, ביסטו נישט מער מיין שוועסטערן-זון.

הערנדיק די דאָזיקע רייד, האָב איך געפילט, ווי דאָס האַרץ קוועטשט זיך איין אין מיר פאַר ווייטיק און גאָר אַ שטאָלץ. אַ טייוולשער שטאָלץ האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צעוויינען זיך.

מיין פעטער האָט זיך באַלד באַרויקט און ווידער זיך צוריקגעקערט צו די בורבאָנען; איך אָבער בין אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון זיין אויפרעגונג און מיין פּנים האָט געפלאַמט פאַר בושה. איך האָב באַלד אויפן אָרט אָנגענומען אַ באַשלוס. איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט נישט אַראָפּצוגיין פון ערן-וועג; כ'האָב מיך אויף אייביק אָפּגעזאָגט פון דער ליאַלקע מיט די רויטע באַק. אין דער רגע האָב איך דערפילט דעם זיס-ביטערן טעם פון אַ קרבן.

קאַפּיטאַן, אויב ס'איז אפילו אמת, אַז דו האָסט אין משך פון דיין גאַנץ לעבן זיך געזידלט ווי אַ געצנדינער, גערויכערט ווי אַ שווייצער, און געטרונקען ווי אַ קלויסטער-קלינגער, איז אָבער דיין ערע פאַרבליבן אומבאַפלעקט. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל דו ביסט געווען אַ מענטש מיט קוראַזש, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דו האָסט אויפגעוועקט אין דיין שוועסטערן-זון אין די קורצע הייזלעך, דאָס געפיל פון העראָיזם! שטאָלץ און פוילקייט האָבן פון דיר געמאַכט כמעט אַן אומגעלומפּערטן מענטש, פעטער מיינער וויקטאָר! אָבער אונטער דיין מאַנטל האָט געקלאַפּט אַ גרויס האַרץ.

כ'דערמאַן מיך, אַז דו האָסט געטראָגן אַ רויז אין לאַץ. יענע בלום, וועלכע דו פלעגסט אַזוי גערן פאַרטיילן אַלע מיידלעך און פאַרקויפערינס. יענע בלום מיטן ברייטן האַרץ, וואָס פאַרשפּרייט אירע בשמים-ריחות אויף אַלע זייטן, איז געווען דער סימבאָל פון דיין העלדישער יוגנט. דו האָסט נישט פאַראַכטעט נישט קיין וויין און נישט קיין טיטון, דו האָסט זיך אָבער באַצויגן מיט ביטול צום לעבן. מ'האָט זיך נישט געקענט אָפּלערנען פון דיר, קאַפּיטאַן, נישט קיין גוטע מידות, נישט קיין איידלקייט אין

אומגאַנג, אָבער אין יענער עלטער, ווען מיין באָנע האָט מיר
נאָך אָפּגעווישט די נאָז, האָסטו מיר געגעבן אַ לעקציע פון
ערע און מסירות-נפש, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
דיינע ביינער רוען שוין זינט אַ לענגערער צייט אויפן בית-
עלמין פון מאָנפּאַרנאַס, אונטער אַ באַשיידעם שטיין, אויף וועלכן
עס געפינט זיך די אויפשריפט:

דאָ ליגט באַגראָבן
אַריסטיד וויקטאָר מאַלדאַן
אינפאַנטעריע-קאַפּיטאַן
קאַוואַלער פון ערן-לעגיאָן

נישט אָבער וועגן אַזאַ אויפשריפט האָסטו געחלומט פאַר
דיינע אַלטע ביינער, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף אַזוי
פיל שלאַכטפעלדער און פאַרווילונגס-ערטער. צווישן דיינע פאַ-
פירן האָט מען געפונען די ביטערע און שטאָלצע עפּיטאַפיע,
וועלכע מ'האָט קעגן דיין לעצטן ווילן, נישט געוואַגט אַ ויפצו-
לייגן אויף דיין קבר:

„דאָ ליגט אין אייביקער רו
אַ קעמפער פון דער לואַר".

— טערעסע, מיר וועלן מאָרגן אוועקלייגן אַ קראַנץ פון
אימאָרטעלן אויפן קבר פון קעמפער פון דער לואַר.
טערעסע איז אבער איצט נישטאָ, און פונוואַנעט זאָל זי
זיך איצטער נעמען ביי מיר אויף די עליזייען-פעלדער? דאָרט ביים
עק פון דער אליי דערהויבט זיך צום הימל, דאס גיגאַנטישע
טויער פון דעם טריומפאַלן בויגן, וועמענס געוועלבן טראָגן אויף
זיך די נעמען פון מיין פעטערס וואָפן-קאַמעראַדן. אויף די בוי-
מער פון דער אַליי שפּראָצען אַרויס אין דער פרילינגס-זון, די
ערשטע בלעטלעך, נאָך בלאַסע און ציטערנדיקע. נעבן מיר פאָרן
פאַרביי קאַרעטעס אין דער ריכטונג פון בולאָנער וועלדל. איך
לאָז מיך גיין איבער דער מענטשן-איבערגעפולטער אַליי און אומ-
באַוווסטזיניק שטעל איך מיך אָפּ פאַר אַ קיאָסק, ווו מען פאַר-

קויפט זיסע לעקעכלעך און קאָקאָס־ניס מיט ציטרין. אַ קליין אָפּגעריסן יונגל, באַדעקט מיט שמאַטעס, פון וועלכע עס זעט זיך אַרויס זיין צעפּאַקערטער גוף, עפנט אויף אַ פּאָר גרויסע אויגן אויף די אַלע זיסיקייטן, וואָס זענען אָבער נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר אים. ער ווייזט אַרויס זיין חשק מיט דער גאַנצער אומפאַרשעמטקייט פון דער אומשולד. זיינע גרויסע קיילעכיקע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אינם הויכן פאַרשוין, פון צוקער געמאַכטן: דאָס איז אַ גענעראַל און ער איז אַ ביסל ענלעך צו מיין פעטער וויקטאָר. איך קויף אים און דערלאַנג אים דעם יונגל, וועלכער וואַגט אָבער נישט אויפהייבן אַ האַנט און גלויבט נישט אין דעם גליק; ער קוקט אויף מיר מיט אויגן, וואָס מען זעט ביי הינט און וואָס רעדן: „ווי קענט איר עס אַזוי אומ־ברחמנותדיק חוזק מאַכן פון מיר.״

— נו, ריר דיך. שנעק איינער, — זאָג איך צו אים מיט מיין געוויינלעך האַרט קול, — נעם שוין און עס אויף, ווייל דו ביסט פיל גליקלעכער, ווי איך בין עס געווען אין דיינע יאָרן, ווייל דו קאָנסט, נישט פאַרמינערנדיק דיין כבוד, באַפרידיקן דיינע באַגערן. און דו, פעטער וויקטאָר, דו, וואָס דיין מענלעך פּנים האָט מיר דערמאַנט אָט־אָ דער גענעראַל פון צוקער, קום צו מיר, איינגעהילט אין העלדישקייט, און העלף מיר פאַרגעסן מיין נייע ליאַלקע. מיר זעען אייביקע קינדער און מיר יאָגן זיך אומאויפהערלעך נאָך נייע שפּילעכלעך.

אַ מאָדנע זאַך, ווי די פאַמיליע קאַפקאַ בינדט זיך אין מיין מוח צוזאַמען מיטן געדאַנק וועגן גלח זשאַן טומויע.

— טערעסע, — האָב איך מיך אָנגערופן צו מיין באַלעבאָסטע, וואַרפנדיק זיך אין פאַטעל אַריין, — זאָג מיר, וואָס מאַכט דער יונגער קאַפקאַ, צי האָט ער שוין די ערשטע ציינדלעך, דערלאַנג מיר אויך מיינע פאַנטאָפל.

— ער דאַרף שוין האָבן ציינדלעך — האָט געענטפערט טערעסע, — איך האָב זיי אָבער נישט געזען, אין אַ שיינעם פרילינגס-טאָג איז די מוטער פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיטן קליינעם, איבערלאָזנדיק דאָס מעבל און אַלע אַנדערע שטוב-זאַכן. מ׳האָט געפונען ביי איר אויפן בוידעם-עטיקל 38 פודעלעך פון ליפן פאָמאַדע. דאָס איז שוין איבער דער גרענעץ. זי האָט די לעצטע צייט געהאַט אַ סך באַזוכן און איר גלויבט מסתמא נישט, אַז זי זאָל האָבן אַריינגעטרעטן אין אַ קלויסטער אַריין. דער הויזוועכטערינס קוזינע האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט זי געזען אין אַ קאַרעטע אויף די בולוואַרן. כ׳האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איר סוף וועט נישט זיין קיין גוטער.

— טערעסע, — האָב איך מיך אָנגערופן. — די דאָזיקע יונגע פרוי האָט נישט געהאַט נישט קיין גוטן, נישט קיין שלעכטן סוף. כדי אַרויסצוגעבן וועגן איר אַן אורטייל, מוזן מיר וואַרטן ביזן סוף פון איר לעבן. איר דאַרפט זיך אויך היטן נישט רעדן

שפיל מיט דער הויז-וועכטעריך. איך האָב איינמאָל געטראָפן די
רוי קאַקאָ אויף די טרעפּ און ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי
האָט זייער ליב געהאַט איר קינד, די דאָזיקע ליבע דאַרף פאַ-
רעכנט ווערן לטובת איר.

— דעם קליינעם האָט טאַקע גאָרנישט געפעלט. מ'האָט אין
דעם גאַנצן קוואַרטאַל נישט געפונען אַ קינד, וואָס זאָל זיין בעַ-
סער דערנערט און געצערטלט. יעדן טאָג האָט זי איס געפלעגט
אונטערצולייגן אַ ווייס ציכל און פון דער פרי ביזן אָוונט אים
זינגען לידלעך, פון וועלכע עס פלעגט שטאַרק לאַכן.

— טערעסע, אַ דיכטער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: „אַ
קינד, צו וועמען די מאַמע האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט, איז
נישט ווערט נישט צו זיצן ביים טיש פון די געטער, נישט טועם
צו זיין דאָס געלעגער פון די געטינס.“

געווויר ווערנדיק, אַז מען רעמאַנטירט דעם שטיינערנעם דיל אין דער קירכע פון דער יונג־פרוי פון סען־זשערמען־די־פרע האָב איך מיך אָוועקגעלאָזט אהין מיט דער האָפנונג צו געפינען דאָרט אייניקע אויפשריפטן, וואָס האָבן געקאָנט געפונען ווערן דורך די אַרבעטער. איך האָב אויך נישט געהאַט קיין טעות, דער אַרכיטעקט האָט מיר געוויזן אַ שטיין, וועלכן ער האָט געהייסן אָפּלייגן בײַ דער מויער. איך האָב מיך אָפּגעגעבן כּדי אײַבערצולייענען די אויפשריפט, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויפ׳ן שטיין און אין דער טונקלקייט פון דער אַלטער קלויסטער־בישע נענומען לייענען שטילערהייט די ווערטער, פון וועלכע דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן:

„דאָ האָט געפונען זײַן אייביקע רו אָהאָן מויצ, דער מאָנאַך פון דאָזיקן קלויסטער, וועלכער האָט געהייסן אָבגיסן אין זילבער די קינבאָרד פון הייליקן ווענסאַן און פון הייליקן אַמאַן און דעם פוס פון אינאָסאַן; אין משך פון זײַן גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ פֿליסיקער און גאָטספּאַרכטיקער מאַן. זייט מתפּלל פאַר זײַן נשמה".

אין האָב לייכט אָפּגעווישט מיט מײַן טיכל דעם דיטויב, וואָס האָט באַדעקט דעם ראָזיקן קבֿרות־שטיין; ס׳האָט מיך אָנ־

ועקאפט א גלוסטונג צוצופאלן צום שטיין און אים קושן.

— דאס איז ער, זשאן טומויע, — האב איך אויסגערופן.

און פון דער הויך פון די געוועלבן איז דער נאמען אראפ־געפאלן אויף מיין קאפ מיט א געטראסק און טומל.

איך האב מיך פארשעמט מיט מיין ענטוזיאזם פארן ערנסטן און שווייגנדיקן שווייצער, וואס איז מיר אקעגנגעקומען און כ׳האב מיך שנעל אפגעטראגן.

און דאך איז עס אן שום ספק געווען מיין זשאן טומויע; דער איבערזעצער פון דער „גאלדענער לעגענדע", מחבר פון די לעבנס־באשרייבונגען פון די הייליקע זשערמען, ווענסאן, פאררעאל, פעריסיאן, דראקטאווע איז, ווי כ׳האב עס אלעמאל געהאלטן, געווען א מאנאך אין סען־זשערמען־דע־פרע. און דערצו א גוטער, פרומער מאנאך. ער האט געלאזן אפגיסן א זילבערנע קינבארד, א זילבערנעם קאפ, א זילבערנעם פוס, כדי די דאזיקע ווערטפולע רעשטן זאלן באדעקט ווערן מיט א נישט פארניכטנ־דיקער דעק! צי וועט מיר אבער באשערט זיין צו זען זיין ווערק, אדער צי וועט די דאזיקע נייע אנטדעקונג נאך מער פאר־שטארקן מיין צער?

20-טער אויגוסט 1859.

„איך, וואָס בין נושא חן ביי אייניקע, וואָס ברענג די מענטשן צו אַ נסיון, איך — די פרייד פאַר די צדיקים און די שרעק פאַר די רשעים; איך, וואָס שאַף און מאַך חרוב טעותן, איך נעם אויף מיר אויסצושפּרייטן מיינע פליגל. האַלט עס מיר נישר פאַר קיין עוולה, וואס אין מיין האסטיקן פלי שפּריינז איך דורך איבער דורות־יאָרן".

ווער האט דאָס געזאָגט? דער זקן, וועלכן איך קאָן זייער גוט — די צייט.

שעקספּיר, פאַרענדיקנדיק דעם דריטן אַקט פונם „ווינטער־מעשהלע", פאַרהאלט זיך, כדי איבערצולאָזן דער קליינער פּער־דיטא צייט אויף אויפצוואַקסן אין חכמה און שיינקייט, און ווען ער הייבט דערנאָך אָן דעם פערטן אַקט, רופט ער ארויס דעם אַנטיקן כאָר, מיט וועמענס הילף ער גיט אָפּ אַ דין־וחשבון פאַר די צוקוקערס וועגן די לאַנגע אומאויפהערלעכע טעג, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון אייפערזיכטיקן לעאָנט.

ווי שעקספּיר אין זיין קאָמעדיע, אַזוי האָב איך געמאַכט אַ לאַנגע הפסקה אין מיין טאָגבוך, און נאָכטועגדיק דעם ביישפּיל פון דיכטער, פאָדער איך אויך די צייט אויף צו פאַרענטפערן דאָס דורכלאָזן די צען יאָר, ווייל צען יאָר זענען פאַרביי און איך האָב נישט אָנגעשריבן קיין איין שורה אין מיין העפט און נעמענדיק די פעדער אין האַנט אריין האָב איך ליידער נישט

אין כּיין רשות קיין שום פּערדיטאַ, וועלכע זאָל „אויפוואַקסן אין שיינקייט און חכמה". די יוגנט און די שיינקייט זענען צוויי געטרייע חברים פון דיכטער. די דאָזיקע רייצנדיקע פאַנטאַזיען באַזוכן אונז, פּשוטע מענטשן, נאָר אין משך פון אַ קורצער צייט. מיר ווייסן נישט, ווי אַזוי זיי צו פאַרהאַלטן. ווען דער שאָטן פון אַ פּערדיטאַ וואָלט דורך אַ אומגעריכטן קאַפּריז, געוואַגט אַריינצוקריכן זיך אין מיין שאַרבן, וואָלט ער שרעקלעך צעריבן געוואָרן, אָנטרעפנדיק דאָרט אויף גאַנצע שטויסן פון פאַרדאַרטן פאַרמעט. גליקלעכע זענען די פּאָעטן! זייערע ווייסע האָר שרעקן לגמרי נישט איבער די פלאַטערנדיקע שאָטנס פון אַ העלענע, פראַנצעסקאַ, זשוליעט, אַ יוליע און אַ דאָראָטעע! און די בלויזע נאָז פון אַ סילווסטער באָנאַר וואָלט מסוגל געווען איבערצו-שרעקן אַ גאַנצע מחנה פון ליבהאָבערינס.

פונדעסטוועגן האָב איך ווי יעדער איינער, געהאַט אַ געפיל פאַר שיינקייט; איך האָב אַלעמאָל געפילט דעם געהיימניספולן צויבער, מיט וועלכן די סודותפולע נאַטור האָט באַשאָנקען די לעבעדיקע באַשעפענישן; איך בין אָבער נישט אימשטאַנד געווען נישט צו ליבן און נישט צו באַזינגען די ליבע. אין מיין נשמה, אַן איבערגעפילטער מיט אַלטע טעקסטן און פאָרמולעס, געפין איך ווידער, ווי אַ מיניאַטור אויף אַ בוידעם-שטיבל, דאָס בילד פון אַ קליין פּנימל מיט צוויי אויגן פון אַ נישט פאַרגעס-מיך-בלימל... באָנאַר, מיין פריינט, דו ביסט אַן אַל-טער שוטה. נעם דיך בעסער צום לייענען דעם קאַטאַלאָג, וואָס אַ בוכהענדלער פון פלאָרענץ האָט דיר צוגעשיקט היינט אין דער פרי. דאָס איז אַ קאַטאַלאָג פון מאַנוסקריפּטן און ער זאָגט דיר צו אַ באַשרייבונג פון אייניקע וויכטיקע זאַכן, וואָס זענען פאַרבאַהאַלטן געוואָרן דורך די אַנטיקוואַרן פון איטאַליע און סיציליע. אָט, וואָס עס פּאַסט פאַר דיר און פאַר דיין פּנים!

איך לייען און לאָז אַרויס אַ געשריי. האַמילקאַר, וועלכער האָט מיט דער צייט באַקומען אַן ערנסטן אויסזען, וואָס באַ-אומרויִקט מיך אפילו, באַטראַכט מיך מיט אַ פאָרוואורף אין די אויגן און ס'דאַכט זיך מיר, ווי ער וואָלט מיך פרעגן, צי קאָן

מען סאַקע אויף דער וועלט נישט געפינען קיין אָפּרו, בפ״ט ווען מען קאַן פון אים נישט געניסן אפילו ביי מיר, וואָס איך בין אזוי אַלט, ווי ער.

באַזע״שט פון דער פרייד צוליב דער אומגעריכטער צנט־דעקונג, פיל איך אַ באַדערפניש זיך פאר עמיצן אויסצורעדן דאָס האַרץ. איך ווענד מיך דעריבער צום שווייגנדיקן האַמילקאר מיטן שטראָם רייד פון א גליקלעכן מענטש.

— ניין, האמילקאר, ניין, דער אָפּרו איז נישט פון דער וועלט, און די מנוחה, צו וועלכער דו שטרעבסט, איז אין א סתירה מיט די ארבעטן פון לעבן. און ווער זאָגט דיר, אַז מיר זענען אַלט? הער דיך בעסער צו, וואס איך האב ארויסגעלייענט פון אַט־אָ דעם קאַטאַלאָג און דערנאָך גיב ארויס אַן אורטייל, צי מיר האָבן צייט אויף אָפּצורוען זיך:

„די גאָלדענע לעגענדע פון זשאַק דע וואָראַ־זשין, פראַנצויזישע איבערזעצונג פון פערצנטן יאָר־הונדערט, פון גלח יאָהאַן טומויע.״

„אַן אויסגעצייכנט קאָנסערווירטער כתב־יד, באַפוצט מיט צוויי וווּנדערבאַר געמאָלטע מיניאַטורן, פון וועלכע איינע שטעלט פאָר די ריי־ניקונגס־טבילה פון דער הייליקער יונג־פרוי, און די אַנדערע די קרוינונג פון פראָזערפינע.

„אַלס הוספה צו דער „גאָלדענער לעגענדע״ זענען צוגע־געבן צום סוף די לעגענדעס פון די הייליקע פאָררעאַל, פעריסיאָן, זשערמען און דראָקטאָווע, כח זייטן, און די פאָעמע וועגן ווונ־דערבאַרן קבר פון הייליקן זשערמען ד׳אָקסער, יב זייטן.

„דער דאָזיקער ווערטפולער כתב־יד, וואָס שטאַמט פון דער ביכער־קאָלעקציע פון סער טאָמאַס ראַלי, געפינט זיך ביים היינ־טיקן טאָג ביי ה׳ מיקעל־אַנדושעלאָ פאָליצי פון דזשירדזשענטי״.

— דו הערסט, האַמילקאַר, דער כתב־יד פון יאָהאַן טומויע געפינט זיך אין סיציליע ביי מיקעל אַנדזשעלאָ פאָליצי. צי איז דער דאָזיקער פאַרשוין אַ פריינט פון געלערטע? כ׳וועל אָנשרייבן צו אים.

כ׳האָב עס באַלד געטון, אין מיין בריוו האָב איך געבעטן דעם סעניאָר פּאָליצי, אויסצובאָרגן מיר דעם כתב־יד פון גלחטומויע, און אים געגעבן צו פאַרשטיין אויף וואָס פאַרא סמךאיך פאַרדין אויף אַזאַ טובה, גלייכצייטיק האָב איך געשטעלט צו זיין דיספּאָזיציע איינציקע נישט פאַרעפנטלעכטע טעקסטן, וועלכע איך פאַרמאָג, און וואָס וואָלטן אויך געקאָנט האָבן פאַר אים אַ געוויסן אינטערעס. איך האָב אים שטאַרק געבעטן וואָס שנעלער מיר צו ענטפערן און כ׳האָב מיך אונטערגעחתמעט מיט אַלע מיינע ערן־טיטלען.

— באַלעבאָס! באַלעבאָס! וווהין לויפט איר עס אַזוי, — האָט מיר נאָכגערופן די אַ בערגעשראָקענע טערעסע, איבערהיפּנדיק אין געיעג נאָך מיר צו פיר טרעפּ. און האַנט האָט זי געהאַלטן מיין הוט.

— כ׳גיי אַוועקטראָגען אַ בריוו אויף דער פּאָסט, טערעסע.

— גאָט מיינער אין הימל! ווי קאָן מען עס אַראָפּלויפן ווי אַ משוגענער בגילוי ראש!

— איך בין אַראָפּ פון זינען, טערעסע, און מיט וועמען טרעפט זיך עס דען נישט? גיב מיר שנעלער אַהער מיין הוט.

— און אייערע הענטשקעס, מיין הער! און אייער פּאַראַסאָל!

בעת איך בין שוין געווען גאָר היגטן, האָב איך נאָך אַלץ געהערט, ווי זי האָט מיך גערופן און געקרעכצט.

איך האָב געוואָרט אויך אַן ענטפער פון הער מיקעלאַנ־דזשעלאָ מיט אַן אומגעדולדיקייט, וואָס האָט מיך פשוט אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. איך האָב מיר נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט; כ׳האָב געמאַכט געוואַלטיקע באַוועגונגען; כ׳פלעג עסן און ווידער פאַרמאַכן מיינע ביכער. אַנומלט האָב איך מיטגעלעבט אַ פאַרצווייפלונג צו דער באַנד פון מאָרעלי. האַמילקאַר, וועלכער האָט גראָד געלעקט זיין פע׳, האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן זיין אַרבעט און האַלטנדיק די לאַפּע אויפן אויער, מיך אָנגעקוקט מיט בייזע בליקן. צי האָט ער זיך ווען עס איז געריכט אויף אַזאַ טומל ביי מיר אין דער וווינונג? צי האָבן מיר זיך נישט אָפּגעשמועסט שווייגנדיק צו פירן אַ רויק לעבן? איך האָב געבראָכן דעם אָפּמאַך.

— אָרעמער חבר מיינער — האָב איך אים געענטפערט, — איך בין געפאַלן אַ קרבן פון אַ געפערלעכער ליידנשאַפט, וואָס לאָזט מיך נישט צורו. די ליידנשאַפטן זענען אַ שונא פון אָפּרו; אָבער אָן זיי וואָלט נישט געווען אויף דער וועלט נישט קיין אינדוסטריע און נישט קיין קונסט. יעדער פון אונז וואָלט געשלאָפן נאַקעט אונטערן אויוון, און דו, האַמילקאַר, וואָלסט נישט געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף אַ זיידענעם קישן אינם טעמפּל פון ביכער.

איך האָב נישט באַוויזן לענגער צו האַלטן מיין פאַרטראַג

ח:גן די ליידנשאַפֿטן, ווייל מיין באַלעבאָסטע האָט מיר [illegible]
געבראַכט אַ בריוו. לויט די פּאָסט-מאַרקן האָב איך דערקענט,
אַז דער בריוו איז פֿון נעאַפּאָל, און אָט, וואָס עס איז אין איב
געשטאַנען געשריבן:

זייער חשובער הער!

„אין מיין רשות געפֿינט זיך באמת דער אומפֿאַרגלייכ-
לעכער כּתב-יד פֿון דער „גאָלדענער לעגענדע", וועלכער
איז נישט געבליבן פֿון אייך אומבאַמערקט. זייער וויכטיקע סיבות
דערלויבן מיר נישט בשום אופֿן אַרויסצוגעבן אים פֿון מיין האַנט
אַפֿילו אויף איין טאָג, אויף איין מינוט. ס'וועט אָבער זיין פֿאַר
מיר די גרעסטע פֿרייד און כּבֿוד איבערצוגעבן אים אייך אין
מיין באַשיידן הויז אין דזשירדזשענטי, ווּמען אייער אָנוועזנהייט
וועט צוגעבן אַ סך גלאַנץ און חשיבֿות. דערוואַרטנדיק מיט גרויס
אומגעדולד אייער אָנקום, פֿאַרבלייב איך, הער געלערנטער, אייער
אונטערטעניקסטער און איבערגעגעבנסטער דינער.

מיקעל-אַנדזשעלאָ פּאָליצי

ווייַן ס'חר און אַרכעאָלאָג„

דזשירדזשענטי, סיציליע.

— גרויסאַרטיק! כ'פֿאָר נאָך סיציליע

‚Extremum hunc, Arethusa, mihi concede laborem" *)

*) לעצטער [illegible] — אַרעטוזאַ, [illegible] מיר צו דאָן [illegible]
[illegible], פֿון [illegible].

25-טער אקטאבער 1859.

נאָך דעם ווי איך האָב אָנגענומען אַ באַשלוס און דער־לעדיקט אַלע מײַנע ענינים, איז מיר געבליבן בלויז צו מודיע זײַן מײַן ווירטין וועגן מײַן באַשלוס. כ׳מוז מיך מודה זײַן, אַז כ׳האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי כ׳זאָל אי מעלדן וועגן מײַן אָפּפאָר. איך האָב מיך געשראָקן פֿאַר אירע פֿאָרוווּרפֿן און טרערן. „די דאָזיקע אָרנטלעכע פֿרוי, — האָב איך צו מיר גע־זאָגט, — איז צו מיר זייער שטאַרק צוגעבונדן; זי וועט מיך וועלן פֿאַרהאַלטן, און אײַן גאָט ווייסט, אַז בעת זי וויל עפּעס, פֿעלט איר שוין דעמאָלט נישט אויס קיין רייד, זשעסטן און אויסרופֿן. אין אַזעלכע אומשטענדן וועט זי רופֿן צו הילף די הויז־וועכטע־רין, דעם שטוב־פּוצער, די מאַטראַצן־קלאַפּערין און די זיבן טעכ־טער פֿון פּרוכטהענדלער; זיי אַלע וועלן זיך אַראָפּלאָזן פֿאַר מיר אויף די קני, פֿאַרגיסן טײַכן טרערן און דערבײַ וועלן זיי זײַן אַזוי מיאוס, אַז איך וועל קאַפּיטולירן, בלויז כּדי נישט אָנקוקן מער זייער פּרצוף".

אַזעלכע שרעקלעכע בילדער האָבן פֿאַר שרעק אויפֿגעטריכט אין מײַן קראַנקער פֿאַנטאַזיע. יאָ, די מורא, די פֿרוכטבאַרע מורא, ווי עס דריקט זיך אויס דער דיכטער, האָט געווירן די דאָזיקע פֿאַרזעענישן אין מײַן מוח, ווארים, איך מוז דאָס מודה זײַן אויף די דאָזיקע אינטימע בלעטלעך, איך האָב שטאַרק מורא פֿאַר

מיין באַלעבאָסטע, זי ווייס, אַז איך בין אַ שוואַכער, און דאָס אַלץ נעמט ביי מיר צו דעם קוראַזש בעת די צוזאַמענשטויסן און וויכוחים מיט איר; די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן קומען פאַר גאַנץ אָפט און איך גיב מיך אַלעמאָל אונטער.

מען דאַרף אָבער פּאָרט מעלדן איר וועגן מיין אָפּפאָר. זי איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט אַריין מיט אַ בינטל האָלץ, כּדי איינצוהייצן אַ ביסל דעם אויוון, ווייל די פרימאָרגנס זענען שוין קילע. איך האָב זי באַטראַכט פון דער זייט, בעת זי איז געווען איינגעבויגן מיטן קאָפּ אין קאַמין. כ׳ווייס נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו מיר אַזוי פיל קוראַזש, איך האָב מיך אָבער מער שוין נישט געוואַקלט. איך האָב מיך אויפגעשטעלט און שפּאַצירנדיק אין דער לענג און אין דער ברייט פון צימער, האָב איך מיך אָנגערופן מיט יענער ווילערישקייט פון אַ פּחדן:

— אמת, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן דיר צו זאָגן, אַז איך פאָר קיין סיציליע.

אַרויסזאָגנדיק די רייד האָב איך געוואַרט אַן אומרויקער. טערעסע האָט אָבער נישט געענטפערט, איר קאָפּ מיטן ברייטן טיכל איז פאַרבליבן טיף אין קאַמין און איר גאַנצע פיגור האָט זיך נישט פאַראַטן מיט דער מינדעסטער עמאָציע. זי האָט אַן אויפהער אַריינגעלייגט האָלץ אין אויוון אַריין, ווי נישט איר וואָלט מען געמיינט.

ענדלעך האָב איך דערזען איר געזיכט; עס איז געווען רויק, אַזוי רויק, אַז ס׳האָט מיך אַזש אַרויסגעבראַכט פון די כּלים.

— באמת — האָב איך מיר געטראַכט, — די דאָזיקע אַלטע פרוי האָט נישט קיין האַרץ. זי לאָזט מיך פאָרן אָן איין קרעכץ, הייסט עס, אַז די אָפּוועזנהייט פון איר אַלטן באַלעבאָס אַרט איר שוין גאָרנישט?

— פאָרט, — האָט זי ענדלעך זיך אָנגערופן, — קומט אָבער צוריק אַרום זעקסע, ווייל מיר האָבן היינט אַזאַ מיטאָג, וואָס קאָן נישט וואַרטן.

נעאַפּאָל: 1-טער נאָוועמבער 1859.

„Co tra calle vive, magne e lave a faccia“

— כ׳פאַרשטיי, מיין פריינט; פאַר דריי סאַנטים קאָן איך טרינקען, עסן און זיך אַרומוואַשן דאָס פּנים, דאָס אַלץ מיט דער הילף פון אַ שטיק אַרבוז, וואָס דו פאַרקויפסט אויף דיין טישל. די איבערגלויבענישן פון מערבד ערלויבן מיר אָבער נישט צו טועם זיין פון דיינע מעדנים אין מיטן גאַס. איבעריקנס, ווי וואָלט איך געקענט עסן דעם אַרבוז, בעת איך האַלט מיך קוים אויף די פיס אינמיטן פון דאָזיקן המון. וואָס פאַרא ליכטיקע און רוישנדיקע נאַכט אויף „סאַנטאַ לוטשיאַ“. ריזיקע שטויסן פרוכטן הויבן זיך אויף אין די געשעפטן, וואָס זענען באַלויכטן מיט פאַרשידנקאָלירטע לעמפּלעך. אויף די פייערן, וואָס זענען אָנגעצינדן געוואָרן אויף דער פרייער לופט, זידט דאָס וואַסער אין די קעסלען און געבראָטנס פרעגלט זיך אין די אייוועלעך. דער ריח פון געפּרעגלטע פיש און געקאָכט פלייש רייצט מיינע נאָזלעכער און צווינגט מיך צו ניסן. ביי דער געלעגנהייט באַמערק איך, אַז מיין נאָזטיכל איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען פון דער קעשענע. אַ פריילעכער, פלוידערנדיקער, רירעוודיקער און פלינקער המון מענטשן שטופּט מיך פון אַלע זייטן, און טראָגט מיך ערגעץ אַוועק. אַ יונגע פרוי, וואָס אירע פּרעכטיקע האָר ציִען צו מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, גיט מיר מיטאַמאָל אַ שטויס אויף דריי טריט צוריק און כ׳פאַל אַריין אין די אָרעמס פון אַ מאַנספּער.

שוין, וואָס עסט מאַנדל-געבעקס און וועלכער נעמט מיך אויף מיט אַ שמייכל.

איך בין אין נעאַפּאָל. איך הייב נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי איך בין דאָ אַהערגעקומען מיט די רעשטלעך פון מיין צעקנאָדערטן באַגאַזש, באמת, איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. די רייזע האָב איך דורגעמאַכט אין אַ צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער אומרו און ס'קומט מיר פאָר, אַז איך זע אויס אין דער ליכטיקער שטאָט, ווי אַ אוילע, וואָס האָט מיטאַמאָל דערזען די זון. יענע נאַכט, דאָס איז געווען נאָך עפּעס ערגערס! מחמת דעם, וואָס כ'האָב געוואָלט זיך באַקענען מיט די פאָלקס-מנהגים, האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט אויף דער „סטראַדאַ די פּאָרטאָ", ווו איך געפין מיך איצטער. אַרום מיר שטופּן זיך מחנות מענטשן פאַר די שפּייזגעשעפטן און איך טראָג מיך אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אינמיטן פון די לעבעדיקע מענטשן-כוואַליעס, וואָס פאַרגיסנדיק, צערטלען זיי מיך אַלץ. וואָרים דער נעאַפּאָליטאַנישער המון האָט אין זיין באַוועגלעכקייט עפּעס מילדעס און צערטלעכדיקעס. איך ווער נישט געשטויסן, איך וויג מיך און ס'ווייזט זיך מיר אויס, אַז וויגנדיק זיך אַזוי וועל איך באַלד שטייענדיקערהייט איינשלאָפן. און טרעטנדיק מיט מיינע פיס אויף די לאַוואַ-שטיינער פון דער „סטראַדאַ", קאָן איך נישט אַראָפּנעמען קיין אויג פון די טשעגערס, פישערס, וואָס גייען, שמועסן, זינגען, רויכערן, זשעסטיקולירן, קריגן זיך און קושען זיך מיט אַ נעוואַלטיקער שנעלקייט. זיי לעבן גלייכצייטיק מיט אַלע חושים, און אין זייער אינסטינקטיווער חכמה מעסטן זיי זייערע באַגערן מיט דער קורצקייט פון לעבן. כ'האָב מיך דערנענטערט צו אַ שענק, וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן, איך האָב איבערגעלייענט אויף דער טיר פאָלגנדן פערז אין נעאַפּאָליטאַנישן דיאַלעקט:

Amice, alliegre magnammo e bevimmo
Nfin che n'ce stace noglio a la lucerna:
Chi sa s'a l'autro munno n'ce vedimmo?
Chi sa s'e l'autro munno n'ce taverna?

(פריינט מיינער, לאָמיר עסן און טרינקען אין פריידן
ווי לאַנג ס'איז דאָ בוימל אין לאָמפּ:
ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך זען אויף דער אַנדערער וועלט?

ווער ווייסט, צי אַ קרעטשמע איז דאָרטן פאַראַן?)

די זעלבע עצות האָט האָראַציוס געגעבן צו זיינע פריינט. דו האָסט זיי באַקומען, פּאָסטומוס; דו האָסט זיי געהערט, לעוקאָנאָע, שייִנע רעבעליאַנטין, וואָס האָסט געוואָלט דערגיין די געהיימניש פון דער צוקונפט. יענע צוקונפט איז איצט די פאַרגאַנגענהייט און מיר קענען זי. באמת, דו ביסט געווען אַ טיפּש, זיך אָפּגעבנדיק מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, און דיין פריינט, וואָס האָט דיר געראָטן הגאה צו האָבן פון דיינע גריכישע וויינען, איז באמת געווען אַ קלוגער מאַן. „Sapias, vina liques“ *). אַ שיין לאַנד און אַ קלאָרער הימל געווינען צו דעם מענטש צו געניסן פון די תּענוגים פון דער וועלט. עס זענען אָבער פאַראַן נשמות, וואָס ווערן געמאַטערט פון אַ דערהויבענער אומצופרידנקייט: דאָס זענען די איידלסטע נשמות. דו האָסט געהערט צו יענע נשמות, לעוקאָנאָע; און קומענדיק ביים סוף פון מיין לעבן אין דער שטאָט, ווו דיין שיינקייט האָט געקיניגט, באַגריס איך מיט רעספּעקט דיין מעלאַנכאָלישן שאָטן. נשמות, ענלעכע צו דיינער, וואָס האָבן געלעבט אין דער עפּאָכע פון קריסטנטום, זענען אַנערקענט געוואָרן אַלס נשמות פון הייליקע, און די וווּנדער, וואָס זיי האָבן געשאַפן ביים לעבן, זענען פאַרשריבן אין דער „גאָלדענער לעגענדע“. דיין פריינט האָראַץ האָט איבערגעלאָזט נישט אַזעלכע אידעלע קינדער, און איך זע איינעם פון זייַנע אייניקלעך, אין דער פּערזאָן פון שענקער-דיכטער, וועלכער פילט אָן די גלעזער מיט וויין, אונטערן שוץ פון דער עפּיקורעישער אויפשריפט.

דאָס לעבן גיט אָבער רעכט דעם פריינט פלאַקוס, און זיין פילאָזאָפיע איז די איינציקע, וואָס איז אין הסכם מיטן סדר-העולם. קוק אַז דעם פאַרשוין, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אויף אַ

*) ווער ס'האָט שכל — דער זאָל טרינקען וויין (גאָר. פּ. איבער)

צוים באדעקט מיט ווילדן וויין, און וועלכער עסט אייז-קרעם. ארויפקוקנדיק צו די שטערן. ער וואָלט זיך צומאָל נישט אראָפּגעבויגן, כּדי אויפצוהייבן דעם אַלטן כּתב-יד. נאָך וועלכן איך בין געקומען צו פאָרן, נישט געקוקט אויף אזוי פיל מי. און דעם אמת געזאָגט, איז דער מענטש פיל מער באַשאפן אויף צו עסן אייז-קרעם, ווי צו זאַמלען אלטע טעקסטן.

איך האב אליין געבלאָנדזשעט צווישן די טרינקערס און זינגערס. אינם המון זענען געווען אויך פאַרליבטע, וואָס האָבן געגעסן פרוכט, האַלטנדיק זיך ארומגענומען. ווייזט אויס, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור שלעכט, ווייל די גאַנצע פרעמדע פרייד האָט מיך שטארק טרויעריק געמאַכט. פונם דאָזיקן המון האָט זיך געטראָגן אזא נאַיווע לוסט צום לעבן, אַז מיין גאַנצע באַשיידנקייט פון אַ ביכער-מילב האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם. ווייטער בין איך געווען פאַרצווייפלט צוליב דעם, וואָס איך האָב נישט פארשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס מ׳האָט גערעדט ארום מיר. פאַר אַ פילאָלאָג איז דאָס געווען אַ דערנידריקנדער נסיון. איך האב דעריבער געמאַכט אַ זויער פּנים, בעת איניקע ווערטער, וואָס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרן הינטער מיר, האָבן צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט.

— דימיטרי, דער אַלטיטשער איז מסתמא אַ פראַנצויז. זיין פאַרזאָרגט פּנים פארשאַפט מיר צער. אפשר ווילסטו מיט אים רעדן?... ער האָט אזעלכע גוטע איינגעהויקערטע פלייצעס, ווי מיינסטו, דימיטרי?

דאס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן דורך אַ פרוי אין פראַנצויזיש. כ׳האָב מיך מיטאַמאָל דערפילט זייער שלעכט, הערנדיק, אַז מען האַלט מיך שוין פאר אַן אַלטן מאַן. צי איז מען אַ זקן, אַלט זייענדיק צווייאונזעכציק יאָר? און אַנדערש מאָל, אויף דער בריק פון דער קונסט, האָט מיר מיין קאָלעגע פּערראָ ד׳אַוויניאַק געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך בין נאָך גענוג יונג, און ער קאָן זיך בלי ספק בעסער אויף יאָרן, ווי די לערך, וואָס זינגט הינטער מיינע פלייצעס, אויב לערכן זינגען בכלל ביינאַכט. מיינע פלייצעס זענען איינגעהויקערט, האָט זי געזאָגט. נו! נו! כ׳האב געהאַט אַ געוויסן חשד בנוגע דעם, אָבער

אויב אזוי האט זיך אויסגעדריקט דאָס דאָזיקע מיידל, העד איך אויף אין דעם צו גלויבן, איך וועל נישט אויסדרייען דעם קאָפּ צו זען, ווער עס האָט דאָס געזאָגט, איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס איז אַ שיינע פרוי. פאַרוואָס?

וואָרים נאָר די שטים פון אַ פרוי, וואָס איז שיין אדער איז געווען אַמאָל שיין, וואָס ווערט בעפעלן אָדער איז אַמאָל געפאָלן געוואָרן, קאָן פאַרמאָגן יענע עשירות פון פרייליכע אַק־צענטן און דעם זילבערנעם קלאַנג, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געלעכטער. פונם מויל פון אַ מיאוסער וועלן אפשר פאַלן ווער־טער מער אָנגענעמערע און מעלאָדישערע, זיי וועלן אָבער אויף געוויס נישט זיין אַזעלכע לעבעדיקע און צוויטשערנדיקע.

די אלע געדאַנקען האָבן דורכגעבליצט מיין מוח אין משך פון איין סעקונדע, און אין דער זעלבער רגע, ווי איך וואָלט געוואָלט אנטלויפן פון די אימבאַקאַנטע, האָב איך מיך ארייגגע־וואָרפן אין סאַמע מיטן פונם נעאַפּאָליטאַנישן המון און פאַרקירע־וועט אין אַ שמאָל געסל, באַלויכטן נאָר מיטאיין לעמפּל, וואָס האָט זיך געברענט פאר דער נישע מיט דער פיגור פון אַ מאַ־דאָננע. דאָרט, זייענדיק אימשטאַנד צו טראַכטן פיל רויקער, בין איך נעקמען צו דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע שיינע פרוי (זי איז געוויס געווען אַ שיינע) האָט זייער פיין גע־האַנדלט בנוגע מיר און אז זי פאַרדינט מיין אָנערקענונג.

די..יטרי, דער אַלטיטשקער איז מסתמא אַ פראַנצויז. זיין פאַרזאָרגט פנים פאַרשאַפט מיר צער. אפשר ווילסטו מיט אים רעדן?... ער האָט אַזעלכע גוטע איינגעהויקערטע פּלייצעס, ווי מיינסטו, דימיטרי?”

איך האָב נישט באַדאַרפט אזוי האסטיק אַנטלויפן, הערנ־דיק אַזעלכע פריינטלעכע ווערטער, איך וואָלט ענדער בעדאַרפט זיך ווענדן העפלעך צו דער דאַמע, פאַרבויגן זיך און אויס־דריקן זיך אין פאָלגנדע ווערטער: „מאַדאַם, קענן מיין ווילן האָב איך געהערט אייערע רייד וועגן מיר, איר האָט געוואָלט טון אַ טובה אַן אָרעמען זקן. איר האָט דאָס אויך געטון: דער בלוי־זער קלאַנג פון דער פראַנצויזישער שפראַך האָט מיר פאַרשאַפן פיל פאַ־

געניגן, פאר וואס איך דאנק אייך פון גאנצן הארצן". אוודאי האב איך באדארפט זיך ווענדן צו איר מיט די אדער ענלעכע רייד. בלי ספק איז זי א פראנצויזין, ווייל איר שטים איז א פראנצויזישע. די שטים פון די פראנצויזישע דאמען איז די אנגענעמסטע אויף דער גאנצער וועלט. די אויסלענדער עמפפינדן אויך דעם זעלבן צויבער, וואס מיר. פיליפ דע בערגאם האט אויף פאלגנדן אופן זיך אויסגעדריקט אין יאר 1483 וועגן דער הייליקער יאאננע פון ארלעאן: „איר שפראך איז געווען אזוי זיס, ווי די שפראך פון די פרויען פון מיין לאנד". איר באגלייטער צו וועמען זי האט גערעדט האט געהייסן דימיטרי. בלי ספק איז ער א רוסישער. דאס זענען רייכע לייט, וואס טראגן ארום איבער דער וועלט זייער לאנגווייליקייט און אומעט. די רייכע זענען באדויערנסווערט. זייער עשירות רינגלט זיי ארום, זי דרינגט אבער נישט אריין אין זייערע נשמות; זיי זענען ארעמלייט און נאקעטע אין זייער אינערלעכקייט. די נויט פון די רייכע איז באמת באדויערנסווערט.

זייענדיק אזוי פארטיפט אין מיינע רעיונות, האב איך מיך מיטאמאל דערזען אין עפעס א געסל, אז ער אויסדריקנדיק זיך אויפן נעאפאליטאנישן שטייגער, אין א „כאטטא פארטיקא", וועלכע האט געפירט אונטער אזוי פיל ארקאדן און באלקאנען, אז מ'האט נישט ארויסגעזען די מינדעסטע ליכטיקייט פון הימל. כ'האב פארבלאנדזשעט און בין וואדשיינלעך באשטראפט געווארן א גאנצע נאכט צו זוכן דעם אמתן וועג. כדי צו פרעגן דעם וועג, וואלט איך באדארפט קודם-כל טרעפן איינעם, און אזעלכן האב איך מורא געהאט צו טרעפן. א פערצוויפלטער האב איך דורך א צופאל פארקירעוועט אין א געסל, אדער בעסער געזאגט אין עפעס א פינסטער, זייטיק הינטער-געסל. עס האט גאר קיין גוטן איינדרוק נישט געמאכט, און באמת אין עטלעכע מינוט שפעטער האב איך באמערקט צוויי פארשוינען, וואס האבן געפאכעט מיט מעסערס. זיי זענען זיך באפאלן מער מיט דער צונג, ווי מיטן וואפן, און לויט די זלזולים, מיט וועלכע זיי האבן זיך באווארפן, האב איך פארשטאנען, אז דאס זענען צוויי פארליבטע. איך האב

פאָרזיכט ק פאַרקירעוועט אין אַ שכנותדיק געסל, נשעת די צווייבראַווע לייט זענען אַלץ געווען פאַרנומען מיט זיך, נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל אויף מיר. איך האָב נעבלאָנדזשעט נאָך אַ געווויסע צייט און צום סוף האָב איך מיך אוועקגעזעצט אַ פאַרצווייפלטער אויף אַ שטיינערנער באַנק און שטאַרק וּאַ ויערט, וואָס איך בין אַזוי שלימזל׳דיק אנטלאָפן פון דימיטרין און זיין באַגלייטערין מיטן קליג ע.דיקן קולכל.

— גוטמאָרגן, סיגנאָר, איר קומט אוודאי צוריק פון סאַןקאַרלאָ? האט איר געהערט זינגען די דיוואַ? נאָר אין נעאַפּאָל ועגען פאַראַן אַזעלכע זינגערינס, ווי זי.

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערקענט מיין באַלעבאָס. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט געזעסן אָנגעשפאַרט אָן דעם פאַסאַד פון מיין הויז, אונטער מיין אייגן פענסטער.

אויפן וועג, וואָס פירט פון שטשיאַקאַ קיין דזשירדזשענטי האָבן מיר: איך, מיינע פירער און זייערע מוילאייזלען זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע, אינם אָרעמען שטעטל מאָנטע אַלעגראָ, וועמענס איינוווינער קרענקען אויף מאַלאַריע און וואַרעמען זיך אַ גאַנצן טאָג אויף דער זון. זיי זענען אין אַ סך הינזיכטן גרעקן און זייער פרייד איז גובר אַלע מניעות. אייניקע פון זיי האָבן אַרומגערינגלט די קרעטשמע און אונז נייגיריק באַטראַכט. ווען איך וואָלט געקענט דערציילן זיי אַ מעשהלע, וואָלטן זיי פאַרגעסן אין אַלע זייערע צרות. זיי האָבן געהאַט אַן אינטעליגענטן אויסזען און די פרויען, הגם אָפּגעבראַכטע און געעלטערטע, האָבן גראַציעז געטראָגן זייערע לאַנגע שוואַרצע מאַנטלען.

פאַר מיינע אויגן זענען געלעגן אויסגעשפּרייט חורבות, דורכגעבויערטע דורכן ים־ווינט, אויף וועלכע ס׳וואַקסט צומאָל נישט קיין גראָז. אַ שווערער מדבר־אומעט הענגט איבער דער דאָזיקער אומפּרוכטבאַרער ערד, וואָס איר צעשפּאָלטענע טראַכט איז אימשטאַנד קוים צודערנערן אַ פּאָר מימאָזעס, קאַקטוסן און עטלעכע פאַרקריפּלטע פּאַלמען. צוואַנציק טריט ווייטער פון מיר, לענגאויס פון אַ רינשטאָק, האָבן זיך געווייסט מושעלן, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון ביינער פון אַ שקעלעט. מיין וועגפירער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שטראָם.

שוין צוויי וואָכן, ווי איך פאַרברענג די צייט אין סיציליע, געפינענדיק זיך אין דער פּאַלערמאָ-בוכטע, וועלכע ליגט אַ פּאַר-שלאָסענע צווישן צוויי וויסטע און ריזיקע פעלזן: פעלעגרינאָ און קאַטאַלפּאַנאָ און שניידט זיך אַריין אין די ברעגעס, באַוואַק-סענע מיט מירטן און פּאָמאַראַנצן-ביימער, בין איך אַנטציקט גע-וואָרן ביז צו דער שטופּע, אַז כ'האָב באַשלאָסן צו באַזוכן דעם אינזל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע איידעלע אָנדענקונגען און פיין געצייכנטע בערג-ליניעס. איך, אַן אַלטער פּילגער, וואָס כ'בין גרוי געוואָרן אויפן באַרבאַרישן מערב, האָב געוואַגט אַוועק-לאָזן זיך וואַנדערן צוזאַמען מיט אַ וועגפירער איבער דער דאָ-זיקער קלאַסישער ערד. און אַזוי האָב איך געוואַנדערט פון פּאַ-לערמאָ ביז טראַפּאַני, פון טראַפּאַני ביז סעלינאָנטע, פון סעלי-נאָנטע ביז שטשיאַקאַ, וועלכע. איך האָב פאַרלאָזן היינט אין דער פרי, מיט דער דעה צו קומען קיין דזשירדזשענטי, וווּ איך האָב געזאָלט געפינען דעם כתב-יד פון זשאַן טומויע. די שיינע זאַכן וועלכע איך האָב געזען אויף מיין וואַנדער-וועג, האָבן זיך אַזוי לעבעדיק איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך האַלט פּשוט פאַר איבריק זיי צו באַשרייבן. צו וואָס זיך קאַליע מאַכן די נסיעה, מאַכנדיק גאָטיצן? די ליבהאָבערס, וואָס ליבן שטאַרק, האָבן קיינמאָל נישט באַשריבן זייער גליק.

בין איך מיר אַזוי געזעסן אין דער קרעטשמע, אַ פאַרזונ-קענער אין דער מעלאַנכאָליע פון היינטיקן טאָג און פּאָעזיע פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיין נשמה איז געווען איבערגעפּולט מיט שיינקייט, די אויגן אָנגעזעטיקט מיט האַרמאָנישע און ריינע ליניעס, — מיטאַמאָל איז אַריין אין זאַל אַ שיינע יונגע פרוי אָנ-געטון אין אַ קלייד פון רויט זייד מיט אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ. האָר האָט זי געהאַט טונקל-שוואַרצע, די אויגן אירע זע-נען געווען שוואַרצע און פונקלענדיקע. לויט איר הילוך האָב איך דערקענט אַן איר אַ פאַריזערין; זי האָט זיך אַנידערגעזעצט. דער ווירט האָט אַב דערגעשטעלט פאַר איר אַ גלאָז פריש וואַ-סער מיט אַ בוקעט פון רויזן. בעת זי איז אַרייגגעקומען, האָב איך מיך אויפגעהויבן פון אָרט, דיסקרעט זיך אָפּגערוקט פון טיש

און געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי איך וואָלט באַטראַכט די פרעמדע בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט. איך האָב זייער גוט באַמערקט, אַז דערזעענדיק מיך פון הינטן, האָט זי געמאַכט אַ איבעראַשונגס-באַוועגונג. איך האָב מיך גענענט צום פענסטער און זיך צוגעקוקט צו די געמאָלטע וועגעלעך אויפן שטיינערנעם שאָסיי, ווי ס'זענען געוואַקסן קאַקטוסן און פּינבײמער פון בערבערלאַנד.

בשעת זי האָט געטרונקען דאָס אייז-וואַסער, האָב איך געקוקט אין הימל אַריין. דאָס טרינקען קאַלט וואַסער און אָנזעטיקן זיך מיט דער שיינקייט פון טאָג פאַרשאַפט אַ גרויסע הנאה, באַזונדערס אין סיציליע. שטילערהייט האָב איך געשעפּטשעט פאַר מיר דעם פערז פון אַן ענגלישן דיכטער:

„אָ, הייליקע ליכט, אויג פון גילדענעם טאָג!"

בינו-לבינו האָט די פראַנצויזישע דאַמע מיך כּסדר אָבסערווירט מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט, און הגם איך האָב מיך באַמיט נישט צו קוקן אויף איר עפּעס, ווי ס'האָט געפאָדערט דער גוטער טאָן, האָב איך פונדעסטוועגן געפילט אויף זיך אירע בליקן. כּ'פאַרמאָג, דוכט זיך, די פעיִקייט צו פילן די בליקן, וואָס פאַלן אויף מיר, נישט טרעפנדיק זיך לחלוטין מיט מיינע אויגן. אַ סך מענטשן גלייבן, אַז זיי פאַרמאָגן די דאָזיקע געהיימניספולע פעיִקייט, אין דער אמתן אָבער איז אין דעם נישט פאַראַן גאָרנישט געהיימניספולעס. עס איז גאָרנישט אוממעגלעך, אַז איך זאָל נישט האָבן געזען די שיינע אויגן פון דער דאַמע, אָפּגעשלאָגן ערגעץ אין אַ פענסטערשויב.

אַז איך האָב מיך אויסגעדרייט צו איר, האָבן אונזערע בליקן זיך באַגעגנט.

אַ שוואַרצע הון איז אַריין אין דעם נישט אויסגעקערטן צימער.

— ווילסט ברויט, מכשפה איינע, — האָט זיך אָנגערופן די יונגע פרוי, צווואַרפנדיק איר די רעשטלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן אויפן טיש.

כ׳האָב דערקענט די שטים, וועלכע איך האָב געהערט יענע נאַכט אויף דער סאַנטאַ לוטשיאַ.

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם, — האָב איך געזאָגט, — הגם איך בין אייך אומבאַקאַנט, מוז איך אייך אָבער דאַנקען פאַרן מיטגעפיל, וועלכע איר האָט אויסגעדריקט אַן אלטן מיטבירגער, וואס האָט געבלאָנדזשעט שפעט ביינאַכט איבער די גאַסן פון נעאַפּאָל.

— איר האָט מיך דערקענט? — האָט זי געענטפערט, — איך האָב אייך אויך באַלד דערקענט.

— מסתמא נאָך די פּלייצעס?

— אָ! איר האָט געהערט, ווי איך האָב געזאָגט צו מיין מאַן, אַז איר האָט איינגעבויגענע פּלייצעס. איר זענט אוודאי נישט בייז דערפאַר אויף מיר? מיר וואָלט זייער לייד געטון, ווען איר וואָלט אייך געפילט באַליידיקט.

— פאַרקערט, איר האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. און אייער באַמערקונג קומט מיר פאָר ווי אַ גערעכטע און טיפע. דעם כאַראַקטער דערקענט מען נישט נאָר אין די געזיכטס שטריכן. ס׳זענען פאַראַן הענט מיט פאַנטאַזיע און הענט אָן פאַנטאַזיע. עס זענען פאַראַן צביעותדיקע קני, עגאָיסטישע עלנבויגנס, אַראָגאַנטע פּלייצעס און גוטע פּלייצעס.

— דאָס איז אמת — האָט זי געזאָגט, — איך דערקען אייך אָבער אויך נאָכן געזיכט. מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט מיט אַ צייט צוריק, אין איטאַליע און אפשר ערגעץ אַנדערש. מיר רייזן זייער פיל, איך און דער פירשט.

— כ׳גלויב נישט, אַז כ׳זאָל האָבן געהאַט דאָס גליק אייך אַמאָל צו זען, — האָב איך איר געענטפערט. איך בין אַן אלטער פרוש. איך האָב פאַרבראַכט מיין לעבן צווישן ביכער און קיינמאָל נישט געררייזט. איר האָט באַמערקט מיין פארלעגנהייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אייער מיטגעפיל. איך באַדויער, וואָס איך האָב ביז איצט געפירט אַזאַ איינזאַם און אָפּגעשלאָסן לעבן. בלי ספק לערנט מען זיך עפּעס אויס פון די ביכער, מען לערנט אָבער אַ סך מער, בעת מען באַרייזט לענדער.

— איר זענט א פאריזער?

— יאָ, מאַדאַם. זינט פערציק יאָר וווין איך אין דעם זעלבן הויז און זעלטן ווען איך פאַרלאָז עס. אמת איז, אז דאָס הויז געפינט זיך אויפן ברעג פון דער סענע, אויף דעם אָנגעזעענסטן און שענסטן אָרט פון דער וועלט. איך זע פון מיין פענסטער די טיולערי און דעם לוווער, דעם פּאָן-נעוו, די טורעמס פון נאָטר-דאַם, דעם טורעם פון יוסטיץ-פּאַלאַץ. זיי אַלע רעדן צו מיין געמיט; זיי דערציילן מיר די וווּנדערלעכע געשיכטע פון די פראַנצויזן.

די ווערטער האָבן אַפּנים אַנטציקט די יונגע פרוי.

— אייער וווינונג געפינט זיך אויפן ברעג? — האָט זי לעבהאַפט געפרעגט.

— אויפן קע-מאַלאַקע, — האָב איך איר געענטפערט, — אויפן דריטן שטאָק, אין דער געביידע פון גראַוויורן-הענדלער. איך הייס סילוועסטער באָנאַר. מיין נאָמען איז אייך ווייניק באַקאַנט, כ׳בין אַ מיטגליד פון פראַנצויזישן אינסטיטוט, און ס׳איז גענוג פאַר מיר, ווען מ׳נעמט מיינע פריינט פאַרגעסן עס נישט.

זי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ מאָדנעם בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט נייגיריקייט, איבעראַשונג, מעלאַנכאָליע און גערירטקייט, און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיין פּשוטע דערציילונג האָט אויפגעוועקט אין דער פרעמדער פרוי אַזעלכע שטאַרקע און פאַרשידענע געפילן.

איך האָב געוואַרט, אַז זי זאָל מיר דערקלערן די סיבה פון איר איבעראַשונג, ווי מיטאַמאָל איז אין זאַל אַריין אַ שוויַגנדיקער, מילדער און טרויעריקער ריז.

— מיין מאַן, — האָט זי אים פאַרגעשטעלט — פּירש טרעפּאָוו.

און פאַרשטעלנדיק מיך פאַר אים:

— הער סילוועסטער באָנאַר, מיטגליד פון פראַנצויזישן אינסטיטוט.

דער פּירש האָט זיך פאַרנייגט מיט זיינע הויכע און ברייטע אַקסלען.

— מיין טייערע, — האָט ער געזאָגט, — עס טוט מיר שטאַרק לייד, וואָס איך מוז איבעררייסן דיין געשפּרעך מיטן הער סילוועסטער באָנאַר. די קאַטש וואַרט אָבער אויף אונז און מיר מוזן קומען צופאָרן קיין מעלאַ נאָך היינט פאַרנאַכט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען די רויזן, וועלכע דער הויזווירט האָט איר געשאָנקען און איז ארויס פון דער קרעטשמע. איך בין איר נאָכגעגאַנגען, בעת דער פירשט האָט באַטראַכט דעם געשפּאַן פון די מויל-אייזלען און געפרוווט זייער סאָלידקייט און די קראַפט פון די רימענס. שטייענדיק אין שאָטן פון דער אַלטאַנע, האָט זי זיך געווענדעט צו מיר מיט א שמייכל:

— מיר פאָרן קיין מעלאַ; דאָס איז אַ עקלהאַפט שטעטל, זעקס שעה רייזע פון דזשירדזשענטי. איר וואָלט קיינמאָל נישט געטראָפן, נאָך וואָס מיר פאָרן דאָרט אהין. פּראָבירט עס אויך נישט. מיר פאָרן אַהין זוכן אַ שאַכטל פון ציינד-העלצער. דימיטרי זאַמלט שאַכטלען פון שוועבעלעך. ער האָט שוין געזאַמלט פאַרשידענע זאַכן, קאָלעקציעס פון הינט, קנעפלעך פון מונדירן, פּאָסט-מאַרקעס. איצט אינטערעסירן אים נאָר שאַכטלעך פון שוועבעלעך... קליינע שאַכטלען פון קאַרטאָן מיט בילדלעך. מיר האָבן שוין אָנגעזאַמלט פינפטויזנט צווייהונדערטפערצן פאַרשידענע מוסטערן. אייניקע פון זיי האָבן מיר אויסגעפונען מיט גרויס מי. איצט למשל זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז אין נעאַפּאָל האָט מען געמאַכט שוועבעלעך-שאַכטלען מיטן בילד פון מאַדזיני און גאַריבאַלדי און אַז די פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט די שאַכטלען און איינגעזעצט דעם פאַבריקאַנט אין תפיסה. אַ דאַנק לאַנגע זוכענישן און פאָרשונגען האָבן מיר געפונען איין שאַכטל אַזאַ ביי אַ געוויסן דאָרפסמאַן, וועלכער האָט עס אונז פאַרקויפט פאַר הונדערט ליר און אונז דערנאָך פאַרמסרט פאַר דער פּאָליציי. די אַגענטן האָבן דורכגענישטערט אונזער באַגאַזש. זיי האָבן דאָס שאַכטעלע נישט געפונען, דערפאַר האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך מיין בּיזשוטעריע. זינט דעמאָלט האָב איך ליב באַקומען די דאָזיקע קאָלעקציע. זומער פאָרן מיר אָפּ קיין שוויץ, כּדי צו קאָמפּלעטירן אונזערע סעריעס.

איך האָב געפילט (דאַרף איך עס מודה זיין?) אַ געווייסן סימפּאַטיע-מיטגעפיל לגבי די דאָזיקע אויסטערלישע קאָלעקציאָנערן. בלי ספק וואָלט מיר ליבער געפעלן געוואָרן, ווען די הערשאַפטן טרעפּאָוו וואָלטן געזאַמלט אין סיציליע אַנטיקע מערמלשטיינער, געמאָלטע וואַזעס אָדער מעדאַלן, כ'וואָלט מיך ליבער געפרייט צו זען, ווי זיי אינטערעסירן זיך מיט די חורבות פון אַגרידזשענטע און מיט די פּאָעטישע טראַדיציעס פון עריקס, אָבער סוף כל סוף זענען זיי געווען קאָלעקציאָנערן, און געהאַט די זעלבע נייגונגען וואָס איך. צי האָב איך געקענט חוזק פון זיי, נישט חוזק מאַכנדיק פון זיך אליין?

— איצט ווייסט איר שוין, — האָט זי צוגעגעבן, — פאַרוואָס מ'יר פאָרן ארום איבער דעם דאָזיקן שרעקלעכן לאַנד.

אין דער רגע איז מיין סימפּאַטיע לגבי זיי פאַרשוווּנדן און איך בין געוואָרן אויפגערעגט.

— דאָס דאָזיקע לאַנד איז לגמרי נישט אזוי שרעקלעך, געערטע פרוי. די דאָזיקע ערד איז איינגעהילט אין אַן אויראַל פון רום. די שיינקייט איז אַזאַ גרויסער און דערהויבענער ענין, אַז אפילו פיל יאָרהונדערטער פון באַרבאַריזם וואָלטן זי בשום אופן נישט געקאָנט אָפּמעקן פון דער אויבערפלאַך פון דר'ערד, און אלעמאָל וואָלטן איבערגעבליבן נאָך איר לכל הפחות וווּנדערבאַרע רוינען. די מאַיעסטעטישקייט פון דער אנטיקער צערערע הערשט נאָך אַלץ איבער די דאָזיקע גאָלע בערג, און די גריכישע מוזע, וואָס האט באַוויזן צו געטליכע געזאַנגען ארעט:זע און מענאַל, זינגט נאָך ביים היינטיקן טאָג אין מיינע אויערן אויף די פּאַרוויסטע בערג און אויסגעטריקנטע קוועלן. יאָ, מאַדאַם, ווען עס וועלן קומען די לעצטע טעג פון אונזער ערדקויל, ווען אונזער אומבאַוווינטער פּלאַנעט, ווי היינט די לבנה, וועט זיך ארומטראָגן איבערן חלל ווי אַ בלאַסער בר-מינן, וועט דאָס אָרט, ווי עס געפינען זיך איצט די חורבות פון סעלינאָנט, פאַרבאַהאַלטן אינמיטן פון דער אלגעמיינער טויטקייט, די אייביקע סמנים פון שיינקייט און דעמאָלט, לכל הפחות דעמאָלט, וועלן זיך שוין נישט געפינען

הספריה היהודית העממית

קיין לייכטזיניקע באשעפעניש(ן), װאָס װעלן חוזק מאַכן פון זייער דערהויבענער שיינקייט.

קוים װאָס איך האָב אַרויסגעזאָגט די װערטער, װי איך האָב דערפילט, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום זין. „באַנאַר — האָב איך געזאָגט צו זיך, — אַן אַלטער מאַן, װעלכער פאַרברענגט אַזוי װי דו זיין לעבן צווישן ביכער, ווייסט נישט, װי מען דאַרף זיך באַגיין מיט פרויען". צו מיין גליק האָט מאַדאַם טרעפּאָװ נישט פאַרשטאַנען קיין איין װאָרט פון מיינע רייד — אַזוי װי איך װאָלט גערעדט גריכיש.

זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַ זיס קול:

— דימיטרי לאַנגווייליקט זיך, און איך לאַנגווייליק מיך אויך. מיר פאַרמאָגן שוועבעלעך־שאַכטלען, אָבער אויך זיי קענען כּוּף כּל סוף דערעסן ווערן. אַמאָל האָב איך געהאַט פאַר־שידענע זאַרגן און כ'האָב מיך נישט געלאַנגווייליקט. זאָרגן זענען אַ גוטע פאַרווײַלונג.

— מאַדאַם, — האָב איך זיך אָנגערופן, זייענדיק גערירט פון דער מאָראַלישער אָרעמקייט פון דער שיינער פרוי, — איך באַדויער אייך, װאָס איר האָט נישט קיין קינדער. װען איר װאָלט געהאַט כאָטש איינס; װאָלט איר געהאַט אַ ציל אין לעבן און אייערע געדאַנקען װאָלטן דעמאָלט געווען ערנסטערע און פרייליכערע.

— איך האָב אַ זון, — האָט זי געענטפערט. — ער איז שוין אַ גרויסער, מיין זשאָרזש, דאָס איז אַ גאַנצער מאַנספּערשוין: ער איז אַלט עלף יאָר. כ'האָב אים ליב, װי ער װאָלט נאָך געווען אַ קליינער, פונדעסטוועגן איז דאָס אָבער שוין נישט דאָס זעלבע.

זי האָט מיר דערלאַנגט אַ רויז פון איר בוקעט, אַ שמייכל געטון צו מיר און אַריינזעצנדיק זיך אין קאָטש, געזאָגט:

— איר האָט נישט קיין אַנונג, װי מיך פרייט, װאָס איך האָב אייך איצט באַגעגנט. איך האָף, אַז מיר װעלן זיך נאָך טרעפן איין דזשירדזשענטי.

איך האָב זיך צעלייגט ווי אַמבאַקוועמסטן אין מיין לעקטיקע. די לעקטיקע איז אַ וואָגן אָן רעדער, אויב מען וויל איז עס אַ געלעגער אָדער אַ פּאָטערשטול, וואָס ווערט געטראָגן דורך צוויי מוילאייזלען, איינער פון פאָרנט און איינער פון הינטן. דאָס איז זייער אַ אַלטער מנהג. איך האָב געזען די בילדער פון אַזעלע לעקטיקעס אין די כתב־ידן פון פערצנטן יאָרהונדערט. מיר איז דעמאָלט צומאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אין אַזאַ געלעגער וועל איך מאַכן די נסיעה פון מאָגטע אַללעגראָ ביז דזשירדזשענטי. מען קאָן קיינמאָל אין גאָרנישט זיין זיכער.

אין משך פון דריי שעה האָבן די מוילאייזלען געקלונגען מיט זייערע גלעקלעך און געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבערן שטיינערנעם באָדן. בעת פון ביידע זייטן פון וועג האָבן צווישן צוויי שורות אַלאָעס־בלומען זיך פּאַמעלעך באַוויזן די וויסטע קאַנטורן פון דער אַפריקאַנישער לאַנדשאַפט, האָב איך געחלומט וועגן כתב־יד פון גלח זשאַן טומויע און אים באַגערט מיט אַזאַ ריינער ליידנשאַפט, וואָס האָט מיך אַליין טיף גערירט. וואָרים ס'איז געווען אין איר אָן אַ שיעור קינדערשער אומשולד און צאַרטער קינדערשקייט.

דער ריח פון דער רויז, וואָס איז געוואָרן שטאַרקער צום אָוונט צו, האָט מיר דערמאָנט מאַדאַם טרעפּאָוו. ווענוס האָט זיך באַוויזן אויפן הימל. איך בין פאַרזונקען אין רעיונות. מאַדאַם

טרעפּאָוו איז אַ שיינע פרוי, אַ פּשוטע און גאַטיר׳עכע. זי האָט אָבער אַ וועלטאַנשויונג פון אַ קאָן. איך האָב נישט אַנטדעקט אין איר דעם מינדעסטן שפּור פון איידעלע פאַראינטערעסירונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן דענקענדע פּערזאָנען. און פונדעסטוועגן האָט זי אויף איר שטייגער אַרויסגעזאָגט אַ טיפן געדאַנק: „דער מענטש לאַנגווייליקט זיך נישט, בעת ער האָט זאָרגן.״ זי ווייס אַלזאָ, אַז אומרו און יסורים זענען אויף דער וועלט אונזערע בעסטע פאַר-ווײַלונגען. די גרעסטע אמתן ווערן אַנטפּלעקט נאָר אַ דאַנק מיפּולער אַרבעט. וואָס פאַר אַ אַרבעט האָט עס גורם געווען, אַז די פּירשטין טרעפּאָוו זאָל דערגרייכן דעם דאָזיקן אמת

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אויפצומאָרגנס אין דזשירדזשענטי ביי זשעליאַסן. זשעליאַס איז געווען אַ רייכער בירגער פון דער אַלטער אַגרידזשענטע. ער האָט געשמט מיט זיין עשירות ווי אויך מיט זיין ברייטער האַנט און אָויעקגעשענקט דער שטאָט אַ גרויסע צאָל בהנמדיקע איינפאָר-הייזער. זשעליאַס איז געשטארבן מיט טויזנט דרייהונדערט יאָר צוריק, און היינט צוטאָג עקזיסטירט נישט מער אין די פּאָליציי-מלוכות קיין בהנמדיקע גאַסטפריינטלעכקייט. עס איז אָבער פארבליבן דער נאמען פון האָטעל, ווו איך האָב נאָר אַ דאַנק מיין מידקייט, געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

די שמאָלע און צוזאַמענגעפרעסטע הייזער פון מאָדערנעם דזשירדזשענטי הייבן זיך אויף אויפן אַקראָפּאָל פון דער אַנטיקער אַגרידזשענטע; די העכסטע געביידע אין שטאָט איז די שפּאַנישע טונקעלע קאַטעדראַל-קירכע. פון מיינע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צום ים צו, האָב איך געזען אַ ווייסע שורה פון האַלב צעשטערטע טעמפּלען. בלויז די חורבות האָבן אין זיך אַ געוויסע פרישקייט, דאָס איבריקע איז וויסט און טויט. דאָס וואַסער און לעבן האָבן פארלאָזן אגרידזשענטע. דאָס וואַסער, די געטלעכע נעסטיס פון אַגרידזשענטינער עמפּעדאָקלעס איז אַזוי נויטווענדיק פאַר די לעבעדיקע באַשעפעניש, אַז ווייט פון די טייכן און קוואלן איז אינגאַנצן נישט פאַראַן קיין לעבן.

דער פאָרט דזשירדזשענטי, וואָס איז דריי קילאָמעטער, ווייט
פון דער שטאָט פירט אַ ווייט-פאַרשפרייטן האַנדל. אין דער
אָפּגעשטאָרבענער שטאָט, האָב איך מיר געטראַכט, אויף דעם
דאָזיקן ווילדן פעלז, געפינט זיך דער כתב-יד פון גלה זשאַן טו-
מויע! איך האב מיר געהייסן ווייזן דאס הויז פון מיקעל אַנד-
זשעלאָ פּאָליצי און בין דאָרט אהינגעגאַנגען.

איך האָב געטראָפן דעם הער פּאָליצי אָנגעטון פון קאָפּ
ביז די פיס אין געלן. ער האָט געקאָכט קישקעלעך אין אַ ־ייך
איידועלע. דערזעענדיק מיך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס ראָנדע-
ליקל, אויפגעהויבן די אָרעמס אין דער ופסן און אַרויסגעלאָזן
אַן אויסגעשריי פון ענטוזיאַזם. דאָס איז געווען אַ קליין מענ-
טשעלע, וועמענס קרעצעדיק פנים. פאַרשאַרצטע נאָז, אַרויס-
געדוקטע קינבאָרד און קיילעכיקע איגן האָבן געשאַפן אַן אוי-
סערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטישע פיזיאָנאָמיע.

ער האָט מיך סיטולירט עקסעלענץ און מיר מודיע געווען,
אַז ער וועט זיך פאַרצייכנען דעם טאָג מיט קרייד. צום סוף
האָט ער מיך געבעטן זיצן. דער זאַל, װוּ מיר האָבן זיך גע-
פונען האָט גלייכצייטיק געדינט ווי אַ קיך, אויפנאַמע-צימער, שלאָף-
צימער, אַרבעטס-צימער און ווי אַ ווייַן-פאַבריק. עס האָבען זיך
דאָרט געוואַלגערט עטלעכע קוימענס, אַן אַלט פאַרזשאַווערט בעט,
שטיקער לייוונט, שטאַלוגעס, פלעשלעך און רויטער טערקישער
פעפער. איך האָב בעוואָרפן אַ בליק אויף די בילדער, וואָס זע-
נען געהאָנגען אויף די ווענט.

— די קונסט! די קונסט! — האָט אויסגערופן ה׳ פּאָליצי,
אויסשפּרייטנדיק אויפסניי זיינע אָרעמס צום הימל: די קונסט!
וויפיל איז פאַראַן אין איר דערהאַבנקייט! וויפיל טרייסט! איך
בין אַ מאָלער, עקסעלענץ!

און ער האָט מיר געוויזן אַ נישט פאַרענדיקטן הייליקן
פראַנציסק, וועלכער האָט געקאָנט בלייבן נישט פאַרענדיקט אָן
שום שאָדן פאַר דער קונסט און רעליגיע. דערנאָך האָט ער מיר
געוויזן עטלעכע אַלטע בילדער אין אַ בעסערן סטיל, וואָס האָבן

אָבער געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון נישט איבעריק די סקרעט אויפגעפרישטע בילדער.

— איך פאַריכט — האָט ער מיר געזאָגט, — אַלטע בילדער, אָ, די אַלטע מייכטערס! וואָס פאַרא גייסט, וואָס פאַרא גאונות!

— צי איז עס אמת, — האָב איך אים געפרעגט, — אַז איר זענט גלייכצייטיק מאָלער, אַנטיקוואַר און ווייןהענדלער?

— צום דינסט פון אייער עקסעלענץ, — האָט ער געענטפערט. כ׳האָב ביים איצטיקן מאָמענט אַ סאָרט וויין, וועמענס יעדער טראָפּן איז אַזוי ווי אַ פּערל. איך וויל, אַז אייער עקסעלענץ זאָל פון אים נהנה זיין.

— איך שאַץ זייער אָפּ די גוטסקייט פון די סיציליאַנישע וויינען, איך בין אָבער נישט געקומען צו אייך צוליב די פלעשלעך וויין, ה׳ פּאַליצי.

ע ר:

— צוליב די בילדער, הייסט עס. איר זענט אַ ליבהאָבער. אומגעהייער איז מיין שמחה אויפצונעמען ביי זיך קונסט-ליבהאָבער. איך וועל אייך ווייזן דאָס מייסטערווערק פון מאָנרעאַלעזע, יאָ, עקסעלענץ, זיין שעדעוור! — „פאַרערונג פון די פּאַסטוכער“ דאָס איז די פּערל פון דער סיציליאַנישער שולע!

א י ך:

— איך וועל אָנקוקן דאָס ווערק מיטן גרעסטן פאַרגעניגן; לאָמיר אָבער רעדן פריער וועגן דעם, וואָס האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט.

זיינע קליינע לעבעדיקע אויגלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר מיט נייגעריקייט. מיט אַ גרויזאַמען האַרץ-קלאַפּעניש האָב איך באַמערקט, אַז ער הייבט גאָרנישט אָן חושד צו זיין די סבה פון מיין וויזיט.

איינגאַנצן צעטומלט, און פילנדיק אַז אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיין שטערן, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט מיט גרויס מי מער ניט די ווערטער:

— איך בין ספּעציעל געקומען צופאָרן פון פּאַריז, כדי צו

באַקענען זיך מיטן כתב־יד פון דער „גאָלדענער לעגענדע", וואָס געפינט זיך אין אייער באַזיץ.

ביי די ווערטער האָט ער אויסגעשפרייט די אָרעמס, ברייט אויפגעעפנט דאָס מויל און די אויגן און אַרויסגעוויזן סמנים פון געוואַלטיקער אויפרעגונג.

— אָ! דער כתב־יד פון דער „גאָלדענער לעגענדע"! דאָס איז אַ פּערל, עקסעלענץ, אַ רובין, אַ דימענט! אַזעלכע צוויי וווּנדערבאַרע מיניאַטורן, וואָס דערציילן פון טעם פון גן־עדן! וואָס פאַראַ זיסקייט! די אַנטציקנדיקע פאַרבן מיט אַ קראַנץ פון בלומען זענען ווי האָניק פאַרן אויג! דזשוליאָ גלאָוויאָ אַליין האָט נישט געמאָלט קיין שענערע!

— ווייזט אים מיר, — האָב איך געזאָגט, — נישט קענענדיק פאַרבאָרגן מיין אומרו און האָפנונג.

— ווייזן אייך, — האָט אויסגערופן פּאָליצי. — צי בין איך דען בכוח, עקסעלענץ? איך האָב אים שוין נישט! איך האָב אים שוין נישט מער!

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט בדעה זיך צו רייסן די האָר פון קאָפּ. ער וואָלט זיי מן הסתם אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען און איך וואָלט אים אויך נישט געשטערט דערין, ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט, נאָך איידער דאָס אומגליק איז געשען.

— ווי אַזוי? — האָב איך בייז אויסגערופן, ווי אַזוי? איר הייסט מיך קומען פון פּאַריז אַזש קיין דזשירדזשענטי, כדי צו ווייזן מיר אַ מאַנוסקריפּט, און אַז איך קום צו גיין צו אייך, דערציילט איר מיר גאָר, אַז איר האָט אים נישט. דאָס איז נישט ערלעך! די אָפּשאַצונג פון אייער האנדלונג לאָז איך איבער פאַר אַלע אָרנטלעכע מענטשן.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַ צערייצטער שעפּס.

— דאָס איז אומיושרדיק! דאָס איז אומיושרדיק! — האָב איך כסדר איבערגעחזרט, פאָכענדיק מיט מיינע ציטערנדיקע אָרעמס.

ניקאָל גנדושעלאָ פּאָליצי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול מיט אַ פּנים פון אַ שטאַרבנדן העלד. זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן, און זיינע ביז איצט אָנגעשפּיצטע האָר זענען אין אומאָרדנונג אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן.

— איך בין אַ טאַטע פון קינדער, עקסצעלענץ, אַ טאַטע פון קינדער! — האָט ער אויסגערופן, פאַרברעכנדיק די הענט.

ער האָט צוגעגעבן שלוכצנדיק:

— מיין זון, ראַפאַעלאָ, דער זון פון מיין אָרעם ווייב, וואָס איר טוט באַוויין איך שוין זינט פופצן יאָר, ראַפאַעלאָ, האָט זיך געוואָלט באַזעצן אין פּאַריז; ער האָט זיך געדונגען אַ געוועלב אויף דער גאַס דע לאַפּיט אויף צו פאַרקויפן אנטיקן. איך האָב אים אוועקגעגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן, וואָס איך האָב נאָר פאַרמאָגט, איך האָב אים אוועקגעגעבן מיינע שענסטע מאַזשאָליקן, מיינע שענסטע פאַיאַנסן פון אורבינאָ, די בילדער פון די אַלטע מייסטער און נאָך וואָס פאַר אַ בילדער, סיגנאָר! זיי שטייען מיר נאָך פאַר די אויגן. און אַלע זענען געווען גע-חתמעט! איך האָב אים אויך אוועקגעגעבן דעם כתב-יד פון דער „גאָלדענער לעגענדע". איך וואָלט אים אוועקגעגעבן מיין פלייש און מיין בלוט. דאָס איז דאָך מיין איינציקער זון! דער זון פון מיין אָרעמער פרוי.

— אַזוי הייסט עס — האָב איך געזאָגט, — באַט איך האָב גלייבנדיק אייך, זיך אוועקגעלאָזט זוכן אויך אין דער טיפעניש פון סיציליע דעם כתב-יד פון גלה מומויע, איז דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט גאָר געלעגן אויסגעשטעלט אין שויפענסטער אויף דער גאַס לאַפּיט, אונטערטהאַלבן קילאָמעטער ווייט פון מיר!

— ער איז דאָרט געווען, דאָס איז דער הייליקער אמת, — האָט געענטפערט ה' פּאָליצי, וועלכער האָט זיך מיטאַמאָל באַ-רויקט — און ער געפינט זיך נאָך דאָרט מן-הסתם, אַזוי לכל-הפחות קומט מיר פאַר, עקסעלענץ.

ער האָט גענומען פון טיש אַ וויזיט-קאַרטע און זי מיר דערלאַנגט:

— דאָ האָט איר דעם אַדרעס פון מיין זון. איך וועל אייך

זיין זייער דאנקבאר, ווען איר וועט אים רעקאמענדירן אייערע פריינט און באקאנטע. פּאַיאַנסן, עמאַליע, פאַרשידענע שטאָפן, בילדער. ער פאַרמאָגט אַ קאָמפּלעטירטן סאָרטימענט פון קונסט־חפצים, בלויז אַנטיק, אויף מיין וואָרט. איר מעגט אים באַזוכן: ער וועט אייך ווייזן דעם כתב־יד פון דער „גאָלדענער לע־גענדע". צוויי וווּנדערבאַרע מיניאַטורן.

איך האָב נאַכלעסיק גענומען און האָב אַריין די קאַרטע, וועלכע ער האָט מיר דערלאַנגט.

דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט חוזק געמאַכט פון מיין שוואַכקייט, בעטנדיק מיך, אַז איך זאָל רעקאָמענדירן זיין זון ראַפאַעלאָ פּאָליצי פאַר מיינע באַקאַנטע.

כ'האָב שוין געהאַלטן די האַנט אויף דער טיר־קליאַמקע, בעת מיין סיציליאַנער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. דאָס פּנים האָט אים געלויכטן:

— עקסעלענץ, — האָט ער אויסגערופן — וואָס איז דאָס פאַ־ראַ שטאָט, דזשירדזשענטי! דאָ איז געבוירן געוואָרן עמפּעדאָק־לעס. עמפּעדאָקלעס! וואָס פאַראַ גרויסער מאַן און באַרימטער בירגער! וואָס פאַראַ דרייסטקייט פון געדאַנק און פון מעשים טובים! וואָס פאַראַ גייסט! דאָרט אונטן אין פּאָרט איז פאַראַן אַ דענקמאָל פון עמפּעדאָקלעסן, פאַר וועלכן איך אַנטבלויז מיין קאָפּ, וויפל מאָל איך גיי דאָרט פאַרביי. אַז ראַפאַעלאָ, מיין זון, איז געקומען אויפן געדאַנק אַרויסצופאָרן נאָך פּאַריז כדי צו עפענען דאָרט אַן אַנטיקוואַר־מאַגאַזין אויף דער גאַס לאַפּיט, האָב איך אים צוגעפירט צו אונזער שטאָטישן פּאָרט און צופיסנס פון עמפּעדאָקלעסנס סטאַטוע האָב איך אים געגעבן מיין פאָטער־לעכע ברכה: „געדענק וועגן עמפּעדאָקלעסן, — האָב איך געזאָגט צו איום". אָ, סיגנאָר, אונזער אומגליקלעכער פאָטערלאַנד נויטיקט זיך זייער אין אַ צווייטן עמפּעדאָקלעס! אפשר ווילט איר, אַז איך זאָל אייך אַהינפירן צו עמפּעדאָקלעסנס דענקמאָל? איך קאָן אייך דינען אַלס וועג־פירער ביים באַזוך פון די רוינען. איך וועל אייך ווייזן דעם טעמפּל פון קאַסטאָר און פּאָללוקס, דעם טעמפּל פון יופּיטער דעם אָלימפּישן, דעם טעמפּל פון יונאָנאַ

דער לוצינישער, די אַנטיקע ברונעמס, דעם קבר פון טהעראָן או די גאָלדענע טויערן. אַלע אַנדערע וועגפירער זענען אייזלען. איך בין אַ גוטער וועגפירער, מיר וועלן גראָבן אין דער ערד, אויב איר וועט וועלן? און מיר וועלן אַנטדעקן אוצרות. איך ווייס ווי אַזוי מען דאַרף זוכן. איך געפין מייסטער־ווערק דאָרט, וווּ די געלערטע איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו זוכן.

מיט גרויס מי איז מיר געלונגען פטור צו ווערן פון אים, ער איז מיר אָבער נאָכגעלאָפן, פאַרהאַלטן אויף די טרעפּ און מיר איינגערוימט אין אויער אַריין:

— עקסעלענץ, הערט אויס. איך וועל אייך פירן אין שטאָט אַריין, איך וועל אייך ווייזן אונזערע פרויען! די סיציליאַנערינס, מיין הער, זענען אמתע אַנטיקע שיינקייט. כ׳וועל אייך ווייזן יונגע מיידלעך, ווילט איר?

— כאַפּט אייך דער טייוול! — האָב איך בייז אויסגערופן.

און איך בין אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אים מיט צעשפּרייטע אָרעמס.

אַז כ׳בין שוין געווען ווייט פון אים, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און האַלטנדיק דעם קאָפּ אין די הענט, בין איך פאַרזונקען אין טרויעריקע רעיונות.

— צוליב דעם בין איך אַ⸗זאָ געקומען צו פאָרן קיין סי־ציליע, כדי אויסצוהערן ענלעכע פאָרשלאָגן?

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז סיי דער אַלטער ווי אויך דער יונגער פּאָליצי זענען רמאים. וואָס האָבן זיי אָבער גע־וואָ⸗ט פון מיר? דאָס האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט באַ־גרייפן. אַלנפאַלס האָב איך מיך געפילט שטאַרק אַראָפּגעפאַלן און טרויעריק.

אַ לייכטער שאָרך פון טריט און זיידענע קליידער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע רעיונות. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען די פירשטין טרעפּאָוו. זי האָט מיך גע־זען זיצן, אָנגענומען מיך פאַר דער האַנט און געזאָגט צו מיר מיט אַ מילדער שטים.

— איך האָב אייך געזוכט, הער סילוועסטר באָנאַר. עס

פרייט מיך אומגעהייער אייך ווידער צו באַגעגענען. איך האָב געוואָלט אייך איבערלאָזן אַן אָנגענעמע אָנדענקונג פון אונזער באַגעגעניש. באמת, איך האָב דאָס געוואָלט.

מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס בעת זי האָט גערעדט האָט זי געשמייכלט דורך טרערן.

דער פירשט האָט זיך דערנענטערט און אונז פאָרשטעלט מיט זיין קאָלאָסאַלן שאָטן.

— ווייז, דימיטרי, ווייז דעם הער באַנאַר דיין ווערטפולן אוצר.

און דער מילדער ריז האָט מיר דערלאַנגט אַ שאַכטל פון שוועבעלעך, אַ קליין מיאוס שאַכטל פון קאַרטאָן, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ קאָפּ אין בלוי-רויטע פארבן, וואָס האָט מיט זיך געזאָלט פאָרשטעלן עמפּעדאָקלעסן.

— איך זע, מאַדאַם, איך זע. אָבער דער עקלהאַפטער פּאָ־ליצי, צו וועלכן איך ראַט אייך נישט אַהינשיקן דעם ה׳ טרעפּאָוו, האָט מיך אויף מיין גאַנץ לעבן צעקריגט מיט עמפּעדאָקלעסן און אפילו זיין בילד וועט נישט זיין אימשטאַנד איבערצובעטן מיך מיט דעם דאָזיקן פילאָזאָף.

— דאָס בילד איז מיאוס, — האָט זי געענטפערט, — עס איז אָבער אַ יקר־המציאות. איר וועט עס אין ערגעץ נישט גע־פינען. מען קען עס נאָר קויפן אויפן אָרט. זיבן אַזייגער אין דער פרי איז דימיטרי געווען אין פאַבריק. ווי איר זעט האָבן מיר נישט פארלוירן אונזער צייט.

— איך זע זייער גוט, מאַדאַם, — האָב איך געענטפערט, — דערפאַר האָב איך פארלוירן מיין צייט און כ׳האָב נישט געפו־נען דאָס, וואָס כ׳בין געקומען זוכן פון אזוי וויים.

זי האָט ארויסגעוויזן אַ גרויס אינטערעס פאַר מיינע מיס־ערפאָלגן.

— איר האָט עפּעס אַ זאָרג? — האָט זי מיך געפרעגט מיט אַ געריירטער שטים, — אפשר וואָלט איך אייך געקאָנט העלפן? אפשר וואָלט איר מיר דערציילט, וואָס עס האָט מיט אייך פּאַ־סירט?

איך האָב איר אַלץ דערציילט. מיין דערציילונג איז געווען א לאַנגע; זי איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק גערירט, אַז זי האָט מיך פשוט פארשיט מיט אַן אַ שיעור פראַגן, וועלכע איך האָב אָנגענומען ווי אַ באַווייז פון אינטערעס, זי האָט געוואָלט וויסן דעם געגויען טיטל פון כתב־יד, זיין פאָרמאַט, זיין אויסזען און עלטער; זי האָט ביי מיר געפרעגט דעם געגויען אדרעס פון ה׳ ראַפּאַעלאָ פּאָליצי.

איך האָב איר געגעבן דעם אדרעס, אויספירנדיק אויף אַזאַ אופן (אָ, איראָניע פון גורל!) די בקשה פון מיקעל אַנדזשעלאָ פּאָליצי.

טיילמאָל איז שווער זיך צו באהערשן. איך האָב אָנגעהויבן אויפסגיי זיך צו באקלאָגן. דאס מאָל האָט מאַדאַם טרעפּאָוו זיך הויך צעלאַכט.

— פארוואס לאכט איר? — האָב איך איר געפרעגט.

— ווייל איך בין אַ שלעכטע פרוי, — האָט זי געענטפערט.

און זי איז פארשוונדען, איבערלאָזנדיק מיך איינעם אין אַ צעטומלטן אויפן שטיין.

פאריז, 8-טער דעצעמבער 1859

מיינע קופערטס זענען געשטאַנען נישט אויסגעפּאַקטע אין עסצימער. כ'בין געזעסן בײַם טיש, אויף וועלכן ס'זענען געשטאַנען אַלע גוטע זאַכן, וועלכע די פראַנצויזישע מדינה פּראָדוצירט פאַר פיינשמעקער. איך האָב געגעסן אַ פּאַשטעט אַ לאַ שאַרטר; שוין צוליב דעם אַליין קאָן מען ליב בעקומען דאָס פאָטערלאַנד. טערעסע איז געשטאַנען לעבן מיר, די הענט פאַרלייגט אויפן ווייס; שירץ און געקוקט אויף מיר מיט אַ בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט גינציקייט, אומרו און רחמנות. האַמילקאַר האָט זיך געריבן אָן מיינע פיס און געמיאַוקעט פון פרייד.

אויפן זכּרון איז מיר געקומען אַ פערז פון אַנטיקן דיכטער:

„גליקלעך איז דער, וואָס האָט ווי אוליס, געהאַט אַ גליקלעכע נסיעה".

— אמת, איך בין בחנם געפאָרן, און בין צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט; איך האָב אָבער, ווי אוליס, דורכגעמאַכט אַ שיינע נסיעה.

און אָראָפּשלינגענדיק דעם לעצטן שלוק קאווע, האָב איך געבעטן בײַ טערעסען מיין הוט און שטעקן, וועלכע זי האָט מיר דערלאַנגט מיט אומצוטרוי. זי האָט מיך חושד געווען, אַז איך האָב אויפסניי בדעה אַרויסצופאָרן, איך האָב זי באַרויקט און געבעטן צו מאַכן פאַרטיק דאָס מיטאָג אויף זעקס אַ זייגער.

ס'פלעגט מיר אַ מאָל פאַרשאַפן אַ גרויס פאַרגעניגן צו שפּאַצירן

אָן אַ שום אַ ציל איבער די פּאַריזער גאַסן, וועמענס מינדעסטער שטיין איז מיר געווען טייער און ליב. דאָס מאָל האָב איך געהאַט אַ ציל און כ'בין אַוועק גלייך אויף דער רו לאַפּיט. כ'האָב דאָרט באַלד באַמערקט דעם מאַגאַזין פון ראַפּאַעלאָ פּאָליצי. דער מאַגאַזין האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט דער גרויסער צאָל אַלטע בילדער, וועלכע, הגם זיי האָבן געהאַט פאַרשידענע אונטערשריפטן פון באַרימטע מאַלערס, האָבן זיי געהאַט אַ ענלעך פּנים, וואָס וואָלט געקאָנט דינען ווי אַ באַווייז פון דער רירנדער קרובהשאַפט צווישן אַלע גרויסע גאונים, ווען עס וואָלטן דערויף נישט עדות געזאָגט די פאַרשידענע קונצשטיקלעך פון עלטערן פּאָליצי. דער מאַגאַזין איז געווען רייך אין אַזעלכע פאַרדעכטיקע קונסטווערק; אין אים האָבן זיך געפונען קליינע קוריאָזיטעטן, ווי שטילעטן, קרוגן, בעכערס, אורנעס, בראָנזענע וואַזעס און היספּאַניש־אַראַבישע שיסלען מיט מעטאַלענע רעפלעקסן.

אויף אַ פּאָרטוגעזישן פּאָטערשטול, אויסגעבעט מיט לעדער איז געלעגן אויפגעמישט אַן עקזעמפּלאַר פון „שמעון וואָסטער'ס שעהן", אויף דער זייט, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט אַסטראָלאָגישע צייכנס. אויף אַ קאַסטן זענען געלעגן גרויסאַרטיקע קאַריאַטידן און טעלאַמאָנען פון וויטרוויוס. די דאָזיקע מכלומרשטע אומאָרדנונג, וועלכע איז פּאַקטיש געווען פאָרויסגעזען פון פּריער, די פאַלשע צופעליקייט, מיט וועלכע די חפצים זענען געוואָרפן, כדי זיי זאָלן זיך רעפּרעזענטירן ווי אַמבעסטן, וואָלטן דערוועקט אין מיר אַן אומצוטרוי, ווען נישט דאָס, וואָס דער בלויזער נאָמען פון פּאָליצי האָט שוין געוועקט אין מיר אַן אומצוטרוי אָן גרענעץ.

ה' ראַפּאַעלאָ, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון די דאָזיקע סותרדיקע און צעמישטע פאָרמען, איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ פלעגמאַטיקער, ווי עפּעס אַ ענגלענדער. ס'איז אין אים נישט געווען דער מינדעסטער שפּור פון פּאַטערס פּאַטעטישקייט און דעקלאַמאַציע.

איך האָב אים דערקלערט דעם צוועק פון מיין קומען; ער האָט געעפנט אַ שאַנק און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ

מאַנוסקריפּט, וועלכן ער האָט אויסגעשפּרייט אויפֿן טיש, כּדי איך זאָל אים באַטראַכטן, וויפֿל מיר ווײַט זיך נאָר גלוסטן.

אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נאָך נישט איבערגעלעבט אַזאַ געפֿיל, אַחוץ אייניקע חדשים פֿון מיין יוגנט, וועמענס אָנדענק, כ׳זאָל אפֿילו לעבן הונדערט יאָר, וועט פֿאַרבלייבן ביז מיין לעצטער שעה אַזוי פֿריש, ווי ער איז געווען אין ערשטן טאָג.

דאס איז טאַקע געווען דער מאַנוסקריפּט, באַשריבן דורך דעם ביבליאָטעקאַר פֿון סער טאָמאַס ראַלי; דאס איז געווען דער מאַנוסקריפּט פֿון גלח זשאַן טומיע, וועלכן איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן און אָנגערירט מיט די פֿינגער! דאס ווערק פֿון וואָראַזשין איז דאָרט געווען באַדייטנד געקירצט, דאס איז מיר אָבער ווייניק אָנגעגאַנגען. דערפֿאַר זענען דאָרט געווען די אומשאַצבאַרע הוספֿות פֿון מאָנאַך פֿון סען־זשערמען דע־פּרע! איך האָב געפּרוווט לייענען די לעגענדע פֿון הייליקן דראָקטאָווע, איך בין אָבער נישט אימשטאַנד געווען, איך האָב דורכגעלייענט אַלע שורות מיטאַמאָל און אין מיין קאָפּ איז אַנטשטאַנען אַ גערויש, אַזוי ווי פֿון אַ וואַסערמיל ביינאַכט אין דאָרף. איך האָב באַלד דערקענט, אַז דער מאַנוסקריפּט איז געווען אַ אויטענטישער. די ביידע בילדער: די טבֿילה־רייניקונג פֿון דער יונגפֿרוי, און די קרוינונג פֿון פֿראָערפֿינע זענען געווען מאַסיוו אין דער צייכענונג און שרייענדיק אין דער קאָליר. שטאַרק צעשעדיקט אין יאָר 1824, ווי עס ווערט דערמאָנט וועגן דעם אין קאַטאַלאָג פֿון סער טאָמאַס ראַלי, האָבן זיי מיט דער צייט צוריק באַקומען זייער אַמאָליקע פֿרישקייט. דאס דאזיקע וווּנדער האָט מיך לחלוטין נישט איבערראַשט. איבעריקנס וואָס גייען מיך אָן ביידע מיניאַטורן! די לעגענדעס און די פּאָעמע פֿון זשאַן טומיע זענען געווען פֿאַר מיר אַן אוצר. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט פּשוט איינגעשלונגען מיט די אויגן.

כ׳האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז די זאַך איז מיר פּולשטענדיק גלייכגילטיק און זיך איינקאָרמירט ביים ה׳ ראַפּאַעלאָ וועגן פּרייז פֿון מאַנוסקריפּט, מתפּלל זייענדיק אין האַרצן, אַז

דער פרייז זאָל נישט איבערשטייגן מיינע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, וואָס זענען שוין אַזוי אויך פאַרגליווערט געוואָרן צו דאַנק מיין קאָסטבאַרער נסיעה. ה׳ פּאָליצי האָט מיר געענטפערט, אַז ער קען נישט דיספּאָנירן מיטן כתב־יד, ווייל ער געפינט זיך שוין נישט מער אין זיין רשות און דאַרף פאַרקויפט ווערן אויף אויף אַן עפנטלעכער ליציטאַציע צוזאַמען מיט אַנדערע מאַנו-סקריפּטן.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אומגעריכטער קלאַפּ. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען זיך צו באַהערשן און איך האָב מער ווייניק געענטפערט.

— דאָס וווּנדערט מיך זייער שטאַרק. אייער פאָטער, מיט וועמען איך האָב מיך נאָר וואָס געזען אין דזשירדזשענטי, האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איר זענט דער באַזיצער פון מאַנוסקריפּט. איר וועט דאָך מסתמא נישט מאַכן אייער פאָטער פאַר אַ ליגנער.

— אמת איז, אַז איר בין געווען זיין באַזיצער — האָט מיר דאָפּעלאָ געענטפערט מיט אומדערשיטערלעכער רויקייט, — איך בין עס שוין אָבער נישט מער. איך האָב פאַרקויפט דעם דאָזיקן ווערטפולן מאַנוסקריפּט צו אַ ליבהאָבער, וועלכער האָט מיר פאַר־באָטן אָנצוגעבן זיין נאָמען. צוליב געוויסע סיבות, וועלכע איך דאַרף פאַרשוויגן איז יענער געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין קאָלעקציע. געניסנדיק דעם צוטרוי פון מיין קליענט, האָב איך בייקומען פון אים דעם אויפטראַג צוזאַמענצושטעלן אַ קאַטאַלאָג, ווי אויך אָנפירן מיטן פאַרקויף, וואָס וועט פאַרקומען דעם 24־טן דעצעמבער. אויב איר וועט מיר איבערלאָזן אייער אַדרעס, וועל איך האָבן דעם כבוד איבערצושיקן אייך דעם קאַטאַלאָג, וואָס געפינט זיך איצט אין דרוק, און ווו איר וועט געפינען אויך די „גאָלדענע לעגענדע" פאַרשריבן אונטערן נומער 42.

איך האָב אים איבערגעלאָזט מיין אַדרעס און אַוועקגע-גאַנגען.

די אומדערשיטערלעכע ערנסטקייט פון זון איז מיר געווען אַזוי עקלהאַפט ווי די אומפאַרשעמטע רירעוודיקייט פון פאָטער. איך האָב פון גאַנצן האַרצן פאַראַכטעט די קונצשטיקלעך פון די

דאָזיקע געמיינע קרעמערס. ס'איז געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז דיביידע שווינדלערס האָבן זיך פאַרשטענדיקט און אויסגעטראַכט די דאָזיקע ליציטאַציע, כדי אומבאַשטראָפט אויפצושרויפן דעם פּרייז פון כתב־יד, וועלכן איך האָב אַזוי שטאַרק באַגערט. כ'בין געווען אין זייערע הענט. אַפילו די אומשולדיקסטע שטרעבונגען האָבן דעם חסרון, וואָס זיי גיבן אונז איבער אין די הענט פון אַנדערע און מאַכן אונז פון זיי אָפּהענגיק. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר פאַרשאַפן זייער פיל עגמת־נפש, ער האָט אָבער נישט אָפּגעשוואַכט אין מיר דעם באַגער צו באַקומען דאָס חערק פון גלח טומו ע. בעת איך בין אַזוי געווען פאַרטון אין מיינע געדאַנקען, איז מיר אויסגעקומען איבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט, איך האָב מיך אָבער געמוזט אָפּשטעלן, כדי דורכצולאָזן אַ קאָטש, וואָס איז אָנגעפאָרן; דורך די שויבן האָב איך דערזען מאַדאַם טרעפּאָו. די קאָטש איז געווען איינגעשפּאַנט אין צוויי שוואַרצע פערד, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך אַ קוטשער אָנגעטון אין אַ רוסישן פּעלץ. זי האָט מיך נישט באַמערקט.

— הלוואי זי זאָל געפינען דאָס, וואָס זי זוכט, — האָב איך געטראַכט אין האַרצן, דאָס איז מיין ווונטש פאַר דעם גרויזאַמען געלעכטער מיט וועלכן זי האָט אויפגענומען מיין מפּלה אין דזשירדזשענטי. זי האָט אַ נשמה פון אַ פויגל.

אַ טרויעריקער האָב איך מיך פאַרקירעוועט צו דער בריק.

אַ דאַנק דעם אייביק גלייכגילטיקן לויף פון דער נאַטור איז געקומען דער טאָג פון 24-טן דעצעמבער. איך בין אוועק אין האָטעל בויאָן און פאַרנומען אַן אָרט אין זאַל נומער פיר, ישט ווייט פון טיש, ווו ס'האָבן געזאָלט זיצן דער קאָמיסאַר הלוז און דער עקספּערט פּאָליצי. ביסלעכווייז האָט זיך דער זאַל איבערגעפולט מיט מענטשן, מערסטנטייל מיינע באַקאַנטע. ־ך האָב געדריקט די הענט פון אייניקע בוכהענדלערס, אָבער ־ פאָרזיכטיקייט, וועלכע איז אין וויכטיקע ענינים אומבאַדינגט נויטיק אפילו לגבי די נאָנטסטע מענטשן, האָט מיר געהייסן פאַרשווייגן די סיבה פון מיין אומגעריכטן באַווייזן זיך אויף דער ליציטאַציע. פאַרקערט, איך אַליין האָב געפרעגט מיינע באַקאַנטע,

וואס פאר אַן ענין האָט זיי דאָ געבראַכט, און אַ צופרידענער האָב איך מיך איבערגעצייגט, אַז קיינער פון זיי אינטערעסירט זיך גישט מיט מיין מאַנוסקריפּט.

דער זאַל האָט זיך לאַנגזאַם פארפולט מיט אינטערעסאַנטן און נייגיריקע און נאָך אַ האַלבשעהדיקער פארשפּעטיקונג האָבן ביים טיש פארנומען זייערע ערטער: דער קאָמיסאַר, אַ באַוואָפנטער מיט אַ העמערל פון העלפאַנטביין, אַ באַאַמטער מיט דער רשימה פון די ליציטירטע חפצים, דער עקספּערט מיט זיין קאַטאַלאָג און דער אויסרופער, פאַרזען מיט אַ שיסעלע. די שווייצאַרן האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי די זייטן פון טיש. דער מיניסטעריאַלער באַאַמטער האָט דערקלערט, אַז די ליציטאַציע האָט זיך אָנגעהויבן, און אין זאַל איז געוואָרן רויק.

לכתחלה האָט מען פארקויפט פאר גאַנץ נידריקע פרייזן אַ באַנאַלן ציקל פון „פרומע תפילות מיט אילוסטראַציעס". עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די אילוסטראַציעס זענען געווען פולשטענדיק אויפגעפרישט.

די נידריק אָנגעבאָטענע פרייזן אויף דער ליציטאַציע האָבן אריינגעבראַכט אין חוצפה אַ גרופּע קליינע קרעמערס, וואָס האָבן ווילעריש זיך דערנענטערט צו אונז און געוואָרן מיט אונז גוטע ברידער. נאָך זיי זענען געקומען צו גיין אַ מחנה צוקוקערס, וואס האָבן געוואַרט, אַז מען זאָל עפענען די טירן פון אַ שכנות־דיקן זאַל, און פארשידענע פריילעכע אויסגעשרייען האָבן פאַר־טויבט דאָס קול פון אויסרופער.

פראַכטפולער עקזעמפּלאַר פון די „יידישע מלחמות" האָט געצויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. מ'האָט זיך לאַנג געאַמפּערט איבער אים. „פינף טויזנט פראַנק, פינף טויזנט" — האָט געשאָלדן דער אויסרופער, בעת אין זאַל האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע שטילשווייגעניש. זיבן אָדער אַכט אַנטיקוואַרן זענען פארקויפט געוואָרן פאַר גאָר נידריקע פרייזן. אַ דיקע פרוי, וועלכע איז נתפּעל געוואָרן פון דער גרויסקייט פון בוך און די קליינע פרייזן, האָט אָפּגעקויפט אַ אַנטיפאַנער פאַר דרייסיק פראַנק.

צום סוף האָט דער עקספּערט פּאָליצי אַנידערגעלייגט אויפן טיש דעם נומער 42, די „גאָלדענע לעגענדע", פראַנצויזישער מאַנוסקריפּט, בישט אַרויסגעגעבן ביז איצט אין דרוק, צוויי פּרעכטיקע מיניאַטורן, דריי טויזנט פראַנק דער פּרייז.

— דריי טויזנט! דריי טויזנט! — האָט געשריגן דער אויסרופער.

— דריי טויזנט, — האָט מיט אַ טרוקן קול איבערגעחזרט דער קאָמיסאַר.

אין מיינע שלייפן האָט עס געזעצט ווי מיט האַמערס, און איך האָב ווי דורך אַ נעפּל געזען אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעדרייט צום מאַנוסקריפּט, וועלכן אַ יונגל האָט אַרומגעטראָגן איבערן זאַל.

— דריי טויזנט פופציק! — האָב איך געזאָגט.

דער קלאַנג פון מיין אייגענער שטים האָט מיך דערשראָקן און כ'בין געוואָרן צעמישט, זעענדיק ווי אַלעמענס פּנימער ווענדן זיך אין מיין זייט.

— דרייטויזנט פופציק צום ערשטן מאָל! — האָט געמאָלדן דער אויסרופער, אויפהייבנדיק דעם מאַנוסקריפּט.

— דריי טויזנט הונדערט! האָט געהעכערט פּאָליצי.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ העראָישער דועל צווישן עקספּערט און מיר.

— דריי טויזנט פינף הונדערט!

— זעקס הונדערט.

— פיר טויזנט!

— פיר טוזנט פינף הונדערט!

און מיטאַמאָל אַן אומגעריכטער שפּרונג. און ה' פּאָליצי האָט געהויבן דעם פּרייז ביז זעקס טויזנט.

זעקס טויזנט פראַנק — דאָס איז געווען די סומע, מיט וועלכע איך האָב דיספּאָנירט. דאָס איז געווען פאַר מיר דאָס העכסטע, איך האָב ריזיקירט דאָס אוממעגלעכע.

— זעקס טויזנט הונדערט! — האָב איך אויסגערופן.

ליידער! אפילו דאס אוממעגלעכע האט אויך נישט געהאט קיין פעולה.

— זעקס טויזנט פינף הונדערט, — האט געענטפערט פאליצי מיט א רויקער שטים.

איך האב אראפגעבויגן דעם קאפ, נישט האבנדיק מער דעם מוט זיך אנצורופן מיט א ווארט און נישט געהערט, ווי דער אויסרופער האט געזאגט:

— זעקס טויזנט פינף הונדערט, צום ערשטן מאל, צום צווייטן מאל! זעקס טויזנט פינף הונדערט!

— צוגעקלאפט! — האט געזאגט דער קאמיסאר, זעקס טויזנט פינף הונדערט! קיינער גיט נישט מער.

א פייערלעכע שטילקייט האט געהערשט אין זאל. מיטאמאל האב איך דערפילט, אז מיין שארבן פלאצט מיר פאר אויפרעגונג. דאס האט דער קאמיסאר געמאלדן מיט א קלאפ פון זיין האמער, אז דער נומער 42 איז איבערגעגאנגען אין באזיץ פון ה' פאליצי און באלד איז דאס דאזיקע גרויסע געשעעניש פארצייכנט געווארן מיט דער פעדער אויף אן אפיציעלן דאקומענט.

כ'בין געווען צעבראכן, כ'האב באדארפט האבן פרישע לופט און אפרו. און פונדעסטוועגן האב איך מיך נישט גערירט פון ארט. ביסלעכווייז בין איך אבער געקומען צו זיך. די האפנונג איז עקשנותדיק. כ'האב אנגעהויבן צו האפן. איך האב מיר געטראכט, אז דער נייער באלעבאס פון דער „גאלדענער לעגענדע" האט געקאנט זיין אן א נטעליגענטער ביבליאפיל און ער וואלט מיר בעגעבן די דערלויבניש זיך צו באנוצן מיטן מאנוסקריפט און צו פארעפנטלעכן די וויכטיקסטע שטעלן.

אז די ליציטאציע האט זיך געענדיקט, האב איך מיך דערנענטערט צום עקספערט, וועלכער איז אראפ פון דער עסטראדע.

— הער עקספערט, — האב איך מיך אנגערופן צו אים, — צי האט איר געקויפט דעם נומער 42 אויף אייער, צי אויף יעמאנדס רעכנונג?

— אויף יענעמס רעכנונג. כ'האב באקומען דעם אויפטראג צו באצאלן אים פאר יעדן פרייז.

— צי קאָנט איר מיר זאָגן דעם נאָמען פון נייעם באַ־זיצער?

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך קאָן נישט באַפרי־דיקן אייער בקשה, מ׳האָט מיר אָבער פאַרבאָטן אָנצוגעבן דעם נאָמען.

איך האָב אים פאַרלאָזן אַ פאַרצווייפלטער.

30-טער דעצעמבער 1859

— טערעסע, צי הערסטו נישט, אַז מען קלינגט שוין זינט אַ פערטל שעה אין דער טיר?

טערעסע ענטפערט מיר אָבער נישט, זי כאַפּט מסתּמא אַ שמועס מיט דער הויזוועכטערין. דאָס איז מער ווי זיכער. אויף אַזאַ אופן פייערסטו דעם נאָמענס-טאָג פון דיין אַלטן באַלעבאָס? די פאַרלאָזט מיך ערב דעם טאָג פון הייליקן סילוועסטר? ליידער! אויב איך וועל דערהאַלטן דעם טאָג האַרציקע ווונשן, איז נאָר פון יענער וועלט, ווייל אַלע וואָס האָבן מיך געליבט, ליגן שוין לאַנג אין דר׳ערד. איך ווייס נישט לחלוטין, וואָס איך טו נאָך אויף דער וועלט. מען קלינגט נאָך אַלץ. מיט איינגעבויגענע פּלייצעס, הייב איך מיך פּאַמעלעך אויף פון מיין אָרט ביים קאַמין, און גיי עפענען די טיר. ווער שטייט עס אויפן שוועל? דאָס איז נישט אַמאָר, און איך בין אויך נישט דער אַלטער אַנאַקרעאָן, דאָס איז אַ שיין יינגל פון אַ יאָר צען אָדער עלף. ער איז אייבער אַליין, ער הייבט אויף צו מיר די אויגן. זיינע באַקן רויטלען זיך, אָבער זיין פאַרשאַרצט נעזל זאָגט עדות, אַז ער איז אַ קונדס און אַ שטיפער. זיין הוט איז באַפּוצט מיט פעדערן און זיין בלוזע איז אַרומגענייט מיט האַפטן. אַ שיין קליין מענטשעלע! ער האַלט מיטביידע הענט אַ פּאַקעט, וואָס איז אַזוי גרויס, ווי ער אַליין, און פרעגט מיך, צי איך בין עס סילוועסטר באָנאַר. איך ענטפער אים, אַז יאָ; ער גיט מיר איבער דעם פּאַקעט זאָגט, אַז דאָס האָט זיין מאַמעשי געשיקט און ווערט נעלם.

איך גיי ארויס אויף די טרעפ, איך בייג מיך אראָפּ אי־בערן אַנלען און כ׳זע, ווי זיין קליינער הוט שלענגלט זיך אי־בער די טרעפּ. אַ גוטן אָוונט, מיין קליין בחורל! כ׳וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט מיט דיר רעדן. איבריקנס, וואָס וואָלט איך אים געקאָנט פרעגן? עס איז נישט אויפן אָרט אויסצופרעגן קליינע קינדער. מסתמא וועט דער פּאַקעט מיר אַלץ פאַרענטפערן.

דער פּאַקעט איז זייער אַ גרויסער, אָבער נישט אַזוי שווער. אין דער ביבליאָטעק בינד איך אויף די שטריקלעך און דאָס פּאַפּיר, און אָט וואָס איך געפין? אַ קעסטעלע — אַ שיין קעס־טעלע, אָבער אַזוי לייכט, דאָס איך בין זיכער, אַז עס איז אינע־ווייניק הויל. און איך קום אין דער אמתן צו דער איבערצייגונג, אַז עס באַשטייט פון צוויי טיילן, וואָס עפענען און פאַרמאַכן זיך אויף זאַוויאַסעס, איך נעם אראָפּ דאָס שלעסל און ווער פאַר־פּלייצט מיט פיילעכלעך. זיי צעשיטן זיך אויפן טיש, אויף מיינע קני, אויפן דיוואַן. זיי גליטשן זיך אריין אין מיין וועסטל אריין, אין מיינע אַרבל. איך בין באַרוישט פון זייער דופט.

— טע־רעסע, טערעסע! ברענג אַהער וואַזאַנען מיט וואַסער!

מ׳האָט אונז געשיקט פיילעכלעך, כ׳ווייס נישט פון וואַנען און פון וועמען, ס׳ווייזט אָבער אויס, אַז זיי שטאַמען פון אַ שמעקנ־דיק לאַנד און אַ גראַציעזער האַנט. אַלטע קליפּה, צי דו הערסט מיך אַלץ נישט?

איך האָב אויסגעשיט די פיילעכלעך אויפן טיש, וועלכער איז פולשטענדיק פאַרשוווּנדן אונטער זייער צודעק. אינם קעסטע־לע איז פאַראַן נאָך עפּעס, אַ בוך, א מאַנוסקריפּט... ס׳איז מיר שווער דערין צו גלויבן און איך צו צווייפלען... דאָס איז די „גאָלדענע לעגענדע“, דאָס איז דער כתב־יד פון גלח זשאַן טו־מויע... אָט איז די רייניקונגס־טבילה פון דער יונגפרוי, און דאָס אויפכאַפּן פון פּראָזערפּינע, אָט איז די לעגענדע פון הייליקן דראַקטאָווע, איך באַטראַכט די דאָזיקע רעליקוויע, וואָס איז דורכ־געזאַפּט מיטן ריח פון פיילעכלעך. איך בלעטער די זייטלעך, צווישן וועלכע עס גליטשן זיך אריין קליינע בלאַסע קווייטן, און

איך געפֿין ביי דער לעגענדע פֿון דער הייליקער צעציליע, אַ וויזיט־קאַרטע: פירשטין טרעפאָוו.

פירשטין טרעפאָוו, וואָס האָט געקאָנט לאַכן און אין אַ ווילדע ארום ווייבען אונטערן הימל פֿון אגרידזשענטע, וועלכע אַן אלטער שוטה האט אָנגענומען פֿאר א שטיקל משוגענער. ווי שטארק עס פרייט מיך אייער זעלטן־שיינע, הגם אויסטערלישע האַנדלונג. און דער טיפש, וואס איז באַרוישט פֿון גליק וואָלט איך גערן געקושט די הענט און צוריק אפגעגעבן דעם ווערטפולן מאַנוסקריפט, וואָס זיין געניע און פראַכטפולע אויסגאַבע וועט די וויסנשאַפט נאָר איר האָבן צו פֿארדאנקען.

אין דער רגע איז טערעסע אריינגעקומען אין קאַבינעט אריין: זי איז געווען אויפגערעגט.

— מיין הער, טרעפט, ווען איך האָב נאָר וואָס געזען אין אַ קאָטש מיט הערבן, וואָס האָט געוואַרט פֿארן טויער פֿון אונזער הויז.

— מאַדאַם טרעפאָוו! ביי גאָט! — האָב איך אויסגערופן.

— איך קען נישט מאַדאַם טרעפאָוו, — האָט געענטפערט מיין ווירטין. — די פרוי, וועלכע איך האָב געזען איז געקליידט ווי אַ פירשטן און האָט געהאַט לעבן זיך אַ קליינעם יונגל, אָנגעטון אין קליידער, וואָס זענען באַפוצט מיט שפיצן. און דאָס איז נישט קיין אַנדערע, ווי יענע קליינע פרוי קאָקאָ, וואָס איר האָט איר מיט עלף יאָר צוריק אַרויפגעשיקט אַ בינטל האָלץ. איך האָב זי באַלד דערקענט.

— דו זאָגסט אַלזאָ, — זאָג איך צו איר, — אַז דאָס איז מאַדאַם קאָקאָ? די אלמנה נאָכן ביכער־פאַרקויפער?

— דאָס איז זי, מיין הער, בעת איר קליינער זון איז איינגעשטיגן אין דער קאָטש. איז די פאַרהאַנג געווען פונאַנדערגערוקט. זי האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט. און פאַרוואָס זאָלן זיך אַזעלכע פרויען עלטערן? זיי וויסן דען עפּעס וואָס ס׳איז אַזויגס צער. זי איז עטוואָס דיקער געוואָרן. צי איז דאָס נישט קיין חרפה, אַז אַ פרוי, וועלכע מ׳האָט אויפגענומען נאָר אויס

דתמונות, זאָל איצט קומען און ווייזן אירע סאַמעטענע קליידער און דימענטן אין אַ גרעפישער קאַרעטע?

— טערעסע,— האָב איך אויסגערופן מיט אַ שרעקלעך קול. מיר וועלן זיך מוזן צעקריגן, אויב דו וועסט וואגן זיך אויס צודריקן מיט אַזאַ גרינגשעצונג וועגן דער דאָזיקער פרוי. זאָג לאַנג מיר די אויסע רגע מיינע סעוור־וואַזאָגען, כדי אַריינצוטראָגן אין זיי די פיילעכלעך, וואָס גיבן צו דער דאָזיקער ביכער־מדינה אַ חן, וועלכן זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

און בעת טערעסע האָט זיפצנדיק געזוכט די סעוור־וואַזאָנען, האָב איך באַטראַכט די צעשיטע בלומען, וואָס זייער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום מיר, ווי דער דופט פון אַ רייצנדער נשמה, און איך האָב מיך געפרעגט, ווי אַזוי האָב איך עס נישט דערקענט אין דער פירשטין טרעפּאָוו די פרוי קאָקאָ. די געשטאַלט פון דער יונגער אלמנה, וועלכע האָט מיר געוויזן אויף די טרעפּ איר נאַקעט קינד, האָט זיך מיר צו האַסטיק באַוויזן, און איך בין געווען בייז אויף מיר אליין, וואָס איך בין גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַזאַ גראַציעזער און שיינער פּערזאָן און נישט געפּרוווט צומאָל זיך מיט איר פאַראינטערעסירן.

— באַנאַר, האָב איך געזאָגט צו זיך, — דו ביסט אימשטאַנד איבערצולייענען אַלטע טעקסטן, דו קאָנסט אָבער נישט לייענען אינם בוך פון לעבן. די דאָזיקע לייכטזיניקע מאַדאַם טרעפּאָוו, וואָס דו האָסט נישט פיל פון איר געהאַלטן. האָט כדי אַרויסצוווייזן איר דאַנקבאַרקייט, זיך דערלויבט אויף אַ סך מער מי און שכל, ווי דו אין משך פון דיין גאַנץ לעבן. זי האָט דיר באַצאָלט דעם חוב, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קיניגין... טערעסע, דו ביסט אַ קריכערין, אַ טשערעפּאַכע! ברענג שנעלער וואַסער פאַר די פיילעכלעך פון פּאַרמאַ!

צווייטער טייל

יאָהאַננע אַלעקסאַנדר.

ליזאגס, דער 8-טער אויגוסט.

I.

ווען איך האָב אויסגעשטיגן פון וואַגאָן אויף דער סטאַציע מעלען, איז איבערן שטילן דאָרף געהאָנגען די רויקייט פון דער נאַכט. די ערד, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג אָנגעוואַרעמט געוואָרן דורך דער זון, דורך דער „פעטער זון", ווי עס דריקן זיך אויס די שניטערס פון טאָל דע וויר, האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ שטאַרקן און הייסן ריח. די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט שווערע ריחות פון די גראָזן. איך האָב אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם רייזע-שטויב און מיט אַ פולער ברוסט איינגעאָטעמט אין זיך די פרישע לופט. איך האָב לחלוטין נישט געשפּירט די משא פון מיין סאַקוואָיאַזש, וועלכן מיין באַלעבאָסטע האָט אָנגעפּילט מיט וועש און אַנדערע קליינע טואַלעט-מכשירים, און כ'האָב געפּאַכעט מיט אים, ווי אַ שולינגל, וואָס שפּילט זיך מיט זיינע ביכער, בעת ער פאַרלאָזט דעם קלאַס.

אָ, ווען איך וואָלט מיך איצט געקאָנט אומקערן צו מיינע שוליאָרן. עס זענען שוין אָבער פאַרביי פופציק יאָר זינט יענער צייט, ווען מיין מוטער, עליה השלום, האָט אָנשמירנדיק פאַר מיר אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע, עס אַריינגעלייגט אין אַ קוישל און איבערהענגענדיק עס איבער מיינע פּלייצעס, מיך אַוועקגעפירט אין דער שולע פון ה' דולואַר, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן גאָרטן און הויף, אין אַ ווינקל פון פּאַסאַזש די קאַמערס, וואָס איז די ווערבלעס גוט באַקאַנט געווען. דער אומגעהייער

היכער ה׳ דולואַר האָט פריינטלעך געשמייכלט צו אונז, און מיך אַ גלעט געטון איבערן פנים, כדי מסתמא אויסצודריקן די סימפּאַטיע, וועלכע איך האָב אומגעריכט אויפגעוועקט אין אים. אָבער ווי נאָר מיין מוטער האָט פאַרלאָזן דעם הויף, באַגלייט פון אַ כמאַרע וורובלעס, וואָס זענען געפלויגן איבער איר קאָפּ, האָט ה׳ דולואַר אויפגעהערט צו שמייכלען; ער האָט מיר נישט אַרויסגעוויזן מער קיין פריילעך פנים. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר, ווי אויף אַן איבעריקע זאַך. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ער האָט געהאַט די זעלבע גע־פילן צו אַלע זיינע תלמידים. ער האָט אונז פאַרטיילט קלעפּ מיט אַזאַ התמדה, וואָס איז פּשוט געווען אומגלויבלעך ביי זיין פעטן גוף. אָבער זיין ערשטע סימפּאַטיע פלעגט זיך אויפסניי אויפוועקן אין אים אַלעמאָל, ווען ער האָט אין אונזער קעגנוואַרט גערעדט מיט אונזערע מאַמעס. דעמאָלט האָט ער געלויבט אונזערע פעי־קייטן און אונז באַשאָנקען מיט אַ פריינטלעכן בליק. גוטע צייטן זענען דאָס געווען, בעת איך האָב פאַרבראַכט אויף דער שול־באַנק ביים ה׳ דולואַר צוזאַמען מיט מיינע קליינע קאַמעראַדן, וואָס האָבן אַזוי ווי איך געוויינט און געלאַכט פון גאַנצן האַרצן, פון דער פרי ביז פאַרנאַכט.

איצט, נאָך פופציק יאָר, וועקן זיך אויף אין מיין נשמה יענע זכרונות פון די אַמאָליקע צייטן; דער מיט שטערן באַזייטער הימל האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט דורך דער גאַנצער צייט און וועט מיט דער זעלבער אומפאַרענדערלעכער און לויטערער קלאָרקייט אַראָפּקוקן אויף אַ סך אַנדערע שול־יונגלעך, וועלכע וועלן מיט דער צייט, אַזוי ווי איך, ליידן אויף אַ קאַטאַר און האָבן גאָלע קעפּ.

אָ, שטערן, וואָס איר האָט געפונקלט איבער די קעפּ פון מיינע פאַרגעסענע אבות, אונטער דער ווירקונג פון אייער קלאָר־קייט, וועקט זיך אויף אין מיר אַ ווייטיקפולער צער! איך וואָלט געוואָלט האָבן קינדער, וואָס זאָלן קוקן אויף אייך דעמאָלט, ווען איך וועל אייך שוין מער נישט אָנזען. איך וואָלט היינט געווען אַ טאַטע און אפילו אַ זיידע, ווען דו וואָלסט נאָר געוואָלט, קלע־

מענטשנע, דו, וואָס דיינע פרישע באַקן האָבן זיך גערויטלט אונטער דיין ראָזן קאַפּטורל! דו האָסט אָבער ליבער חתונה געהאַט מיטן רייכן גוטסבאַזיצער, ה׳ אַכילעס אַליע, אַ האַלבער איידלמאַן, ווייל זיין עקלהאַפטער פּאָטער האָט אָפּגעקויפט די נאַציאָנאַלע גיטער צוזאַמען מיט די דאָקומענטן און טיטלען פון די אַלטע באַלעבאַטים פון שלאָס. איך האָב דיך מער נישט געזען פאַר מיינע אויגן, זינט ווען דו האָסט חתונה געהאַט, און איך שטעל מיר פאָר, אַז דיין לעבן איז געפלאָסן שטיל און טרויעריק אין דיין דאָרפישער סביבה. צופעליק בין איך געוואָר געוואָרן פון דיינס אַ גוטן פריינט, אַז דו ביסט אוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנדיק אַ טאָכטער, וואָס איז ענלעך צו דיר. די דאָזיקע ידיעה, וועלכע וואָלט מיך מיט צוואָנציק יאָר צוריק איגנאָרירט, האָט איצט ארויסגערופן אין מיר אַ גאַנץ אַנדערע רעאַקציע און מיין נשמה האָט באַהערשט אַ פולשטענדיקע רויקייט. דאָס געפיל, וואָס האָט דורכגענומען מיין גאַנץ ווען איז נישט געווען קיין געפיל פון שאַרפן ווייטאָק, נאָר אַ טיפער און שטילער טרויער פון אַ האַרץ, וואָס בייגט זיך מיט הכנעה פאַר די גרויסע געשעענישן פון דער נאַטור. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס איך האָב ליב געהאַט, איז נאָר געווען אַ שאָטן. אָבער די ערינערונג וועגן דיר וועט אַלעמאָל באַשיינען מיין לעבן. דיין ליבלעכע געשטאַלט, וואָס האָט קוים באַוויזן זיך פונאַנדערצובליען, איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטער אַ שיכט פון פעטן גראָז. די יוגנט פון דיין טאָכטער איז שוין מן הסתם פאַרביי, איר שיינקייט איז בלי ספק פאַרוויאַנעט געוואָרן. און דאָך זע איך דיך אָן אויפהער, קלעמענטינע, מיט דיינע בלאָנדע קרויזן און ראָזן קאַפּטורל.

אָ, שיינע נאַכט! דו פאַלסט אַראָפּ אַ זיסע און אַ שטילע אויף די מענטשן און חיות, וועלכע דו לייזסט אויס פון זייער טאָגטעגלעכן עול. און איך פיל אויך דיין גליקזעליקע ווירקונג, הגם, ווי אויף מיינע זעכציק יאָר, נעם איך אויף די דערשיינונגען נאָר לויט זייערע אויסערלעכע סמנים. פאַר מיר עקזיסטירן נאָר אויף דער וועלט בלויז ווערטער, אויף אַזוי ווייט בין איך-

פילאָגז יעדער פאַרווירקלעכט דעם חוב פון זיין לעבן אויף זיין שטייגער. איך פאַרווירקלעך אים אין מיין ביבליאָטעק, און הלוואי, אַז ס׳וועט קומען די צייט צו פאַרלאָזן די ערד, זאָל מיך גאָט צונעמען צו זיך פון מיין לייטער, פון מיינע פאַכן, וואָס זענען אָנגעלאָדן מיט ביכער!

— הע! הע! דאַס איז ער! גוט מאָרגן, הער סילוועסטער באָנאַר. וווהין גייט איר עס מיט אַזעלכע לייכטע טריט, בעת איך האָב אייך אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל מיט מיין קאַבריאָלעט. איר זענט פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן, אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן און איך האָב מיך געמוזט צוריקקערן מיט גאָרנישט קיין ליזאַנס. גיט מיר אַהער אייער רייזע־זאַק און זעצט אייך לעבן מיר. צי ווייסט איר כאָטש, אַז פון דאַנען ביז צום שלאָס איז נאָך אַ מהלך פון גוטע זיבן קילאָמעטער?

ווער רופט עס מיך מיט אַזאַ הויכער שטים? ה׳ פּאָל דע גאַברי, ברודערן־זון און יורש פון ה׳ אָנאָרע דע גאַברי, וואָס איז אין יאָר 1842 געוואָרן פּאַר פון פראַנקרייך און איז דאָ נישט לאַנג געשטאָרבן אין מאָנאַקאָ. טאַקע צו אים בין איך עס געגאַנגען, באַלאָדן מיט דער וואַליזע, וועלכע טערעסע האָט מיר איינגעפּאַקט. דער דאָזיקער פיינער מאַן האָט געירשנט צוזאַמען מיט זיינע ביידע שוואָגערס די גיטער פון זיין פעטער, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון אַן אַלטער אַדל־פאַמיליע און פאַרמאָגט ביי זיך אין שלאָס אין ליזאַנס אַ ביבליאָטעק, וואָס איז געווען רייך אין מאַנוסקריפּטן אַזש פון דרייצנטן יאָרהונדערט. קיין ליזאַנס בין איך טאַקע געקומען, כדי צו אינווענטאַריזירן און קאַטאַלאָגירן די דאָזיקע מאַנוסקריפּטן, זייענדיק איינגעלאַדן דורכן ה׳ פּאָל דע גאַברי, וואָס זיין פאָטער, אַליין אַ ביבליאָפיל, איז בעת זיין לעבן געווען מיט מיר אין פריינטלעכע באַציונגען. דעם אמת זאָגנדיק, האָט דער זון לחלוטין נישט געירשנט די איידעלע נייגונגען פון זיין פאָטער, ה׳ פּאָל האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ספּאָרט; ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט פערד און הינט, און איך גלויב, אַז פון די אַלע וויסנשאַפטן, וואָס האָבן דעם צוועק צו באַפרידיקן

אָדער אַריינגעבראַכט אין אַ טעות די נישט אויסגעשעפטע נייגיריקייט פון די מענטשן, באַהערשט ער גרונדלעך די בילדונג, וואָס האָט אַ שייכות מיטן שטאַל און ז׳ער בודע פון הינט.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך בין געווען איבערראַשט פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, ווייל איך האָב דאָך מיך מיט אים אָפגעשמועסט, איך בין מיך אָבער מודה, אַז פאַרטראָגן פון מיינע געדאַנקען, האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן דעם שלאָס אין ליזאַנס און זיינע באַלעבאַטים, אויף אַזוי ווייט, אַז די אויסרופן פון גוטסבאַזיצער האבן געקלונגען אין מיינע אויערן, ווי אַ קנאַפון אַ האַרמאַט.

כ׳האָב מורא, אַז מיין פיזיאָנאָמיע האָט פאַראַטן מיין נישט פאַסיקע צעטראָגנקייט און מיין פנים האָט באַקומען אַ תמעוואַטן אויסדרוק. מיין וואַליזע האָט געפונען אַן אָרט אין קאַבריאָלעט, דערנאָך האָב איך מיך אויך אויפגעזעצט. מיין באַלעבאָס איז מיר געפעלן געוואָרן צוליב זיין אויפריכטיקייט און פשטות.

— איך האָב זייער א קליינע ידיעה אין אייערע אַלטע פאַרמעטן, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איר וועט אָבער געפונען ביי אונז מענטשן, מיט וועלכע איר וועט זיך קענען וועגן דעם פאַרשטענדיקן. אַ חוץ דעם גלח, וואָס שרייבט ביכער און דעם דאָקטאָר, וועלכער איז זייער אַ ליבלעכער מענטש, הגם אַ ליבעראַל, וועט איר האָבן נאָך איינעם, וואָס וועט אייך בייהילפיק זיין: דאָס איז מיין פרוי. זי איז נישט קיין געלערנטע, פונדעסטוועגן דוכט זיך מיר, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין זאַך, וואָס זאָל איר זיין אומבאַקאַנט. איך גלויב איבריקנס, אַז איר וועט — אם ירצה השם — בלייבן ביי אונז אַזוי לאַנג, ביז איר וועט האָבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער פריילין יאָהאַננע, וואָס האָט פינגער פון אַ כישופמאַכערין און אַ נשמה פון אַ מלאך.

— צי איז די פריי׳ין, וואָס איז אַזוי רייך באַשאָנקען געוואָרן פון דער נאַטור, נישט אַמאָל אייערס אַ קרובה? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, — האָט געענטפערט הער פאָל, אָנשטעלנדיק זיין בליק אויף די אויערן פון זיין פערד, וואָס האָט געקלאַפט מיט

די קאַפּיטעס איבערן שאַסיי, דעם באַגאַסענעם פון לבֿנה-שײַן. דאָס איז מײַן פּרויס אַ יונגע פּרינצעסין. זי איז אַ קיילעכדיקע יתומה. איר פֿאָטער האָט אונז דערפֿירט צו אַ גרויסער פֿינאַנציעלער קאַטאַסטראָפֿע און מיר האָבן צוזאַמען מיט אים איבערגעלעבט אַ סך שווערע רגעס.

איך בין געוווּיר געוואָרן פֿון אים, אַז ה אַנאָרע דע גאַבריזיין פֿעטער, איז כּל ימיו געווען אין זייער אָנגעשטרענגטע באַציִונגען מיט די אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע דער וואַלד-אויפֿזעער פֿלעגט דערשיסן, ווי די קראָליקעס. איינער פֿון זיי, אַ פּויער, וועלכער האָט באַקומען אַ קויל אין פּנים אַרײַן, האָט זיך אויסנקמה אַמאָל אײַן אַן אָוונט באַהאַלטן אונטער אַ בוים און אויסגעשאָסן אין אים. ער האָט אָבער נישט געטראָפֿן, און די קויל האָט נאָר אָפּגעשמאַליעט דאָס לעפּל פֿון זײַן אויער.

— מײַן פֿעטער, — האָט ה׳ פּאָל צוגעגעבן, — האָט געוואָלט געוווּיר ווערן, פֿון וואַנען די קויל איז געקומען, ער האָט אָבער גאָרנישט געזען און זיך צוריקגעקערט אין שלאָס אַרײַן, נישט צוגעאײַלט צומאָל דעם גאַנג. אויף צומאָרגנס האָט ער געלאָזט רופֿן צו זיך זײַן פֿאַרוואַלטער און אים באַפֿוילן אָפּצושליסן דעם הויף און דעם פּאַרק און נישט אַרײַנצולאָזן דאָרט קיין לעבעדיקן נפֿש. ער האָט שטרענג פֿאַרזאָגט, אַז ביז צו זײַן צוריקער זאָל מען נישט דערוועגן זיך צוצורירן צו קיין שום זאַך און נישט פֿאַריכטן אָדער אונטערנעמען דעם מינדעסטן שריט אויף זײַנע קרקעות און אין שלאָס. ער האָט צוגעוואָרפֿן צווישן די ציין, ווי אין אַ לידל, אַז ער וועט זיך אומקערן אויף פּסחאָדער אויפֿן יום-טובֿ פֿון דער דרײַאײניקייט. און אַזוי יווי אין ליד, זענען די יום-טובֿים פֿאַרבײַ און ער האָט זיך גאָר נישט אומגעקערט. ער איז געשטאָרבן פֿאַראיאָרן אין קאַן, און מיר, מײַן שוואָגער און איך, האָבן נאָך אַ הפֿסקה פֿון צוויי־און־דרײַסיק יאָר, די ערשטע איבערגעטרעטן די שוועל פֿון פֿאַרלאָזענעם שלאָס. אינמיטן דעם גרויסן זאַל האָבן מיר געפֿונען אַ קאַשטאַן-בוים. וואָס שייך דעם פּאַרק, האָט מען געמוזט דורכהאַקן די אַלייען, כּדי צו מאַכן זיך אַ וועג.

מיין חבר איז אנטשוויגן געוואָרן און מ'האָט נישט מער געהערט, ווי די רעגלמעסיקע טריט פון פערד ביי דער באַגלייטונג פון די זשומענדיקע אינזעקטן אין גראָז. פון ביידע זייטן פון שאָסיי זענען געווען אויסגעשטעלט סנאָפּעס תבואה, וואָס האָבן אין דעם געהיימנישפולן ליכט פון דער לבנה, אויסגעזען, ווי ווייסע, ריזיקע, קניענדיקע פרויען. איך האָב מיך פאַרטיפט אין מיינע רעיונות, פאַרכשופט פון דער שיינקייט פון דער נאַכט. נאָכדעם ווי מיר זענען דורכגעפאָרן דעם געדיכט באַשאָטנטן שאָסיי, האָבן מיר פאַרקירעוועט אויף רעכטס און אריינגעפאָרן אין אַ פּראַכטפולע אליי, וואָס אויף איר סוף האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן די שוואַרצע מאַסע פון שלאָס מיט זיינע שפּיציקע טורעמס. מיר זענען דורכגעפאָרן דורך אַ מין שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו אַ ערן-איינפאָר-הויז, איבערגעוואָרפן איבער אַ גראָבן פול מיט לויפנדיק וואַסער; ער האָט פאַרטרעטן דאָס אָרט פון דער הענג-בריק, וואָס איז געווען חרוב אַ לאַנגע צייט. דער פאַרלוסט פון הענג-בריק איז דוכט זיך געווען די ערשטע דערנידריקונג אין דער געשיכטע פון דאָזיקן פאַרטיידיקונגס-פונקט, איידער ער איז צוגעפירט געוואָרן צום איצטיקן פרידלעכן צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב אים געפונען. די שטערן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין וואַסער מיט אַ וווּנדערבאַרער שאַרפקייט. ה׳ פאָל האָט מיך צוגעפירט מיט דער גאַנצער קורטואַזיטעט פון אַ ווירט, ביז צו מיין צימער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן סאַמע שפּיץ, אין עק פון אַ לאַנגן קאָרידאָר. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר, וואָס צוליב דער שפּעטער שעה, קאָן ער מיך נישט פאָרשטעלן פאַר זיין פרוי, און מיר געווונטשן אַ גוטע נאַכט.

מיין צימער, ווייס אויסגעמאָלט און באַהאָנגען מיט פּערסישע דיוואַנען איז געווען אין סטיל פון אַכצנטן יאָרהונדערט. הייסער אַש האָט זיך נאָך געטליעט אין קאַמין, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז די באַלעבאַטים באַמיען זיך ווי ווייט מעגלעך צו באַזייטיקן די פייכטקייט פון צימער. אויפן קאַמין איז געשטאַנען דער ביוסט פון דער קיניגין מאַריע-אַנטואַנעט. אין דער ווייסער ראַם פון טונקעלן און פאַרפלעקטן שפּיגל, זענען געווען אריינ-

געקלאַפּט צוויי מעשענע האַקן, אויף וועלכע די אַמאָליקע באַלע־באַטעס פון שלאָס פלעגן אויפהענגען זייערע גאָלדענע קייטן, און ווי איך האָב איצטער אויפגעהאָנגען מיין זייגער, נישט פאַר־געסנדיק אים פריער אָנצוציען. ווארים איך האַלט, להיפך פון די טעלעמיטן, אַז דער מענטש איז נאָר דעמאָלט דער באַהער־שער פון דער צייט, ווען ער צעטיילט זי אויף שעהן, מינוטן און רגעס, ד. ה. אויף אַזעלכע חלקים, וואָס זענען פּראָפּאָרציאָ־נעל צו זיין קורצער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

און איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָס לעבן קומט אונז פאָר קורץ נאָר דערפאַר, ווייל מיר מעסטן עס אומפאָרזיכטיק מיט אונזערע וואַנזיניקע האָפנונגען. יעדער פון אונז וויל, ווי יענער זקן פון כעשהלע, צובויען נאָר איין פליגל צו זיין ווערק. איך למשל וויל ענדיקן פאַרן טויט די געשיכטע פון די מאָנאַכן פון סען־זשערמען־דע־פּרע. די צייט, וואָס גאָט טיילט אויס יעדן פון אונז, איז ווי אַ ווערטפולע מאַטעריע, אויף וועלכער מיר העפטן אויס אונזער בעסטעס. איך האָב אויסגעהאָפטן מיין חלק מאַטעריע מיט פאַרשידנאַרטיקע פילאָלאָגישע אילוסטראַציעס. אַזעלכע זענען געווען מיינע געדאַנקען, און בעת איך האָב ארומ־געבונדן מיין קאָפּ מיטן טיכל, האָט מיר דער באַגריף פון דער צייט געבראַכט אויפן געדאַנק די פאַרגאַנגענהייט און צום צווייטן מאָל אין משך פון איין מעת־לעת, האָב איך געטראַכט וועגן דיר, קלעמענטינע, און איידער איך האָב אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אנטשלאָפן געוואָרן ביים געזאַנג פון די זשאַבעס, האָב איך דיך געבענטשט אין די קינדער דיינע.

פּיזאַנס, 9־טער אויגוסט

בעתן פרישטיק האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אונטער־צוהאַלטן דעם געשפּרעך מיט מאַדאַם דע גאַברי, וועלכע האָט מיך אינפאָרמירט, אַז דער שלאָס ווערט באַזוכט דורך גייסטער, געמלען דורך דער דאַמע, „מיט די דריי קנייטשן אויף די פּליי־צעס", וועלכע האָט ביים לעבן פאַרסמט אַ סך מענטשן און נאָכן טויט נישט געקענט געפינען קיין רו אין קבר און געבלאָנזשעט איבערן שלאָס. ס'איז מיר באמת שווער איבערצוגעבן, מיט וואָס פאַראַ קאָפּט און איבערצייגונג זי האָט דערציילט וועגן דער דאָזיקער אַלטער לעגענדע. מיר האָבן געטרונקען קאַווע אויף דער טעראַסע, וואָס אירע בצ.ל.כטראַדן, אָפּגעשניטן פון זייער שטיי־נערנע ראַמפּע און פאַרפלאָנטערט אין אַ געץ פון ווילדן ווין האָבן אויסגעזען, ווי די פאַרצווייפלטע טעסאַלישע פרויען, וואָס זענען געפאַנגען געווען אין די אָרעמס פון די העלדישע קענ־טאַוורן.

דער שלאָס, וואָס איז געווען געבויט אין דער פאָרם פון אַ קאַבריאָלעט אויף פיר רעדער האָט אין יעדן ווינקל געהאַט שפּיציקן טורעם, אָבער אַ דאַנק די שפּעטערדיקע רעמאָנטירונגען האָט ער אינגאַנצן פאַרלוירן זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַ גרויסע און ברייטע געביידע — נישט מער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין משך פון די צוויי און דרייסיק יאָר האָט ער איז געווען אומבאַוווינט, איז ער זייער ווייניק צעשעט.

דיקט געוואָרן. ווען איך בין אָבער אין דער באַגלייטונג פון מאַדאַם דע גאַברי אַריינגעקומען אין זאַל אויפן פאַרטער, האָב איך געזען אַ צעבראָכענעם דיל, פאַרפוילטע לייסטן, פאַרשימלטע טאַפּעטן, די גרויסע בילדער זענען געווען שוואַרץ ווי סאַ־דזע און דריי פּערטל פון זיי זענען נישט געהאָנגען אין די ראַמען. אין מיטן דעם זאַל איז געוואַקסן אַ ריזיקער קאַשטאַן, וועלכער דאָט דורכגעבראָכן דעם דיל און געווענדעט זיינע ברייטע בלעטער אין דער ריכטונג פון די פענסטער אָן שויבן.

כ'האָב באַטראַכט דאָס אַלץ מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מורא האָבנדיק, אַז די רייכע ביבליאָטעק פון ה' אָנאָרע דע גאַברי, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ שכנותדיק צימער, זאָל אויך אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט נישט האָבן פאַרפוילט געוואָרן. און פונדעסטוועגן, באַטראַכטנדיק דעם יונגן קאַשטאַן אין זאַל, האָב איך מיך נישט געקענט אָפּוואונדערן איבער דער פּראַכטפולער קראַפט פון דער נאַטור און אירע אומשטערבלעכע כוחות, וואָס טרייבן דאָס מינדעסטע קערנדל צו אַ ווייטערדיקער אַנט־וויקלונג. פאַרקערט, איך בין טרויעריק געוואָרן ביים געדאַנק, אַז די באַמיונגען פון אונז, געלערטע, צו דערהאַלטן און קאָנ־סערווירן די טויטע חפצים זענען אויסערגעוויינלעך שווערע און נייען סוף כל ס.ף לאיבוד. דאָס, וואָס האָט געלעבט, דינט ווי אַ נויטווענדיקע דערנערונג פאַר נייע עקזיסטענצן. דער אַראַבער, וואָס בויט זיך אַ הייזל פון די מערמל־שטיינער פון די פּאַלמיר־טעמפּלען, איז מער פילאָזאָף, ווי אַלע קאָנסערוואַטאָרן פון די מוזייען אין לאָנדאָן, פּאַריז און מינכען

געלויבט איז גאָט! די ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך אין דער מזרח-זייט, האָט כמעט נישט געליטן קיין שאָדן. אַ חוץ אַ ריי אַלטע געזעצביכער אין פאָליאָ, וואָס זענען אין אייניקע ערטער צעביסן פון קונעס, זענען די איבריקע ביכער געבליבן נישט גערירט אין די פארמאַכטע שענק. איך האָב פארבראַכט אַ גאַנצן טאָג ביים ברענגען אין אָרדנונג די מאַנוסקריפּטן. דורך די הויכע פענסטער אָן פאָרהאַנגען האָט אַריינגעשיינט די זון אויך בעת איך בין געווען פארטיפט אין מיין לייענען. וואָס איז טיילמאָל געווען זייער אינטערעסאַנט, האָט צו מיינע אויערן דער־נרייכט דאָס קנאַקן פון די פארפוילטע טאַפּעטן און דאָס זשומען פון די פליגן, וואָס האָבן פארשכורטע פון ליכט און היץ אַרומ־געקרייזט אַרום מיין קאָפּ. אַן ערך דריי אַזייגער איז זייער זשומעריי געוואָרן אַזוי טומלדיק און אומדערטרעגליך, אַז איך האָב אויפ־געהויבן דעם קאָפּ פון זייער אַ ווערטפולן דאָקומענט וועגן דער געשיכטע פון מעלען אין דרייצנטן יאָרהונדערט, און אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו די קאָנצענטרישע באַוועגונגען פון די דאָזיקע חיהלעך, אָדער „בעסטיעלעך״, ווי לאַפּאָנטען האָט זיי אָנגערופן. איך האָב געמוזט פעסטשטעלן, אַז די היץ ווירקט אויף די פליגעלעך פון אַ פ״יג לגמרי אַנדערש, ווי אויפן שאַרבן פון אַ אַרכיוויסט-פּאַלעאָגראַף, וואָרים איך האָב געשפירט, אַז ס׳קומט מיר אָן מיט גרויס מי צו טראַכטן און אַז ס׳באַהערשט מיך אַ

מידקייט, פון וועלכער עס איז מיר קוים געלונגען פטור צו ווערן. דער גלאָק, וואָס רופט אויף מיטאָג האָט מיך געטראָפן ביי דער ארבעט, און איך האָב מיך געמוזט שנעל איבערטון, כדי זיך ווי געהעריק פאָרצושטעלן פאר דער מאַדאַם דע גאַברי.

דאס מיטאג האָט זיך פארצויגן זייער לאַנג. איך בין א גרויסער מבין אויף פארשידענע געטראַנקען. מיין הויזווירט האָט דאס באמערקט און געעפנט לכבוד מיר א פלאַש ווייַן פון שאַטאָ-מאַרגאָ. איך האָב מיט יראת הכבוד געטרונקען דעם איידעלן ווייַן, וואס זיין געשמאַק און קראַפט לאָזט זיך גאָרנישט אָפּלויבן. די דאָזיקע פלאַמענדיקע פליסיקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן אין אַלע מיינע אברים און אויפגעוועקט אין מיר יוגנטלעכע התלהבות.

זיצנדיק אויף דער טעראַסע לעבן מאַדאַם דע גאַברי, אין דער טונקלקייט, וואָס האָט איינגעהילט אין א געהיימניש די ריזיקע קאָנטורן פון די ביימער, האָב איך געהאָט דאס פארגעניגן אויסצודריקן מיינע איינדריקן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער התלהבות, פשוט צו באַוואונדערן ביי אזא מענטש ווי איך, וואס האָט נישט פאר קיין גראָשן קיין ברעקל פאַנטאַזיע. ספּאָנטאַניש, נישט נעמענדיק זיך צו הילף קיין שום אלטן טעקסט, האָב איך פאר איר געשילדערט דעם מילדן אומעט פון אָוונט און די שיינקייט פון אונזער מאמע-ערד, וואָס דערנערט אונז נישט בלויז מיט ברויט און מיט ווייַן, נאָר אויך מיט באגריפן, געפילן און גלויבענישן, און וואָס וועט אונז צוריקנעמען צו זיך, ווי קליינע קינדער, מידע פון א גאַנצן טאָג ארבעט.

— מיין הער, — האָט זיך אָנגערופן צו מיר די ליבלעכע פרוי, — צי זעט איר די אלטע טורעמס, די ביימער, דעם הימל; ווי נאַטירלעך קומען אונז פאַר די העלדן פון די פאָלקס-מעשהלעך און פאָלקס-געזאַנגען, אויפן פאָן פון דער ארומיקער נאַטור! דאָרט זעט מען די סטעזשקע, אויף וועלכער די קליינע רויט-מיצל איז געגאַנגען אין וואַלד אריין קלויבן ניס. דער פאַרענ-דערלעכער און כמעט אַלעמאָל פארוואָלקנטער הימל איז דורכגעשניטן געוואָרן דורך די רייטוואָגנס פון די פעען, און די צפון-באַשטע האָט אפשר אמאָל פארבאָרגן אונטער איר שפּיציקן דאַך

די אלטע שפינערין, וואס איר שפינדל האָט אַ שטאָך געטון די
שלאָפנדיקע בת-מלכה.

בעת איך האב אזוי איבערגעלייגט פאר מיר די ווערטער
פון מיין חנודיקער הויזווירטין, האָט ה׳ פאָל, אַרויסלאָזנדיק גע-
דיכטע קנוילן רויך פון ציגאַר, מיר דערציילט וועגן עפעס אַ
פּראָצעס, וועלכן ער האָט געפירט מיט דער געמיינדע צוליב נע-
מען וואַסער אָן זיין דערלויבניש. מאַדאַם דע גאַברי האָט אָנגע-
הויבן ציטערן פאר קעלט אונטער איר שאַל, זי האָט אונז פאַר-
לאָזן און אוועק צו זיך אין צימער. איך האָב ביי מיר באַשלאָסן,
אנשטאָט צו גיין שלאָפן, ארויפגיין אין דער ביבליאָטעק כדי
פאָרטצוזעצן די לעקטור פון מיינע מאַנוסקריפּטן. נישט געקוקט
אויפן ווידערשטאַנד פון ה׳ פאָל, וועלכער האָט מיך דווקא צו-
גערעדט גיין שלאָפן, בין איך ארויפגעגאַנגען אין ביבליאָטעק
און זיך גענומען צו דער ארבעט ביים שיין פון אַ לאָמפּ.

נאכדעם ווי איך האָב איבערגעלעזן פופצן זייטלעך, וואָס
זענען משמעות אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַן איגנאָראַנט און צע-
טראָגענעם פּאַרשוין, ווייל איך האָב קוים געקאָנט פארשטיין זיי-
ער זין, האב איך אראָפּגעלאָזט מיין האַנט אין קעשענע, כדי
ארויסצונעמען פון דאָרט מיין טאַבאַק-שקעטעלע. אבער די דאָזיקע
נאַטירלעכע, כמעט אינסטינקטיווע באַוועגונג האט מיך דאָס מאָל
געקאָסט אַ שפּאָר ביסל מי און טרחה; נישט געקוקט דערויף
האָב איך אויפגעעפנט דאָס זילבערנע פושקעלע און גענומען פון
דאָרט אַ שמעק טאַבאַק, וואָס האָט זיך מיד אויסגעשיט אויפן
העמד, גלייך אונטער דער נאָז. איך בין זיכער, אז מיין נאָז
וואָס איז זייער עמפּפינדלעך, האָט אויסגעדריקט איר אומצופרידנ-
קייט. זי האט שוין נישט איינמאָל אויסגעגעבן מיינע אינטימסטע
מחשבות. און נעמלעך אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין קו-
טאַנס, ווו איך האָב אונטער דער נאָז פון מיין קאָ׳עגע, אַנט-
דעקט זייער וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער
הייליקער מאַדאָננע פון אַנזש.

ווי גרויס איז דעמאָלט געווען מיין פרייד! מיינע אויגן, קליינע
און פאַרנעפּלטע אונטער די ברילן, האָבן נישט אויסגעגעבן מיין

איבעראַשונג. אָבער ביים בלויזן אָנבליק פון מיין פלאַטשיקער נאָז, וואָס האָט געצייכנט פאַר פרייד און שטאָלץ, האָט בריו דערקענט, אַז איך האָב געמאַכט אַן אַנטדעקונג. ער האָט זיך פאַרצייכנט דעם באַנד, וועלכן איך האָב געהאַלטן אין האַנט און דאָס אָרט, ווו איך האָב אים צוריקגעלייגט, פאַרלאָזנדיק מיין פּלאַץ; ער האָט שנעל איבערגעשריבן דעם אינהאַלט און אין איילעניש אים פאַרעפנטלעכט, כדי מיר אָפּצוטון אַ שפּיצל. אָבער מיינענדיק, אַז ער וועט מיר ברענגען שאָדן, האָט ער באמת זיך אַליין געמאַכט צו נאַר. זיין פאַרעפנטלעכטער כתב־יד איז פול מיט גרייזן און איך האָב געהאַט די הנאה צו פאַרריכטן דאָרט אַ גרויסע צאָל טעותים.

אומקערנדיק זיך צום פריערדיקן, האָב איך אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז מיין מוח באַהערשט אַ שלעפעריקייט. פאַר מיר איז געלעגן אַ דאָקומענט, וועלכן יעדער מענטש וועט מוזן אָנערקענען פאַר ווערטפול, אויב איך וועל צוגעבן, אַז אין אים ווערט דערציילט וועגן אַ פאַסטקע אויף קרוליקעס, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן דעם גלח יאָהאַן ד'עסטורוויל אין יאָר 1212. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער וויכטיקייט פון דאָזיקן דאָקומענט, האָב איך מיר נישט געגעבן די מינדעסטע טרחה צו ווידמען אים וועלכע עס איז אויפמערקזאַמקייט. מיינע אויגן האָבן קעגן מיין ווילן, זיך כסדר געווענדעט צו אַ ווינקל פון טיש, וואָס האָט פון שטאַנדפּונקט פון ערודיציע, נישט פאַרדינט די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט. אויף יענעם אָרט איז געלעגן אַ דיק דייטש בוך, איינגעבונדן אין חזיר־לעדער מיט אַ מעשענעם שלאָס. דאָס איז געווען אַ שיינער עקזעמפּלאַר פון אַ באַוווּסטער קאָמפּילאַציע, וואָס האָט אַ באַדייטנדן ווערט בלויז צוליב די האָלץ־גראַווירן, און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „נירנבערגער כראָניק.” דער באַנד, וואָס זיינע בלעטער זענען געווען לייכט צעעפנט, איז געלעגן מיטן רוקן אַרויף.

כ'וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, ווי לאַנג מיין בליק איז אָן שום סיבה געווען צוגעשמידט צום דאָזיקן אַלטן פאָליאַנט בעת

מיטאַמאָל האָט מײַן בליק צוגעצויגן אַזאַ מין אויסערגעוויינלע־
כער ספּעקטאַקל, דאָס אפילו אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס האָט
נישט קיין ברעקל פאַנטאַזיע, איז ממש געבליבן ווי עלעקטריזירט.
איך האָב פּלוצלינג דערזען, נישט באַמערקנדיק פריער איר
אָנקום, אַ קליינע פּעע, וואָס איז געזעסן אויפן רוקן פון בוך,
זײַן קני אײַנגעבויגן און איין פוס אַראָפּגעהאָנגען, מער ווייני־
קער אין דער זעלבער פּאָזיציע, וועלכע מיר זעען ביי די אַמאַ־
זאָנקעס פון הייד־פּאַרק אָדער פון בולאָנער וועלדל. זי איז גע־
ווען אַזוי קליין, אַז איר אַראָפּהענגענדיקער פוס האָט אפילו
נישט דערגרייכט ביז צום טיש, אויף וועלכן עס האָט זיך גע־
שלענגלט דער עק פון איר קלייד. אָבער איר פּנים און געשטאַלט
איז געווען פון אַ דערוואַקסענער פרוי. די פולקייט פון איר בו־
זים און די קײַלעכדיקייט פון איר טאַליע האָבן נישט איבער־
געלאָזט קיין שום ספק אפילו פאַר אַזאַ אַלטן געלערנטן, ווי איך.
כ׳וויל נאָך דרייסט צוגעבן, אַז זי איז געווען זייער שיין און
געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ שטאָלצער, וואָרים מײַנע איקאָנאָ־
גראַפישע שטודיען האָבן מיך שוין פון לאַנג אָן צוגעוווינט זיך
פונאַנדערצוקלײַבן אין דער ריינקייט פון טיפּ און כאַראַקטער
פון דער פיזיאָנאָמיע. פונם פּנימל פון דער דאַמע, וואָס האָט
זיך אַזוי אומגעריכט אַנידערגעזעצט אויף דעם רוקן פון דער
„נירנבערגער כראָניק“, האָט מען געקענט אַראָפּלייענען איידל־
געבוירנקייט געמישט מיט עקשנותדיקייט. זי האָט אויסגעזען,
ווי אַ קיניגין, אָבער ווי אַ קאַפּריזנע קיניגין. און איך האָב אינם
אויסדרוק פון אירע אויגן דערקענט, אַז זי מוז ערגעץ ווו האָבן
אַ געוואַלטיקע מאַכט, וועלכע זי איבט אויס מיט אַ סך פאַנטאַ־
זיע. איר מויל האָט געהאַט אַ שטאָלצן און איראָנישן אויסדרוק
און אירע בלויע אויגן האָבן אַפּערגעשמייכלט פון אונטער די
פײַנע בויגנאַרטיקע שוואַרצע ברעמען. כ׳האָב אַלעמאָל געהערט,
אַז שוואַרצע ברעמען פּאַסן זיך זייער גוט צו בלאָנדע פרויען,
און די דאַמע איז געווען אַ בלאָנדע. בכלל האָט זי געמאַכט
דעם אײַנדרוק פון אַ פרוי פון די העכערע קרייזן.
עס קומט אויס חידושלעך, וואָס א פּערזאָן, גרויס ווי אַ

פּלנשל, וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַהאַלטן אין דער קעשענע
פון מיין מאַרינאַרקע, אויב דאָס דאָזיקע וואָלט נישט געווען פאַר
איר אַ פּחיתת־הכבוד, האָט געוויס געשאַפן דעם באַגריף פון גרויס־
קייט. אין דער פיגור פון דער דאַמע, וואָס איז געזעסן אויף
דער „נירנבערגער כראָניק" איז געווען אַזוי פיל שפּילעוודיקע
חנעוודיקייט, אַזאַ מאַיעסטעטישע האַרמאָניע און איר פּאָזיציע
איז גלייכצייטיק געווען אַזאַ באַקוועמע און איידעלע, אַז זי איז
מיר פאָרגעקומען ווי אַ גרויסע. און הגם מיין טינטער, צו וועלכן
זי האָט זיך צוגעקוקט מיט אַ חוזק־שמייכעלע. ווי זי וואָלט פאָר־
אויס איבערגעלייענט אַלע ווערטער, וואָס האָבן געזאָלט אָנגעשריבן
ווערן דורך מיין פּעדער, האָט איר געקאָנט דינען ווי אַ באַסיין,
ווו זי וואָלט געקאָנט שווערן מאַכן ביז צו די בענדלעך אירע
ראָזע זיידענע זאָקן מיט גאָלדענע פּיילן — זאָג איך אייך פונדעסט־
וועגן, אַז זי איז געווען אַ גרויסע און האָט אימפּאָנירט מיט
איר פריילעכקייט.

איר קאָסטיום האָט פולשטענדיק האַרמאָניזירט מיט איר
פיזיאָנאָמיע און איז באמת געווען פּראַכטפול אויפגעבייט; ער
איז באַשטאַנען פון אַ קלייד פון זילבערנעם און גאָלדענעם בראָ־
קאַט און פון אַ פורפורנעם סאַמעטענעם מאַנטל, באַפּוצט מיט
מילכמויז־בוטער. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ מין אָריענטאַלי־
שע פּריזור פאַרענדיקט מיט צוויי הערנערלעך, וואָס האָט אינ־
גאַנצן געפונקלט פון די ווונדערבאַרע מזרח־פּערל, ווי די לבנה
אין סוף חודש. אין הענטל האָט זי געהאַלטן אַ שטעקעלע, וואָס
האָט צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט שוין בלויז צוליב דעם,
ווייל אַ דאַנק מיינע אַרכעאָלאָגישע שטודיען האָב איך מיך אויס־
בעלערנט צו דערקענען די אינסיגניעס, מיט וועלכע עס טיילן זיך
אויס די איידלגעבוירענע העלדן פון דער לעגענדע און געשיכטע,
די דאָזיקע קענטניש איז מיר איצט צונוץ געקומען. איך האָב
געוויס באַטראַכט דאָס שטעקעלע און כ'האָב פעסטגעשטעלט, אַז
ס'איז אויסגעשניטן פון אַ דין צווייגל פון אַ האָזל־ביימל. דאָס
איז, האָב איך מיך געטראַכט, דאָס שטעקעלע פון אַ פעע, און

מסתמא איז די דאַמע, וואָס האַלט דאָס שטעקעלע אין האַנט, נישט קיין אנדערע, ווי אַ פּעע.

גליקלעך, וואָס איך ווייס, ווער עס איז די פּערזאָן, מיט וועלכער איך האָב צו טון, האָב איך געפּרוווט צוזאַמענגענעמען מיינע געדאַנקען כדי צו מאַכן איר אַ פּאַסיקן קאָמפּלימענט. איך בין מודה, אַז איך וואָלט מיט דער גרעסטער הנאה איר דערציילט מיטן טאָן פון אַ געלערנטן וועגן דער ראָל פון די פּעען ביי די זאַקסישע און גערמאַנישע פעלקער, ווי אויך אויפן לאַטיינישן מערב. אַזאַ דיסערטאַציע וואָלט לויט מיין מיינונג געווען דער פּאַסיקסטער אופן פון דאַנקען דער דאַמע דערפאַר, וואָס זי האָט זיך באַוויזן צו אַן אלטן ביכער-ערודיט, בעת ביז איצט פלעגט זי זיך נאָר באַווייזן צו נאַיווע קינדער אָדער אומגעלומפּערטע ישובניקעס.

זייענדיק אַ פּעע, הערט זי אָבער גלייכצייטיק נישט אויף צו זיין אַ פרוי, און אויב מאַדאַם רעקאַמיע האָט זיך גערעכנט מיטן איינדרוק, וועלכן איר שיינקייט האָט געמאַכט אויף קליינע קוימענקערערס, וועט מסתמא די איבערנאַטירלעכע דאַמע, וואָס זיצט אויף דער „נירנבערגער כראָניק" בלי ספק זיך פילן געחנפט, ווען אַ געלערנטער וועט זי באַהאַנדלען ערנסט ווי אַ מעדאַל, אַ סטעמפּל, אַן אַגראַפּקע אָדער אַ זשעטאָן. די דאָזיקע אונטערנעמונג, וואָס כדי זי צו פאַרווירקלעכן האָב איך געמוזט גובר זיין מיין בושה-געפיל, איז באמת געווען נישט אויסצופירן, ווייל איך האָב באַמערקט, ווי די דאַמע פון דער כראָניק האָט אַרויסגענומען פון אַ בייטעלע, וואָס איז געהאָנגען אין אַ זייט, גאָר קליינטשיקע ניסלעך, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, צעקנאַקט די שאָל צווישן די ציין און זיי געוואָרפן מיר אין נאָז אַריין, קייענדיק דערביי די קערנדלעך מיט דער ערנסטקייט פון אַ זויגנדיק קינד.

לגבי אַזאַ סיטואַציע האָב איך געטון דאָס, וואָס ס'האָט געפאָדערט פון מיר די וויסנשאַפט און איך בין אנטשוויגן געוואָרן. אַזוי אָבער ווי די שאָלעכלעך האָבן מיך כסדר געקיצלט, האָב איך אויפגעהויבן די האַנט צו מיין נאָז און אַ פאַרחדוש-

טער פּיִנסטגעשטעלט, אַז די ברילן האָבן זיך מיר אַראָפּגערוקט אויפן סאַמע שפּיץ נאָז, און אַז כ׳האָב געזען די דאַמע נישט דורך די ברילן, נאָר איבער זיי. דאָס איז מיר פאַרגעקומען לחלוטין אומפאַרשטענדלעך, ווארים מיינע אויגן, וואָס זענען קאַליע געוואָרן פון לייענען אַלטע טעקסטן האָבן אָן די שפּאַקולן נישט געקענט אונטערשיידן אַ מיִלאָן פון אַ קאַראַפּקע, וואָס זענען ביידע געשטאַנען האַרט ביי מיין נאָז.

מיין נאָז, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן מיט איר גרויס, פאָרם און פאַרב האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פעע; זי האָט אַ כאַפּ געטון מיין געגזרנע פעדער, וואָס האָט געשטעקט אין טינטער און אָנגעהויבן געמיטלעך צו שפּאַצירן מיט איר איבער מיין נאָז. מיר איז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען אין דער געזעלשאַפט צו זיין אַן אָביעקט פון די אומשולדיקע שפּאַסן פון יונגע מיידלעך, וואָס האָבן מיר אונטערגעשטעלט אַ באַק צו קושן דורך דעם אָנלען פון אַ שטול אָדער געהייסן מיר אויסלעשן אַ ליכט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן ווייטער, ווי מיין אָטעם האָט דערגרייכט, אָבער ביז איצט האָט זיך מיר נאָך נישט געטראָפן, אַז אַ פרוי זאָל זיך דערלויבן מיט מיר אַזעלכע ווילדערישע שפּאַסן, ווי רייצן מיינע נאָזלעכער מיט מיין אייגענער פעדער. צו מיין גליק האָב איך מיר דערמאָנט די מאַקסימע פון מיין זיידן עליו השלום, וועלכער פלעגט זאָגן, אַז פרויען איז אַלץ דערלויבט, און אַלץ, וואָס זיי טוען איז שיין און פול מיט חן. איך האָב דעריבער אָנגענומען די ניס-שאָלן און דאָס קיצלען מיך איבער די נאָזלעכער, ווי אַ חסד און אַ טובה, און געפּרוּווט צו שמייכלען. נאָך מער, איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן:

— מאַדאַם, — האָב איך אָנגעהויבן העפלעך און מיט ווירדע, — מיט אייער וויזיט האָט איר באַערט נישט קיין יונגל און נישט קיין פויער, נאָר אַ ביבליאָטעקער, וואָס האָט דאָס גליק אייך צו קענען און וועלכער ווייס, אַז אַמאָל פאַרצייטנס האָט איר געפלעגט אַריינוואַרפן האָר אין שופלאָד פון דער שאַנק, אויסטרינקען די מילך פון קליינע קינדער, אַריינוואַרפן אַרבעס

יעך דעם זיידן הינטערן קאָלנער, אַנטון אָרנטלעכע מענטשן גע־ברענטע צרות און אַריינברענגען אַ סומאַטאָכע און פריילעכקייט אין די מענטשלעכע הייזער. דו קאָנסט זיך נאָך באַרימען דער־מיט, וואָס שפעט ביינאַכט האָסטו געפלעגט אָנוואַרפן אין וואַלד אַ מורא אויף איינזאַמע פאָרלעך. איך האָב אָבער געמיינט, אַז דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן מינדעסטנס זינט דרייהונדערט יאָר. צי איז דאָס מעגלעך, אַז דו זאָלסט זיך ווידער באַווייזן אין דער עפּאָכע פון אייזנבאַנען און טעלעגראַף? מיין דינערין, וועל־כע איז בשעתּה געווען אַן אַם, קאָן ניט דיין געשיכטע, און מיין קלייגער שכן, וואָס איז גרויס ווי אַ פליג, האַלט, אַז דו עקזיסטירסט בכלל נישט אינגאַנצן.

— און ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם? — האָט זי אויס־געגרופן מיט איר זילבערן קולכל. אָננעמענדיק זיך פאַר די זייטן ווי אַ קאַוואַלעריסטין און זיך געוויגט ווי אַ היפּאָגריף אויפן רוקן פון דער „בירנבערגער בראָניק".

— איך ווייס נישט, — האָב איך געענטפערט, זיך רייבנדיק די אויגן.

די דאָזיקע תשובה, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ טיפן וויסנשאַפטלעכן סקעפּטיציזם האָט געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף מיין פאַרטנערין.

— הער סילוועסטר באָנאַר, — האָט זי זיך אָנגערופן, — איר זענט אַ געמיינער פעדאַנט. איך האָב קיינמאָל וועגן דעם נישט געצווייפלט. דער קלענסטער ראָצער, וואָס וואַנדערט איבער דער וועלט מיט אַ צעריסן העמד און לעכערדיקע זוילן קאָן מיך פּי, בעסער, ווי אַלע געלערטע, באַוואָפנטע מיט שפּאַקולן, פון אייערע אינסטיטוטן און אקאַדעמיעס. וויסן איז גאָרנישט, די פאַנטאַזיע — דאָס איז אַלץ. נאָר דאָס, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר, האָט [illegible]ן עקזיסטענץ. איך אַליין בין אַ פּראָדוקט פון דער אימאַ־גינאַציע. איך גלויב, אַז דאָס איז די ריכטיקע עקזיסטענץ. די מענטשן חלומען וועגן מיר און איך באַווייז מיך פאַר זיי! אַלץ איז נישט מער, ווי אַ חלום, און קיינער חלומט נישט וועגן אייך, ה׳ סילוועסטר באָנאַר, אַ סימן, אַז איר עקזיסטירט נישט אינגאַנצן.

איך פאַרבישוף די וועלט; איך בין זומעטום, אינעם שטראַל פון דער לבנה, אינעם פאַרבאָרגענעם צאַפּלדיקן קוועלעכל, אין דער צעזונגענער בלעטער-כאַליאַסטרע, אין די הייסע נעפּלען, וואָס הויבן זיך אויף יעדן פרימאָרגן צום הימל פון די לאָנקעס און פּרעריעס, אומעטום!... אַלע זעען מיך און האָבן מיך ליב. מען הייבט אָן צו קרעכצן און צו צאַפּלען, בעת מען דערהערט דעם שאָרך פון מיינע לייכטע טריט, פון וואָס עס צעזינגען זיך די טויטע בלעטער. איך מאַך לאַכן קליינע קינדער, און כ'באַרייכער מיט פאַנטאַזיע די אומגעלומפּערטסטע אַמען. איבערגעבויגן איבער די וויגן, וויג איך, טרייסט און שלעף איין די קליינטשיקע, און איר צווייפלט נאָך אין מיין עקזיסטענץ! סילוועסטר באָנאַר, אייער וואַרעם וועסטל פאַרדעקט דעם קערפּער פון אַ אייזל".

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אירע דינע נאָזלעכער האָבן געציטערט פאַר אויפרעגונג, און בעת איך האָב נישט געקוקט אויף מיין קרעגקונג, באַוואונדערט דעם העראָישן צאָרן פון דער דאָזיקער קליינער פאַרשווינטע, האָט זי איינגעטונקען מיין פעדער אין טינט, ווי אַ רודער אין וואַסער, און אים אַ וואָרף געטון מיר גלייך אין דער נאָז אַריין, מיטן שפּיץ פאָרויס.

איך האָב מיר אָפּגעווישט דאָס פּנים, וואָס איז געווען אינגאַנצן באַשפּריצט מיט טינט. די פעע איז נעלם געוואָרן. די לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען: אַ שטראַל פון דער לבנה האָט זיך דורכגעגליטשט דורך דער שויב און באַלויכטן די „נירנבערגער כראָניק". אַ פריש ווינטל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן, כ'ווייס אַליין נישט ווען, האָט צעוואָרפן מיינע פעדערס, פּאַפּירן און אַנדערע שרייב-מכשירים. מיין טיש איז אינגאַנצן געווען פאַרפלעקט מיט טינט. איך האָב געלאָזט אָפן דאָס פענסטער בעתן שטורעם. וואָס פאַר אַ אומפאָרזיכטיקייט!

אין הסכם מיט מיין צוזאָג האָב איך געשריבן צו מיין
באַלעבאָסטע, אַז איך בין געזונט און גאַנץ. איך האָב מיך אָבער
נישט מודה געווען, אַז איך האָב מיך שטאַרק פאַרקילט, איינ-
שלאָפנדיק ביי נאַכט אין דער ביבליאָטעק ביי אַן אָפן פענסטער,
וואָרים די גוטמוטיקע פרוי וואָלט מיר נישט פאַרשפּאָרט קיין
פאָרווורפן און מוסר-רייד, ווי אַ פּאַרלאַמענט לגבי דעם קיניג
„אין אייערע יאָרן, — וואָלט זי געזאָגט, — נישט האָבן אויף אַזוי
ווייט קיין שכל!" זי איז אַזוי נאַיוו, גלויבנדיק, אַז דער שכל
קומט צו מיט די יאָרן. אין דער הינזיכט בין איך אין אירע
אויגן אַן אויסנאַם.

נישט האָבנדיק דעם מינדעסטן גרונט צו פאַרשווייגן מיין
אַוואַנטורע פאַר מאַדאַם דע גאַברי, האָב איך איר דערציילט
מיין גאַנצן חלום. איך האָב איר דערציילט, אַלץ וואָס כ'האָב באַ-
שריבן אין מיין טאָג-בוך, ווייל אַזוי האָט זיך מיר געחלומט.
איך קאָן נישט אויסטראַכטן קיין פיקציעס. עס קאָן מעגלעך זיין,
אַז דערציילנדיק אָדער שילדערנדיק דעם חלום, האָב איך אפשר
צוגעגעבן געוויסע פּרטים און ווערטער, וואָס זענען אויסשפּרינג-
לעך אין אים נישט געווען, איך האָב דאָס אָבער געטון נישט
כדי צו פעלשן דעם אמת, נאָר צוליב דעם אומבאַוווסטזיניקן
באַגער צו דערקלערן און פאַרענדיקן דאָס, וואָס איז געווען
אומקלאָר און נישט דערזאָגט, און אפשר אויך דערפאַר, וואָס

איך בין א באזונדערער ליבהאָבער פון דער אַלעגאָריע, וועלכע איך האָב זינט מיין קינדהייט, געירשנט פון די גריכן

מאַדאַם דע גאַברי האָט מיך אויסגעהערט אָן תרעומות.

— אייער חלום איז וווּנדערבאַר. — האָט זי געזאָגט, — מען דאַרף האָבן אַ סך פאַנטאַזיע, כדי צו האָבן אַזעלכע חלומות.

— הייסט עס, — האָב איך געענטפערט, — אַז איך האָב פאַנטאַזיע בעתן שלאָף.

— בעת איר טרוימט, — האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט, — און איר טרוימט שטענדיק!

איך בין זיכער, אַז מאַדאַם דע גאַבדי האָט מיט אירע רייד געוואָלט מיר פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן, און שוין בלויז צוליב צוליב דעם האָט זי פאַרדינט מיין פולשטענדיקע דאַנקבאַרקייט, און דערפאַר טאַקע פאַרשרייב איך דאָס לזכרון אין מיין העפט, וואָס כ׳וועל אַ סך מאָל איבערלייענען ביז מיין טויט און וואָס אחוץ מיר וועט אים שוין קיינער מער נישט לייענען.

אין משך פון די ווייטערע טעג האָב איך געאַרבעט איבערן פאַרענדיקן דעם אינווענטאַר פון די מאַנוסקריפּטן אין דער ביבליאָטעק פון ליזאַנס. אייניקע פאַרטרויליכע ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן דעם ה׳ פּאָל דע גאַברי, זענען פאַר מיר געווען אַ פאַרדריסלעכער סורפּריז און געצוווּנגען מיך צו געבן דער אַרבעט אַן אַנדער ריכטונג, ווי איך האָב פריער געמיינט. איך בין געוווּיר געוואָרן פון אים, אַז דאָס פאַרמעגן פון ה׳ אַנאַרע דע גאַברי, וואָס האָט פון לאַנג זיך געפונען אין אַ שלעכטן צושטאַנד און איז רוינירט געוואָרן דורכן באַנקראָט פון אַ באַנקיר, וואָס זיין נאָמען האָט ער פאַרשוויגן, איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון די יורשים פון געוויזענעם פער פון פראַנקרייך נאָר אין דער פאָרם פון אומבאַוועגלעכע היפּאָטעקן און נישט געדעקטע פאַרפליכטונגען.

אין הסכם מיט אַנדערע יורשים האָט ה׳ פּאָל באַשלאָסן צו פאַרקויפן די ביבליאָטעק און איך האָב באַדאַרפט אויסצוגעפינען די מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרקויפן זי פאַרן בעסטן פּרייז. נישט האָבנדיק די מינדעסטע אַנונג אין ענינים פון האַנדל, האָב

איך באַשלאָסן זיך צו באַראַטן מיט איינעם פון מיינע פריינט, אַ בוכהענדלער. איך האָב אים געשריבן, ער זאָל מיך באַזוכן אין ליזאַנס, און וואַרטנדיק אויף זיין אָנקום, האָב איך גענומען מיין הוט און שטעקן און זיך אַוועקגעלאָזן אויף אַ באַזוך איבער די קירכעס פון דער דיעצעזיע, וווּ ס'האָבן זיך געפונען אייניקע קברות-שטיינער מיט נישט ריכטיק איבערגעגעבענע אויפשריפטן.

איך האָב פאַרלאָזן מיינע ווירטסלייט און זיך אַוועקגעלאָזן וואַנדערן. די טעג האָב איך פאַרבראַכט אין די קירכעס און אויף די בית-עלמינס, אָדער באַזוכט די גלחים און דאָרפישע נאָטאַרן. כ'פלעג עסן אָוונטברויט אין די קרעטשמעס צוזאַמען מיט אָקסן-הענדלער און שלאָפן אויף אַ בעטגעוואַנט, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש היי. אויף אַזאַ אופן האָב איך אַ צופרידענער פאַרבראַכט אַ גאַנצע וואָך, טראַכטנדיק אַ סך וועגן די טויטע און צוקוקנדיק זיך צום שטייגער לעבן פון די לעבעדיקע. וואָס שייך מיינע פאָרשונגען, האָב איך געמאַכט נישט איבעריק וויכטיקע אַנטדעקונגען, וועלכע האָבן מיר פאַרשאַפט אַ מעסיקע פרייד. איך האָב געפונען עטלעכע אינטערעסאַנטע עפיטאַפיומס און באַרייכערט מיינע ידיעות מיט אייניקע פאַרשריפטן פון דער דאָרפישער קירך, וועלכע אַ העפלעכער גלח האָט מיר איבערגעגעבן.

באַרייכערט מיטן דאָזיקן באַגאַזש, האָב איך מיך צוריקגעקערט קיין ליזאַנס און בין אַריין דורך דעם פּאַראַדנעם איינגאַנג מיט דער אויפריכטיקער הנאה, וואָס עס האָט אַ מענטש, בעת ער קערט זיך אום צו זיך אַ היים. דאָס דאָזיקע געפיל איז אַ גענוגנדער באַווייז פון דער גאַסטפריינטלעכקייט פון מיינע ווירטסלייט.

כ'בין צוגעקומען ביז צום גרויסן זאַל, נישט טרעפנדיק קיינעם, און דער יונגער קאַשטאַן-בוים, וואָס האָט אויסגעשפרייט זיינע צווייגן צום סופיט, איז מיר פאָרגעקומען ווי אַן אַלטער גוטער פריינט. אָבער דאָס, וואָס איך האָב אין אַ רגע שפעטער דערזען אויפן וואַנטגעשטעל, האָט מיך אַזוי שטאַרק איבעראַשט, אַז איך האָב מיטביידע הענט צורעכט געמאַכט מיינע בינאָקלען אויף דער נאָז און זיך אָנגעהויבן אַרומצוטאַפן, כדי כאָטש

אויף אזא קינסטלעכן אויפן צו קאָנטראָלירן די וואַרשיינלעכקייט פון מיין עקזיסטענץ. אין איין רגע זענען מיר געקומען אין קאָפּ אריין די משונהדיקסטע געדאַנקען, פון וועלכע דער וואַרשיינלעכסטער איז געווען, אז איך בין אראָפּ פון זינען. עס איז מיר פאָרגעקומען אומגלייבלעך, אז דאס וואס איך האב געזען, זאָל עקזיסטירן, און גלייכצייטיק בין איך נישט אימשטאַנד געווען נישט צו קוקן דערויף, ווי אויף אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט. דאס, וואס האט מיך אזוי שטארק איבערראַשט, איז געשטאַנען, ווי כ'האב שוין פריער געזאָגט, אויפן וואנט-געשטעל ביים שפּיגל.

איך האב זיך אליין דערזען אינם שפּיגל און איך קאָן זאָגן, אז לכל הפּחות איינמאָל אין לעבן האָב איך געזען אַ ווירקלעך בילד פון צעטומלטקייט. און אין דער אמתן האט מיך אָבער פולשטענדיק איבערראַשט אַ זאַך, וואָס קאָן טאַקע ארויסברענגען פון גלייכגעוויכט.

דער אָביעקט, וועלכן איך האָב באטראכט מיט אזא אומגעווינלעכער פארחדושטקייט, האט זיך פארגעשטעלט פאר מיינע אויגען אין פולשטענדיקער אומבאוועגלעכקייט. די אומבאַוועגלעכקייט און נישט פארענדערלעכקייט פונם פענאָמען האָט אויסגעשלאָסן יעטווערן געדאַנק וועגן האַלוצינאַציע. איך בין פולשטענדיק פריי פון וועלכע עס איז נערוון-קאָמפּליקאַציעס, וואָס זענען גורם האַלוצינאַציעס פון דער ראיה. מערסטנטייל נעמען זיך אַזעלכע פּערטיבאַציעס פון מאָגן און, גאָט צו דאַנק, איך האָב א געזונטן מאָגן. איבעריקנס, די אילוזיעס פון דער ראיה ווערן אלעמאָל באַגלייט פון באזונדערע אַנאָרמאַלע אומשטענדן, וואס באַפאַלן אומגעריכט די פּערזאָנען, וועלכע ליידן פון האַלוצינאַציעס; זיי וועקן אין זיי אַ געוויסע שרעק און אומרו. איך אָבער האָב נישט געהאַט אזא געפיל און דער אָביעקט, וועלכן איך האָב געזען, ווי אומוואַרשיינלעך עס זאָל נישט פאָרקומען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אין אַלע הינזיכטן אינגאַנצן רעאַל. איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט דריי דימענסיעס, קאָלירן און אַז ער וואַרפט אַ שאָטן. אָ! ווי לאַנג איך האָב מיך איינגעקוקט אין אים! טרערן האָבן אַזש אָנגעהויבן מיר צו רינען פון די

אויגן און איך בין געווען געצוווּנגען אָפּצווּישן די גלעזער פון מיינע בינאָקלען.

סוף כּל סוף האָב איך זיך באַהערשט און פעסטגעשטעלט, אַז פאַר מיר שטייט די פּעע, וואָס האָט זיך מיר אַנומלט געחלומט אין ביבליאָטעק. דאָס איז זי געווען, זי, איך פאַרזיכער אייך! זי האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם זעלבן אויסדרוק פון אַ קינדישער מלכּה, די זעלבע שטאָלצע און רייצנדע געשטאַלט; אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן איר כּשוף-שטעקעלע; אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ הויכע צווייעקיקע פריזור און די שלעפּ פון איר בראָקאַט-קלייד האָט זיך געשלענגלט צווישן אירע פיס. דאָס זעלבע פּנים, די זעלבע פיגור. דאָס איז זי, און כּדי איך זאָל נישט האָבן קיין שום ספקות, איז זי געזעסן אויפן רוקן פון אַן אַלטן דיקן כּפר, פולשטענדיק ענלעך צו דער „נירנבערגער כּראַביק". איר אומבאַוועגלעכקייט האָט מיך נאָר טיילווייז באַרויקט און אין דער אמתן האָב איך מורא געהאַט, אַז זי זאָל ווידער נישט אַרויסנעמען פון איר בייטעלע ניס-שאָלעכלעך און וואַרפן זיי מיר אין פּנים אַריין.

אַזוי בין איך געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און אַ צעעפנט מויל, בעת מיטאַמאָל האָט צו מיינע אויערן דערגרייכט די שטים פון מאַדאַם דע גאַברי.

— איר באַטראַכט אייער פּעע, הער באַנאַר, — האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיין ווירטין, — זייער גוט! צי געפינט איר אַ געוויסע ענלעכקייט?

דאָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן שנעל; אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך באַוויזן זיך צו אָריענטירן, אַז מיין פּעע איז געווען אַ סטאַטועטקע פון קאָלירט ליים, געמאַכט מיט זייער אַ סך געשמאַק און פאַרשטענדניש, הגם מ'האָט געקאָנט דערקענען, אַז זי איז מאָדעלירט געוואָרן דורך אַ ווייניק דערפאַרענער האַנט. מיין פענאָמען, וואָס האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַזעלכע נאַטירלעכע פאָרמען, האָט מיך אָבער אַלץ געחידושט. ווי אַזוי און מיט וועמענס הילף האָט די דאַמע פון דער כּראָניק אָנגענומען

אזעלכע מאַטעריעלע טאַרמען? דאָס האָב איך געוואָלט ווי צום שנעלסט־ געוויר ווערן!

ווידעררייענדיק זיך צו מאַדאַם דע גאַברי, האָב איך באַמערקט, אַז זי איז נישט איינע אַליין. נעבן איר איז געשטאַנען אַ יונג מיידל, געקליידעט אין שוואַרצן, אירע אויגן זענען געווען פון אַ גרויער קאָליר, ווי דער הימל אין איל־דע־פראַנס, און דער אויסדרוק זייערער איז גלייכצייטיק געווען אַ אינטעליגענטער און נאַיווער. אירע אָרעמס זענען געווען אַביסעל צו לאַנג, די הענט זענען געווען שמאָלע, אָבער רויטע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונג מיידל. אָנגעטון אין אַ וואָלן קליידל האָט זי אויסגעזעען, ווי אַ שלאַנקער, בליענדיקער בוים, און איר ברייט מויל האָט עדות געזאָגט וועגן פרישקייט. ס׳איז מיר שווער אויסצודריקן, ווי שטאַרק דאָס דאָזיקע מיידל איז מיר געפעלן געוואָרן. זי איז נישט געווען שיין, אָבער די דריי חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן און קינבאָרד האָבן פרייליך געשמייכלט, און איר גאַנצע געשטאַלט האָט נעאָטעמט מיט אומשולדיקייט און גוטסקייט.

מיינע בליקן האָבן זיך איבערגעטראָגן פון דער סטאַטועטקע אויף דעם מיידל, וואָס האָט זיך פאַרויטלט, אויפריכטיק און ברייט.

— נו, אַלזאָ, — האָט געפרעגט מיין ווירטין, וועלכע איז צוגעוווינט געווען צו מיין צעטראָגנקייט און דעריבער גערן איבערגעחזרט נאָכאַמאָל די זעלבע פראַגע, — צי איז דאָס אין דער אמתן די זעלבע דאַמע, וועלכע איז אַריין דורכן אָפענעם פענסטער, כדי זיך צו זען מיט אייך? זי האָט געהאַט צופיל הוצפה, איר אָבער זענט געווען זייער נישט פאָרזיכטיק. צי דערקענט איר זי?

— דאָס איז זי, — האָב איך געענטפערט, — איך זע זי אויף דעם וואַנטגעשטעל אין דער זעלבער פּאָזע, ווי כ׳האָב זי געזען אויפן טיש אין ביבליאָטעק.

— אויב דאָס איז אמת, — האָט געענטפערט פרוי דע גאַברי, — האָט איר די דאָזיקע ענלעכקייט קודם־כל, צו פאַרדאַנקען זיך אַליין, און הגם איר האַלט, אַז איר זענט אַ מענטש, וואָס האָט נישט

קיין פאַנטאַזיע, זענט איר פונדעסטוועגן אימשטאַנד געווען צו שילדערן אייערע חלומות אין אַזעלכע רייכע פאַרבן; זע נאָך מיר, וואָס כ׳האָב דאָס אַלץ גענוי געדענקט און ענדלעך, און אפשר צום מייסטן, דער פריילין יאָהאַננע, וועלכע האָט געמאַכט די דאָזיקע סטאַטועטקע לויט מיינע אָנווייזונגען.

ביי די רייד האָט מאַדאַם דע גאַברי אָנגענומען דאָס יונגע מיידל פאַר דער האַנט, זי אָבער האָט זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן אין פאַרק אַריין.

מאַדאַם דע גאַברי האָט זי צוריקגערופן:

— יאָהאַננע!... ווי קאָן מען עס זיין אַזוי ווילד! קום צוריק די ערשטע רגע!

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, און דאָס שרעקעוודיקע מיידל איז פאַרשוווּנדן צווישן די ביימער. מאַדאַם דע גאַברי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן איינציקן פאָטעל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין חרובן זאַל.

— עס וואָלט מיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען מיין מאַן וואָלט אייך נאָך גאָרנישט דערציילט וועגן יאָהאַננע. מיר האָבן זי שטאַרק ליב, דאָס איז זייער אַ ווויל קינד. זייט אייך מודה, ווי איז אייער מיינונג וועגן דער סטאַטועטקע?

איך האָב איר געענטפערט, אַז דאָס איז אַ ווערק מיט געשמאַק און טאַלענט, דעם מיידל פעלט נאָך אָבער טעכניק און דערפאַרונג, אַז נישט געקוקט דערויף בין איך פשוט פאַרחידושט, ווי אַזוי די דאָזיקע קליינע פינגער האָבן עס געקענט אויסקנעטן פון ליים אַזאַ פיגור און אויף אַזאַ גלענצנדן אופן רעאַליזירן די חלומות פון אַן אַלטן פלאַפלער.

— איך פרעג ביי אייך אַ מיינונג אויך דערפאַר, ווייל יאָהאַננע איז אַ יתומה — האָט געענטפערט מאַדאַם דע גאַברי. צי גלויבט איר, אַז זי וואָלט געקענט זיך מפרנס זיין פון מאַכן אַזעלכע סטאַטועטקעס?

— ניין! — האָב איך געענטפערט, — און מען דאַרף זיך נישט מצער זיין דעריבער. די דאָזיקע פריילין איז, ווי איר זאָגט, אַן עמפּפינדלעכע און סענטימענטאַלע; איך גלויב אייך און איך

זע דאָס אויך אינם אויסדרוק און איר געזיכט. דאָס לעבן פון קינסטלער איז פול מיט געשעענישן, וואָס פירן ארויס פון גלייכגעוויכט און מאַכן אומגליקלעך אַזעלכע צאַרטע נשמות, ווי זי. דאָס דאָזיקע יונגע מיידל איז געבוירן געוואָרן אויף ליב צו האָבן. מאַכט זי גלייכער חתונה.

— זי האָט אָבער נישט קיין געלט,—האָט טרויעריק געענטפערט מאַדאַם דע גאַברי.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן, רעדנדיק מיט אַ שטיל קול:

— אייך, ה' באָנאַר, קאָן איך אַלץ פאַרטרויען. דער פאָטער פון דעם מיידל איז אַמאָל געווען אַ גרויסער פינאַנסיסט. ער האָט געמאַכט ריזיקע געשעפטן, ער איז פון דער נאַטור געווען גענייגט צו שפעקולאַציעס און האָט שטאַרק אויסגענומען ביי מענטשן. ער איז לחלוטין נישט געווען קיין שווינדלער, און איידער ער האָט באַשווינדלט אַנדערע, האָט ער צוערשט זיך אַליין באַשווינדלט. מיר זענען געשטאַנען מיט אים אין שטענדיקע באַציונגען. ער האָט אונז צַלע פאַרצויבערט, מיין מאַן, מיין פעטער מיינע קוזינען. זיין מפלה איז געקומען אומגעריכט פאַר אַלע. גלייכצייטיק מיט זיין באַנקראָט איז רוינירט געוואָרן — פאַל האָט אייך מסתמא דערציילט — דריי פערטל פון מיין פעטערס פאַרמעגן. אונז האָט דאָס אומגליק אַזוי שטאַרק נישט געטראָפן, איבריקנז מיר האָבן נישט קיין קינדער!... ער איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט שפעטער נאָך דער קאַטאַסטראָפע, נישט איבערלאָזנדיק קיין איין פרוטה. — דאָס דערלויבט מיר צו באַהויפטן, אַז ער איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש. איר דאַרפט קענען זיין נאָמען, מ'האָט עס אָפטמאָל געזען אין די צייטונגען: נאָעל אַלעקסאַנדר. זיין פרוי איז געווען זייער א סימפּאַטישע; כ'גלויב, אַז אַמאָל איז זי געווען אַ שיינע. זי האָט ליב געהאַט אַ ביסל צו פיל צו באַווייזן זיך מיט איר עשירות. זי האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ סך קוראַזש און זעלבס-ווירדע בעת דער קאַטאַסטראָפע. זי איז געשטאָרבן אַ יאָר נאָך זיין טויט, איבערלאָזנדיק יאָהאַננען איינע אַליין אויף דער וועלט. זי האָט ליידער גאָרנישט געקענט אַרויסראַטעווען פון איר פערזענלעך פאַרמעגן, וואָס איז אויך געווען

נישט קליין. מאַדאַם נאָעל אַלעקסאַנדער האָט פון דער היים גע־הייסן אַליע, זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַכיליעס אַליע פון נעווער.

— די טאָכטער פון קלעמענטינע — האָב איך אויסגערופן. — קלעמענטינע איז טויט און איר טאָכטער לעבט אויך נישט! די מענטשהייט באַשטייט כמעט אינגאַנצן פון מתים, אַזוי ווייניק לע־בעדיקע איז פאַראַן אין פאַרגלייך מיט די, וואָס האָבן געלעבט. וואָס איז־זשע דאָס לעבן, וואָס איז אַ סך קורצער, ווי דער קור־צער מענטשלעכער זכרון?

און אין האַרצן האָב איך מתפּלל געווען:

— וואו דו זאָלסט איצטער נישט זיין, קלעמענטינע, קוק אַראָפּ אויף מיין האַרץ, וואָס, הגם עס איז מיט די יאָרן אָפּגע־קילט געוואָרן, האָט עס אָבער אַמאָל געקלאַפּט פאַר דיר, און זע, ווי עס איז גערירט געוואָרן ביים בלויזן געדאַנק, אַז ס׳קאָן ליב באַקומען דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן פון דיר אויף דער וועלט. אַלץ איז פאַרגעגאַנגען, אויב דו ביסט אַוועק און דיין טאָכטער איז אויך געשטאָרבן; דאָס לעבן אָבער איז אומשטערבלעך, און מען דאַרף עס ליב האָבן אין אַלע זיינע אייביק נייע געשטאַלטן.

איך בין מיט מיינע ביכער ענלעך געווען צו אַ קינד, וואָס שפּילט זיך מיטביינדלעך, ערשט איצט באַקומט מיין לעבן אַ זין, אַ אינטערעס און אינהאַלט. איך בין אַ זיידע. דאָס אייניקל פון קלעמענטינע איז אָרעם. איך וועל נישט דערלויבן, אַז אַחוץ מיר זאָל אַן אַנדערער ווערן איר אַפּוטרופּוס און געבן איר נדן.

זעענדיק, אַז איך וויין, האָט מאַדאַם דע גאַבריִ זיך פאַ־מעלעך דערהייטערט.

IV

די געשיכטע פון הייליקן דראָקטאָווע און פון די ערשטע הייליקע פּאָטערס פון מאָנאַסטיר סען-זשערמען-דע-פּרע אינטערעסירט מיך זינט פערציק יאָר, איך ווייס אָבער נישט, צי איך וועל באַווייזן אָנצושרייבן זייער געשיכטע נאָך איידער איך וועל מיך טרעפן מיט זיי אויף יענער וועלט. כ׳בין שוין אַ לאַנגע צייט אַן אַלטער מאַן. פאַראַיאָרן האָט מיינס אַ חבר פון אינסטיטוט באַגעגענדיק זיך מיט מיר אויף דער בריק פון דער קונסט, זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז ער הייבט זיך אָן צו עלטערן. „און פונדעסטוועגן, וואָלט אים סענט-בעוו דערויף געענטפערט, איז עס דאָס איינציקע מיטל, וואָס מ׳האָט אויסגעפונען, כדי צו לעבן לאַנג.“ איך האָב אויספּראָבירט דאָס דאָזיקע מיטל, און איך ווייס, וואָס עס איז ווערט. מיר באַדויערן נישט אַזוי פיל, וואָס מיר דויערן צו לאַנג, נאָר וואָס מיר מוזן זיך צוקוקן, ווי אַלץ גייט פאַרביי פאַר אונזערע אויגן און פאַרשווינדט. מוטער, פרוי, פריינט, קינדער, — די נאַטור שאַפט און פאַרניכטעט די דאָזיקע אייביקע אוצרות מיט אַ פינסטערער גלייכגילטיקייט און צום סוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז מיר האָבן געליבט און צוגעדריקט צום האַרצן נאָר שאָטנס. ווי טייער און זיס זענען אָבער פאַר אונז די דאָזיקע שאָטנס. אויב אַ מענטשן איז באַשערט, אַז איך זיין לעבן זאָל אַ לעבעדיק באַשעפעניש דורכשלייכן ווי אַ שאָטן, איז דאָס אין מיין לעבן געווען אַ יונג מיידל, וועלכעס איך האָב

געליבט בעת איך אַליין בין נאָך געווען יונג. און פונדעסטוועגן איז דער אָנדענק פון דאָזיקן שאָטן נאָך ביים היינטיקן טאָג דער ווערטפולסטער תּוך פון מיין לעבן

אויף איינעם פון די קריסטלעכע סאַרקאָפאַגן אין די קאַטאַקומבן פון רוים געפינט זיך אַן אויפשריפט, וואָס איר גרויזאַמען זין האָב איך ערשט מיט דער צייט ווירקלעך פאַרשטאַנען. עס שטייט דאָרט געשריבן:

„אויב אַן אומגלויביקער וועט מחלל זיין די הייליקייט פון דאָזיקן קבר, זאָל ער שטאַרבן דער לעצטער פון זיינע נאָענטע!״

אַלס אַרכעאָלאָג איז מיר אויסגעקומען צו עפענען אַלטע קברים, איבערשיטן אַש, כדי צונויפזאַמלען רעשטלעך פאַרשימלטע שטאָפן, מעטאַלענע באַצירונגען און שטיינער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין שטויב. איך האָב דאָס געטון מיט דער נייגעריקייט פון אַ תּלמיד-חכם, ווען עס זענען קיינמאָל נישט פרעמד געווען די געפילן פון יראת הכבוד און פּיעטעט. הלוואַי זאָל אויף מיין קאָפּ נישט פאַלן די קללה פון איינעם פון די ערשטע תּלמידים פון די אַפּאָסטאָלן, וואָס איז אויסגעקריצט אויפן קבר פון אַ מאַרטירער! ווי אַזוי אָבער וואָלט זי מיך געקאָנט דערגרייכן? איך דאַרף מיך נישט שרעקן, אַז איך וועל איבערלעבן די מייניקע, ווייל כּל זמן עס זענען פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, וועט זיך אַלעמאָל געפינען איינער, וועלכן איך וועל קענען ליב באַקומען

וואָס זאָל מען אָבער טון! די קראַפט פון דער ליבע ווערט אָפּגעשוואַכט און גייט לאיבוד מיט דער צייט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע כּוחות פון מענטש. כ׳האָב שוין געזען אַ סך ביישפּילן דערפון און דאָס טאַקע מאַכט מיך שטאַרק טרויעריק. פון וואַנען בין איך זיכער, אַז איך אַליין בין אין דער הינזיכט נישט באַזונדערס געוואָרן? און איך וואָלט עס בלי ספק אויך געפילט, ווען נישט די גליקלעכע באַגעגעניש, וואָס האָט מיך געמאַכט

יונגער. די דיכטער דערציילן וועגן קוואַל פֿון דער זשוואַנס*): דער דאָזיקער קוואַל עקזיסטירט אין דער אמתן, ער שלאָגט אַרויס פֿון אונטער דער ערד ביי יעדן אונזערן שריט. און מען גייט פֿאַרביי לעבן אים, און מען באַמערקט אים נישט!

פֿונם מאָמענט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון קלעמענטינעס אייניקל, האָט מיין לעבן, וואָס האָט ביז איצט קיינעם נישט געבראַכט קיין נוצן, באַקומען אַ זין, אַן עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג —

היינט וואָרעם איך מיך אויף דער זון, ווי מען דריקט זיך אויס אין פּראָוואַנס, אויף דער טעראַסע פֿון לוקסעמבורגער גאָרטן, צופֿוסנס פֿון דער סטאַטוע פֿון מאַרגעריט, דער קיניגין פֿון נאַוואַרע. דאָס איז אַן אמת פֿרילינגס-זון, וואָס באַרוישט מיינע חושים, ווי יונגער וויין. כ'זיץ און טראַכט. מיינע געדאַנקען זענען היימערע און לייכטע! ווי די שוים פֿון אַ פֿלאַש ביר. זיי פֿלאַטערן לייכט אין דער לופֿטן און אַמוזירן מיך. איך חלום; אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרפּענטלעכט דרייסיק בענדער אַלטע טעקסטן און מיטגעאַרבעט אין משך פֿון זעקס און צוואַנציק יאָר אין „זשורנאַל פֿון די געלערטע", מעג זיך אוודאי און אוודאי דערלויבן. איך האָב די סאַטיספֿאַקציע, אַז כ'האָב אויסגעפֿירט מיין אויפֿגאַבע ווי צום בעסטן, אויף וויפֿיל ס'איז מיר נאָר מעגלעך געווען און אַז כ'האָב פֿולשטענדיק אויסגענוצט די פֿעיקייטן, מיט וועלכע די נאַטור האָט מיך באַשאָנקען. מיינע באַמיִונגען זענען נישט געגאַנגען לאיבוד און אין אַ געוויסער מאָס איז אויך מיין חלק אויסגעפֿאַלן דער גורל גורם צו זיין צום רענעסאַנס פֿון די היסטאָרישע אַרבעטן, וואָס וועט זיין דער גרעסטער פֿאַרדינסט פֿון אונזער אומרואיקן יאָרהונדערט. מסתמא וועל איך פֿאַררעכנט ווערן צווישן די צען אָדער צוועלף ערודיטן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פֿאַר פֿראַנקרייך אירע ליטעראַרישע אַל-

*) זשוואַנס — אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע אַ נימפֿע, וואָס איז דורך יופּיטערן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל. ווער עס האָט זיך עב...ן אונטער קוואַל, דער איז פֿאַריונגערט געוואָרן (באַמ. פֿ. איבערזעצער)

טערטימלעכקייטן. מיין פובליקאַציע פון גאָטיע דע קוענסיס דיכ־טערישע ווערק האָט געגעבן דעם אָנהייב פון אַ נייעם מעטאָד אין די ליטעראַרישע אַרבעטן. ערשט ביים סוף פון מיינע יאָרן, אין דער שטרענגער שטילקייט פון מיין זיקנה, אַנערקען איך פאַר מיר דעם דאָזיקן פאַרדינטן פריז, און גאָט, וואָס לייענט אין מיין האַרצן, ווייס, אַז סיי די גאווה און סיי די אייטלקייט האָבן נישט דעם מינדעסטן חלק אין מיין גערעכטן אורטייל.

איך בין אָבער מיד און אויסגעמאַטערט, אין די אויגן שווינדלט מיר, די האַנט ציטערט פון אַלטקייט און כ׳קום צו דער איבערצייגונג, אַז כ׳בין ענלעך צו יענע זקנים פון האָמער, וואָס זענען געווען געצוווּנגען אָפּצואָגן זיך פון אָנטיילנעמען אין דער שלאַכט און זיצנדיק אויף די מויערן, נאָר פון צייט צו צייט געגעבן צו וויסן וועגן זיך, ווי אַ גריל אין קאַמין.

בעת איך בין אַזוי פאַרטיפט געווען אין מיינע רעיונות, האָבן זיך לעבן מיר מיט אַמאָל אַוועקגעזעצט דריי יונגעלייט. כ׳ווייס נישט, אויב יעדער איינער פון זיי איז געקומען אויף דריי שיפן, ווי די מאַלפּע פון לאַפּאָנטענס מעשהלע, זיכער איז אָבער, אַז זיי האָבן זיך זאַלבעדריט פונאַנדערגעזעצט אויף צוועלף שטולן. ס׳האָט מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן זיי צו אָבסערווירן, נישט דערפאַר, ווייל זיי זאָלן זיך האָבן אויסגעצייכנט מיט עט־וואָס אויסערגעוויינלעכעס, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל ס׳האָט זיך געטראָגן פון זיי אַ הייטערקייט און שפרודלדיקע ענערגיע, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך ביי דער יוגנט. זיי זענען געווען סטודענטן. וועגן דעם האָבן עדות געזאָגט נישט נאָר די ביכער, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אין האַנט. נאָר אויך דער אויסדרוק פון זייער פיזיאָנאָמיע. וואָרים אַלע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט גייסטיקע אַרבעטן, דערקענען זיך באַלד פון ערשטן בליק אַ דאַנק עטוואָס, וואָס ס׳איז שווער אויסצודריקן, וואָס איז אָבער ביי זיי אַלע בנמצא. איך האָב שטאַרק ליב די יונגעלייט און אויך די יעניקע זענען מיר געפעלן געוואָרן, נישט געקוקט אויף זייער עטוואָס ווילדערישער און חוצפהדיקער האַלטונג, וועלכע האָט מיר איבעריקנס דערמאָנט מיינע אייגענע שול־יאָרן. זיי האָבן אָבער

נישט געטראָגן, ווי מיר אַמאָל, לאַנגע האָר און סאַמעטענע בלוזעס; זיי האָבן נישט אַרומגעשפּאַצירט, ווי מיר, מיט בלייכע, אויסגעצערטע פּנימער; זיי זענען געווען אָנגעטון גאַנץ קאָרעקט, און סיי זייער קאָסטיום, סיי זייער אויסשפּראַך, האָבן לחלוטין נישט דערמאָנט דעם מיטל-אַלטער. כ׳מוז נאָך צוגעבן, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט די שפּאַצירנדע פרויען און אַז אייניקע פון זיי האָבן זיי אָפּגעשאַצט אויף זייער אַן אויסדריקלעכן אופן. זייערע באַמערקונגען זענען נישט געווען אויף אַזוי ווייט נישט קאָרעקט, אַז זיי זאָלן מיך האָבן געצוווּנגען צו פאַרלאָזן מיין אָרט. איבעריקנס, אויב די יוגנט פאַרנעמט זיך מיט לימודים, קאָן זי זיך אויך דערלויבן אויף געוויסע שטיפעררייען.

איינער פון זיי האָט דערציילט עפּעס אַ פריילעכן שפּאַס.

— וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? — האָט אויסגערופן, מיט אַ לייכטן גאַסקאָנישן אַקצענט, דער קלענסטער פון זיי, אַ טונקעלער ברונעט, — נאָר מיר, פיזיאָלאָגן, מיר האָבן דאָס רעכט זיך צו באַשעפטיקן מיט דער לעבעדיקער מאַטעריע. וואָס איז אָבער שייך דיר, זשעלי, וואָס, ווי אַלע דיינע חברים, די אַרכיוויסטן, עקזיסטירסטו נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, דאַרפסטו זיך בעסער באַשעפטיקן מיט די פרויען פון דער שטיין-עפּאָכע, ווי מיט די היינטיקע פרויען.

און ער האָט אים מיטן פינגער געוויזן די פרויען-סטאַטוען פון אַנטיקן פראַנקרייך, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ האַלב-קרייז אונטערן שאָטן פון בוימער. פונם ווייטערדיקן געשפּרעך בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דער, וואָס האָט זיך גערופן זשעלי, איז געווען אַ שילער פון דער יורידישער אַקאַדעמיע. ווייטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז זיין קאַמעראַד, אַ ב׳אָנדער און אַ בלאַסער, אַ שווייגנדיקער און חוזק מאַכנדיקער, האָט געהייס בולמיע, און געלערנט צוזאַמען מיט אים אין דער זעלבער אַקאַדעמיע. זשעלי און דער צוקונפטיקער דאָקטאָר (איך גלויב, אַז ער וועט אויף זיכער דערגרייכן זיין ציל) האָבן דיסקוטירט מיט אַ סך פאַנטאַזיע און לעבהאַפטיקייט. זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין טיפע חקירות, זשאָנגלירט מיט זייערע רייד

און דערביי ארויסגעזאָגט אַ סך באַרישקייטן, וואָס זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר אינטעליגענטן. עס האָט אויך נישט זיין איבעריק צוצוגעבן, אַז זיי האָבן אַרויסגעזאָגט די אויסטערלישסטע פּאַראַדאָקסן. איבעריקנס, זאָל דאָס זיי ווויל באַקומען! איך האָב נישט ליב קיין יונגעלייט, וואָס וואַרפן זיך צופיל, איבער דער מאָס.

דער מעדיצינער, האָט באַמערקנדיק דאָס בוך, וואָס בולמיע האָט געהאַלטן אין [illegible], אויסגערופן:

— אזוי גאָר! דו לייענסט מישעלען, דו!

— יאָ, — האָט ערנסט געענטפערט בולמיע, איך האָב ליב צו לייענען ראָמאַנען.

זשעל, וועלכער האָט זיי ביידען איבערגעוואַקסן מיט זיין שייגעץ שלאַנקער פיגור, באַפעלערישן זשעסט און פיינעם חיתוך-הדיבור, האָט גענומען דאָס בוך, עס אויפגעמישט און געזאָגט:

— דאָס איז מישעלע אין זיין לעצטער און פאַרבעסערטער אויסגאַבע. דאָס בוך אַנטהאַלט זייער פיל דערציילערישן שטאָף! אין דעם בוך זענען פאַראַן גלענצנדע סצענעס, ווו עס ווערן געשילדערט אויסברוכן פון כעס, פון פאַלן אין חלשות, פון עפּילעפּסיע-אַנפאַלן, געשרייען פון אַ קליין קינד, די ווונטשן פון אַ דיקער פ־רי! קיין איין איבעריקע פראַזע! דאָס איז באַוווּנדערונגס-ווערט!

און ער האָט צוריקגעגעבן זיין חבר דאָס בוך.

די דאָזיקע משוגעת איז אַמוזאַנט, האָב איך מיר געטראַכט, און זי האָט אין דער אמתן אַ געוויסן זין.

דער פּראָווינציאַלישער סטודענט האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די געשיכטע איז פאַקטיש נאָר אַ רעטאָרישע איבונג, צו וועלכער מען דאַרף זיך באַציִען מיט פאַראַכטונג. לויט אים איז די איינציקע און אמתע היסטאָריע די נאַטירלעכע געשיכטע פון מענטש.

אַרויסזאָגנדיק דעם דאָזיקן שכלדיקן געדאַנק האָט דער יונגער פּסיכאָלאָג זיך פאַראייניקט מיט אַ גרופּע פריינט, וואָס זענען גראָד פאַרבייגעגאַנגען. ביידע אַרכיוויסטן זענען פאַרבליבן

אליין און אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן זייערע לימודים. זשעלי־וועלכער האָט געהאַלטן ביים ענדיקן דעם דריטן קורס פון די לימודים, האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם דערציילט וועגן דער דיפּלאָם־אַרבעט, וואָס ער גרייט איצט צו. און דעם אמת געזאָגט איז מיר די טעמע פון זיין אַרבעט שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך אַליין האָב זי אַמאָל געוואָלט באַאַרבעטן. דער יונגער ערודיט האָט בדעה געהאַט צו שרייבן אַ קאָמענטאַר צו אַלע גראַווירטע בילדער אינם ווערק „Monasticon Gallicanum" פון דאָן זשער־מען, פאַרפאַסט אין יאָר 1690. שטאַרבנדיק האָט דאָן זשערמען איבערגעלאָזט דעם מאַנוסקריפּט אין דער בעסטער אָרדנונג. ה' זשעלי, אויף וויפיל איך האָב אים געקענט פאַרשטיין, האָט באַשלאָסן צו ווידמען אַ ספּעציעלע אַרכעאָלאָגישע נאָטיץ יעדן מאָנאַסטיר, וואָס איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף די באַשיידענע צייכנונגען פון דאָן זשערמען.

זיין פריינט האָט אים געפרעגט, צי איז זעגען באַקאַנט אַלע געדרוקטע דאָקומענטן און כתב־ידן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זיין אַרבעט. איך האָב אויפגעשטעלט די אויערן. לכתחילה האָבן זיי גערעדט וועגן די אָריגינעלע קוועלן. און איך מוז מודה זיין, אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן מיט אַ שטרענגן מעטאָד. דערנאָך זענען זיי איבערגעגאַנגען צו די אַרבעטן אויפן געביט פון דער קעגנוואַרטיקער קריטיק.

— האָסטו געלייענט, — האָט זיך בולמיע אָנגערופן, — די נאָטיץ פון קוראַזשאָ?

— גרויסאַרטיק! — האָב איך געטראַכט.

— יאָ, — האָט זשעלי געענטפערט; — דאָס איז זייער אַ געוויסנהאַפטע אַרבעט.

— צי האָסטו געלייענט, — האָט בולמיע ווייטער געפרעגט, — דעם אַרטיקל פון טאַמיזיי דע לאַראַק אין דער „רעווי פון די היסטאָרישע פראַגן"?

— גרויסאַרטיק! — האָב איך געזאָגט צו מיר צום צווייטן מאָל.

— יאָ, — האָט זשעלי געענטפערט, — איך האָב דאָרט געפּויגען אַ רייע נוצלעכע אָנווייזונגען.

— און צי האָסטו געלייענט „די רשימה פון די בענעדיקטינישע מאָנאַסטירן אין יאָר 1600" פון סילוועסטר באָנאַר?

— אָהאָ! — האָב איך געזאָגט צו מיר צום דריטן מאָל.

— מיין גאָט! — ניין, — האָט זשעלי געענטפערט, — און איך ווייס נישט, אויב איך וועל לייענען דאָס דאָזיקע בוך. סילוועסטר באָנאַר איז אַ שוטה.

אָוועקדרייענדיק מיין קאָפּ, האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז איך זיץ אין שאָטן. ס'איז געוואָרן קיל און איך האָב געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען נישט איבריק קלוג פון מיין זייט צו בלייבן דאָ ווייטער זיצן און באַקומען רעאומאַטיזם בלויז כדי אויסצוהערן די אימפּערטינענצן פון צוויי יונגע שנעקעס.

— אָ! אָ! — האָב איך מיר געטראַכט, אויפהייבנדיק זיך פון מיין אָרט. — אַזוי יונג, און האָבן די העזה אויסצודריקן זיך אויף אַזאַ אופן וועגן באַרימטע פּערזענלעכקייטן. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מישעלען טאָר בשום אופן נישט ווערן טאָלערירט און עס איז שוין איבער דער מאָס. אויסצודריקן זיך אויף אַזאַ אויפן וועגן אַן אַלטן מייסטער, און דערצו אַ גאון! דאָס איז פשוט עקלהאַפט!

17-טער אַפּריל

— טערעסע, גיב מיר מיין נייעם הוט, מיין שענסטן ראָק און מיין שטעקן מיטן זילבערנעם קעפּל.

טערעסע איז אָבער טויב, ווי אַ קוילן-זאַק, און קריכעדיק, ווי די גערעכטיקייט אַליין. שולדיק דערין זענען אירע יאָרן. דאָס ער.סטע איז אָבער, וואָס זי איז איבערצייגט, אַז זי האָט אַ גלענצנדן געהער און איז אַ רירעוודיקע, און זייענדיק שטאָלץ איבער איר זעכציקיעריקער טרייער דינסט, ווענדט זי אָן לגבי איר אַלטן באַלעבאָס דעם שרעקלעכסטן דעספּאָטיזם.

וואָס זאָגט איר דערצו? זי וויל מיר נישט געבן דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קעפּל, ווייל זי האָט מורא, אַז כ׳זאָל אים נישט פאַרלירן. אמת איז, אַז כ׳פאַרגעס גאַנץ אָפט מיין פּאַראַסאָל אָדער שטעקן אין די אָמניבוסן אָדער בוכהאַנדלונגען. היינט אָבער האָב איך דאָס פולשטענדיקע רעכט מיטצונעמען מיט מיר מיין אַלטן שטעקן, וואָס זיין אויסגעשניצט זילבערן קעפּל שטעלט מיט זיך פאָר דאָן קישאָטן, ווי ער גאַלאָפּירט מיט אַן אויסגעשטרעקטער לאַנצע קעגן די ווינטמילן, און סאַנטשאָ פּאַנטשאָ בעת ער באַשווערט אים אָן דערפאָלג, מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל, אַז ער זאָל זיך צופּשטעלן. דער דאָזיקער שטעקן איז דער איינציקער אָנדענק, וואָס איז מיר פאַרבליבן צו ירושה נאָך מיין פעטער, דעם קאַפּיטאַן וויקטאָר, וועלכער איז

ביים לעבן מער ענלעך געווען צו דאָן קישאָטן, ווי צו סאַנטשאָ פאַנטשאַן.

אין משך פון דרייסיק יאָר נעם איך מיט מיט זיך דעם שטעקן, אַל מאָל, בעת איך גיי ערגעץ אַוועק אויף אַ פייערלעכ־קייט, און דיביידע פּ גורן פון האר און זיין דינער דינען מיר מיט עצות און אָנווייזונגען. איך הער, ווי זיי רעדן צו מיר. דאָן קישאָט זאָגט:

„טראַכט שטענדיק וועגן גראַנדיעזע אונטערנעמונגען, און וויסן זיי, אַז דער געדאַנק איז די איינציקע רעאַליטעט אויף דער וועלט. מעסט דיינע כוחות לויט דיינע אויפגאַבן, און דער וועלטאַל זאָל זיין פאַר דיר נאָר דער אָפּשיין פון דיין העכ־ראָישער נשמה. קעמף פאַר דער ערע; נאָר זי באַקליידט דעם מענטש מיט ווירדע, און אויב ס'וועט דיר אויסקומען פאַרוווּנ־דעט צו ווערן אין קאַמף, וויש אָפּ מיט אַ שמייכל דאָס פלי־סנדיקע בלוט".

און סאַנטשאָ פאַנטשאַ זאָגט צו מיר:

„פאַרבלייב אַזעלכער ווי דער הימל האָט דיך באַ־שאַפן. באַגנוגן דיך ליבער מיט אַ שטיקל דאַר ברויט, איידער מיט די טייבעלעך, וואָס בראָטן זיך אין דיין האַרס קיך. האָרך די באַפעלן פון דיין באַלעבאָס, אַלץ איינס צי ער איז ביים זי־נען אָדער חסר־דעה און פאַרדריי דיר נישט דעם קאָפּ מיט אומנוצלעכע זאַכן. מייד אויס געפערלעכע סיטואַציעס; דו ברענגסט גאָט צו אַ נסיון, בעת דו זוכסט אַ געפאַר".

דער אומפאַרגלייכלער ריטער און זיין דינער זענען נישט נאָר אויסגעקריצט אויף מיין שטעקן, זיי געפינען זיך באמת אין מיין נשמה. אין יעדן פון אונז איז פאַראַן אַ דאָן קישאָט און אַ סאַנטשאָ פאַנטשאַ, צו וועמענס רייד מיר הערן זיך צו, און אפילו דעמאָלט, ווען סאַנטשאָ פאַנטשאַן איז געלונגען אונז איבערצוצייגן, מוזן מיר דאָך באַווונדערן דאָן קישאָטן... גענוג היינט געפּלוידערט! מען דאַרף אַהינגיין צו מאַדאַם גאַברי, מיט וועלכער איך מוז איבעררעדן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין.

איך האָב געטראָפן מאַדאַם דע גאַברי געקליידט אין שוואַרצן, בעת זי האָט אָנגעטון די הענטשקעס:

— איך בין גרייט, — האָט זי געזאָגט צו מיר.

אַלעמאָל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט עמיצן צו טון אַ טובה, איז זי שטענדיק גרייט געווען דערצו.

מיר זענען אַראָפּ פון די טרעפּ און האָבן איינגעשטיגן אין אַ פיאַקר.

כ'ווייס נישט, וואָס פאַראַ געהיימנישפולע קראַפט עס האָט מיר נישט געלאָזט איבעררייסן די שטילשווייגעניש. אַ פאַקט איז אָבער, וואָס דעם גאַנצן וועג זענען מיר געפאָרן איבער די ברייטע בולוואַרן, נישט אויסרעדנדיק צו זיך קיין וואָרט און באַטראַכטנדיק די צלמים, מצבות און קראַנצן, וואָס האָבן געוואַרט אין די מאַגאַזינען אויף זייער טרויער-קליענטעלע.

דער פיאַקר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם לעצטן תחום פון דער וועלט פון די לעבעדיקע, פאַר אַ טויער, אויף וועלכן עס זענען אויסגעקריצט ווערטער פון האָפנונג.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס פון אַ קיפּאַריסן-אליי, דערנאָך האָבן מיר פאַרקירעוועט אין אַ שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צווישן די קבֿרים.

— דאָרט איז עס, — האָט זי געזאָגט.

אויפן פריז, וואס איז געווען באצירט מיט פאקעלן, איז געווען אויסגעקריצט פאלגענדע אויפשריפט:

דער פאמיליען-קבר פון אליע און אלעקסאנדר.

דער אריינגאנג אין קבר איז געווען אפגעשלאסן מיט א צוים. טיף אינעם קבר האט זיך געפונען אן אלטאר באדעקט מיט רויזן, און אויף א מערמלנער פליטע זענען געווען אויסגעקריצט אייניקע נעמען, צווישן וועלכע איך האב איבערגעלעזן די נעמען פון קלעמענטינע און איר טאכטער.

דאס, וואס איך האב געפילט אין יענער רגע, איז געווען אזוי טיף און נישט ממשותדיק, אז עס וואלט נאר געקאנט אויסגעדריקט ווערן דורך די קלאנגען פון שיינער מוזיק. אין מיין אלט הארץ האבן הימלישע אינסטרומענטן זיך צעזונגען אין וואונדערבאר-זיסע געזאנגען. די ערנסטע קלאנגען פון א טרויער-הימן האבן זיך אויסגעמישט מיט די צארטע טענער פון א ליבע-ליד, ווארים אין מיין הארצן האט די טרויעריקע ערנסטקייט פון דער קעגנווארט און דער צארטער צויבער פון דער פארגאנגענהייט זיך צוזאמענגעגאסן אין איין געפיל.

מיר האבן פארלאזט דעם קבר, וועלכן מאדאם דע גאברי האט פארשאטן מיט דופטיקע רויזן, און זענען שווייגנדיק דורכגעגאנגען דעם גאנצן בית-עלמין. בעת מיר האבן זיך ווידער געפונען צווישן די לעבעדיקע, האט זיך מיין צונג אויפגעבונדן און איך האב אנגעהויבן צו רעדן.

— בעת איך האב אייך באגלייט דורך די שווייגנדיקע און שטומע אלייען, — האב איך זיך אנגערופן צו מאדאם דע גאברי, — האב איך געטראכט וועגן יענע לעגענדארע מלאכים, וועלכע ביר באגעגענען אויפן געהיימנישפולן תחום צווישן לעבן און טויט. דער קבר, צו וועלכן איר האט מיך צוגעפירט, און וועלכן איך האב לגמרי נישט געקענט, ווי כמעט אלץ, וואס איז שייך דער, וועלכע ליגט דא באגראבן, האט אויפגעוועקט אין מיין

נשמה א זעלטן און אייגנארטיק געפיל, וואס כ'האב אמאל איבערגעלעבט, און וואס לייכט אָן אויפהער אויף מיין טונקעלן, אומעטיקן לעבנס-וועג. דאס ליכט דערווייטערט זיך, וואס מער דער וועג דויערט לענגער; איך בין שוין איצט כמעט ביים סוף וועג, און פונדעסטוועגן, ווען איך קוק מיך אום צוריק, זע איך עס, ווי עס לייכט מיט א העלן פלאם. אין מיין נשמה טויכן כסדר אויף זכרונות פון אמאליקע צייטן. איך בין געגליכן צו אן אלטן הונדערטיעריקן מיט מאָך באוואָקסענעם דעמב, וואס בעת ער שאָקלט מיט זיינע צווייגן, וועקט ער אויף די מחנות זינגענדיקע פייגל. צום אומגליק איז דער געזאַנג פון מיינע פייגל אזוי אלט ווי די וועלט און חוץ מיר וועט עס קיינעם נישט אמוזירן.

— דער דאָזיקער געזאַנג וועט מיך זיכער אנטציקן, — האט געענטפערט מאַדאַם דע גאַברי. — דערציילט מיר אייערע זכרונות און באטראכט מיך ווי אן אלטע פרוי. איך האב היינט אין דער פרי געפונען דריי גרויע האָר אין מיין קאָפּ.

— באגריסט זיי אָן צער, מאַדאַם, — האָב איך געענטפערט. — די צייט באהאנדלט מילד די יעניקע, וואס נעמען זי רויק אויף. און אין א סך יאָרן ארום, ווען אין אייערע שווארצע האָר וועלן זיך איינפלעכטן דינע ווייסע פעדעמלעך, וועט עס צוגעבען איער פנים א נייעם חן און שיינקייט, און אייער מאַן וועט פארערן אייערע גרויע האָר מיט דער זעלבער קראַפט ווי אמאָל דעם שווארצן קרויז, וואס איר האט אים געשאָנקען אין טאָג פון אייער חופה און וואס ער טראָגט נאָך ביים הייטיקן טאָג אין מעדאַליאָן, ווי א הייליקע רעליקוויע. די דאָזיקע בולווארן זענען ברייטע און ווערן ווייניק באזוכט פון מענטשן. מיר וועלן קענען שמועסן אָן שטערונג, שפאַצירנדיק אהין און צוריק. לכתחילה וועל איך אייך פארציילן, ביי וואָסערע אומשטענדן איך האב זיך באקאנט מיט דעם פאָטער פון קלעמענטינע. איר זאָלט זיך אבער נישט פאָרשטעלן, אז איך וועל אייך פארציילן אן אויסערגעוויינלעכע געשיכטע, ווייל איר וועט זיך שטארק אנטוישן.

„ה' דע לעסיי האט פארנומען דעם צווייטן שטאָק פון אן אלט הויז אין דער אבסערוואַטאָריום-אַליי. דער גיפסענער

פּאַסאַד פון הויז, וואס איז געווען באַצירט מיט אנטיקע ביוסטן און דער ווילדער פאַרלאָזטער גאָרטן, זענען געווען די ערשטע בילדער, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין יונגלערישן זכרון; און אז מיין לעצטע שעה וועט אויסשלאָגן וועלן זיי מסתמא די לעצטע פאַרווישט ווערן אונטער מיינע שווער אראָפּהענגענדיקע אויגן-לעפּלעך. וואָרים אין דאָזיקן הויז בין איך געקומען אויף דער וועלט, אין יענעם גאָרטן האָב איך שפּילנדיק זיך געלערנט צו פּילן און צו פאַרשטיין די אַלטע אַרומיקע וועלט. אָ, אַנטציקנדיקע שעהן, הייליקע שעהן, ווען אַ גאָר יונגיטשקע און פרישבאַטויטע נשמה אַנטדעקט מיטאַמאָל אַ נייע וועלט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר איר אַזאַ צערטלענדיק גוטע און געהיימנישפולע. באמת, מאַדאַם, די וועלט איז גישט מער, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אונזער נשמה.

מיין מוטער איז געווען זייער רייך באַגאַבט פון דער נאַטור. זי האָט געפלעגט אויפצושטיין ביים זונען-אויפגאַנג צוזאַמען מיט די פייגעלעך, צו וועלכע זי איז ענלעך געווען סיי מיט זייר ארבעט אַמקייט אין דער שטוב, סיי מיט איר מוטערלעכן אינסטינקט, סיי מיט איר אומאויפהערלעכער באַדערפניש צו זינגען, ווי אויך מיטן ווונדערבאַרן צויבער, וועלכן איך האָב שטאַרק געפילט, הגם איך בין נאָך געווען אַ קליין קינד. זי איז געווען דער גוטער גייסט פון אונזער הויז, וועלכעס זי האָט פול געמאַכט מיט אירע פריילעכע און זאָרגלאָזע געזאַנגען און געלעכטערס. מיין פאָטער איז געווען דער פולשטענדיקער קאָנטראַסט פון מיין מוטער: אַזוי ווי זי איז געווען אַ לעבעדיקע און אַ רירעוודיקע, אַזוי איז ער געווען אַ פלעגמאַטיקער און אַ רויקער אין זיין באַנעמונג. איך דערמאַן מיר זיין רויק מילד פנים, אויף וועלכן עס פלעגט זיך פון צייט צו צייט באַווייזן אַ איראָנישער שמייכל, ער איז געווען מיד און אויסגעמאַטערט, און ער האָט ליב געהאַט זיין מידקייט. זיצנדיק אין גרויסן פאָטערשטול ביים פענסטער, האָט ער געפלעגט צו לייענען פון דער פרי ביזן אָוונט — און אים טאַקע האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פאַרערונג און ליבע צו ביכער. איך פאַרמאָג אין מיין ביבליאָטעק

אַן עקזעמפּלאַר פון מאַבלי און ריינאַל, וואָס זייערע מאַרגינעסן זענען געווען אָנגעפּיקט מיט זיינע באַמערקונגען פון אָנהויב ביזן סוף בוך. ער פלעגט זיך נישט מישן אין קיין שום זאַך אין דער וועלט. און בעת מיין מאַמע האָט געפּרוווט מיט דער הילף פון פאַרשידענע גראַציעזע פאָרטלען אַרויסרייסן אים פון זיין אייביקער פאַרשטנרקייט, האָט ער בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויף זיין פּנים פלעגט זיך באַווייזן יענער אומבאַשרייבלעך זי-סער שמייכל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר שוואַכע כאַ-ראַקטערן. ער פלעגט אריינברענגען אין פאַרצווייפלונג זיין אָרעמע פרוי, וועלכע האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן איר מאַנס קאָנטעמפּלאַטיווע חכמה, בעת איר לעבן איז געווען אַן אומאויפהערלעכע קייט פון טאָגטעגלעכע דאגות און אויפמונטערנדיקער אַרבעט פון דער איצטיקער רגע. זי האָט אים באַטראַכט ווי אַ קראַנקן, און האָט מורא געהאַט, אַז זיין צושטאַנד זאָל זיך נישט פאַרערגערן. די סבה פון מיין פאָטערס אַפּאַטיע איז אָבער אין דער אמתן געווען אַ גאַנץ אַנדערע.

„מיין פאָטער, וועלכער איז אַריינגעטרעטן אין דער פלאָט-אַדמיניסטראַציע אין יאָר 1801, בעת דער רעגירונג פון ה׳ דע-קרע, האָט אַרויסגעוויזן גלענצענדע אַדמיניסטראַטיווע פעיקייטן. אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט איז ער אין יאָר 1805 באַמינירט געוואָרן אַלס שעף פון דער צווייטער אַדמיניסטראַטיווער דיוויזיע. אין דער זעלבער צייט האָט דער קייזער אַרויס-געפאָדערט פון אים אַ ראַפּאָרט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון ענגלישן פלאָט. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ טיפן פילאָזאָפישן פאַרנעם און ליבעראַלן גייסט, און איז פאַר-ענדיקט געוואָרן ערשט אין יאָר 1807, לערך אכצן חדשים נאָך דער מפּלה פון אַדמיראַל ווילנעוו ביי טראַפאַלגאַר.

נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט נאָך יענעם אומגליקלעכן טאָג נישט געוואָלט מער הערן פון שיפן, האָט דורכקוקנדיק דעם מע-מאָראַנדום זיך שטאַרק צעבייזערט און אַריינוואַרפנדיק אים אין אויוון אַריין, אויסגערופן: „פראַזן, פראַזן, פראַזן!" שפּעטער האָט מען מיין פאָטער איבערגעגעבן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַריינגעפאַלן

אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געטרעטן דעם מאַנוסקריפּט מיט די שטיוול און ערשט דערנאָך אים געהייסן אַריינוואַרפן אין פייער אַריין. דאָס איז איבעריקנס געווען זיין געוווינהייט, זייענדיק אויפגערעגט צו טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט.

די אומגינסטיקע מיינונג פון קייזער האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדן איינדרוק אויף מיין פאָטער, און משמעות אַז די אומנוצלעכקייט פון אַלע זיינע באַמיונגען איז געווען די סיבה פון דער אַפּאַטיע, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן אין די שפּעטערע יאָרן. פונדעסטוועגן, בעת נאַפּאָלעאָן האָט זיך צוריקגעקערט פון אינזל עלבע, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך מיין פאָטער און אים איבערגעגעבן דעם אויפטראַג צו רעדאַגירן פאַרן פלאָט פּראָקלאַמאַציעס און ביולעטינען אין אַ פּאַטריאָטישן און ליבעראַלן גייסט.

נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן ביי וואַטערלאָאָ האָט מען מיין פאָטער געלאָזן צו רו. מען פלעגט בלויז באַהויפּטן, אַז ער איז אַ יאַקאָבינער, אַ בלוטזויגער, איינער פון די לייט, מיט וועלכע מען דאַרף נישט האָבן קיין שום מגע־ומשא. דער עלטסטער ברודער פון מיין מוטער, וויקטאָר מאַלדאַן, אינפאַנטעריע־קאַפּיטאַן אין רעזערוו, האָט מיט זיין אומגעלומפּערטער האַנדלונג נאָך פאַרמערט די שוועריקייטן, אויף וועלכע מיין פאָטער האָט אָנגעטראָפן נאָך דער ירידה פון דער אימפּעריע. דער קאַפּיטאַן וויקטאָר פלעגט שרייען אין אַלע קאַפעען און עפנטלעכע ערטער, אַז די בורבאָנען האָבן פאַרקויפט פראַנקרייך צו די קאָזאַקן. אומעטום, ווו ער פלעגט נאָר קומען, האָט ער געוויזן זיין דרייפאַרביקע קאָקאַרדע, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין הוט, אָדער ער פלעגט מיט זיך טראָגן ווילעריש אַ שטעקן, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט דער סילועט פון קייזער.

„מאַדאַם, אויב איר האָט קיינמאָל נישט געזען די ליטאָגראַפישע קאַרטן פון שאַרלע, וועט איר זיך נישט קענען פאָרשטעלן די פיזיאָנאָמיע פון מיין פעטער וויקטאָר, בעת ער האָט מיט הפקרדיקער עלעגאַנץ שפּאַצירט איבערן טיולערי־גאָרטן, אָני-

גצטון אין זיין מאַנטל אויפן בראַנדענבורגער פּאַסאָן, מיטן ערך־קרייץ אויף דער ברוסט און די פּיילעכלעך אין לאַץ.

ער פלעגט באַוואָרפן מיט זילזולים די מענטשן, וועלכע ער האָט געזען לייענען דעם „קאָטידיען״ *) אָדער דעם „דראַפּאַ בלאַן״ *) און אַרויסרופן זיי אויף דועלן. צו זיין אומגליק און אונזער אַלעמענס בושה האָט ער אַנומלט פאַרוואונדערט אין אַ דועל אַ זעכצניעריקן בחור. מיט איין וואָרט, מיין פעטער וויקטאָר איז געווען דער פולשטענדיקער קאָנטראַסט פון אַ קלוגן מענטש, און אַזוי ווי ער פלעגט ביי אונז יעדן טאָג פרישטיקן און עסן מיטאָג, האָט זיין שלעכטע רעפּוטאַציע אויך נישט אויסגעמיטן אונזער וווינונג.

דאָס, וואָס איך דערצייל אייך איצטער, מאַדאַם, האָב איך ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען. דעמאָלט אָבער, בעת איך בין נאָך געווען גאָר יונג, האָט מיין פעטער געוועקט אין מיר אַן אומגעוויינלעכן ענטוזיאַזם און מיין איינציקער ווונטש איז געווען מיט דער צייט ענלעך ווערן צו אים. מחמת דעם, וואָס איך האָב געוואָלט, אַז די ענלעכקייט זאָל וואָס שנעלער פאַרווירקלעכט ווערן, האָב איך אין אַ געוויסן פרימאָרגן אָנגעביילט מיינע פויסטן און אָנגעהויבן זיך צו זידלען ווי אַן אומגלויביקער. מיין טייערע מוטער האָט מיר אָבער דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אַזאַ לייכטע פעטשל, אַז איידער איך האָב באַוויזן אויסצוברעכן אין אַ געוויין, בין איך אויף אַ ווײַלע אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. איך זע נאָך איצטער פאַר מיינע אויגן דעם אַלטן סאַמעטענעם פאָטער־שטול, אויף וועלכן איך האָב דעמאָלט פאַרגאָסן אַ ים מיט טרערן.

איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ קליין יונגל. אַנומלט, אין אַ פרימאָרגן, האָט מיין פאָטער, ווי דאָס איז געווען זיין געוווינהייט, גענומען מיך אויף די קני, און שמייכלענדיק אַזוי צו מיר מיט זיין האַלב־שפּאָטישן שמייכל, מיר אָנגעהויבן צו

*) צוויי פראַנצויזישע טאָג־בלעטער אין דער רעסטאַוראַציע־עפּאָכע, וואָס האָבן באַקעמפט דעם עקס־קייזער, נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן. (באַמ. פ. איבערז.)

פֿאַרציילן פֿאַרשידענע געשיכטעס, פֿון וועלכע איך האָב קיין איין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען. זיי האָבן אָבער געוועקט מיין נייגירי-קייט טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי זענען געווען איינגעהילט אין עפּעס אַ געהיימנישפֿולן שלייער. בעת ער האָט דערציי׳ט, האָב איך מיך געשפּילט מיט זיינע לאַנגע גרויע האָר. יענעם פֿרימאָרגן האָט ער מיר דערציילט אַ קליין מעשהלע וועגן קיניג פֿון אי-וועטאַ. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט אַ שכאַרקן קנאַל, די שויבן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן. מיין פֿאָטער האָט מיך אַראָפּ-געלאָזט פֿון די קני אויף דר׳ערד, זיינע ציטערנדיקע אָרעמס האָבן הילפֿלאָז געפֿאָכעט אין דער לופֿטן; זיין פּנים איז גע-וואָרן פֿאַרשטאַרט און זייער בלאַס, די אויגן זענען אים אַרויסגע-קראָכן פֿון די לעכער. ער האָט געפּרוּווט עפּעס רעדן, די צונג איז אים אָבער צוגעטריקנט געוואָרן צום גומען. ענדלעך האָט ער זיך באַהערשט און שטיל אַרויסגעשעפּטשעט: „זיי האָבן אים דערשאָסן!״ איך האָב נישט געוווּסט, וואָס ער מיינט דער-מיט, און כ׳האָב אָנגעהויבן שטאָ־ק צו ציטע־רן פֿאַר שרעק. שפּעטער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז ער האָט גערעדט וועגן מאַרשאַל נעי, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דעם 7-טן דעצעמ-בער אונטער דער מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּריי-ען פּלאַץ אין דער שכנות מיט אונזער וווינונג.

אין דער זעלבער צייט פֿלעג איך אָפֿט באַגע-גענען אויף די טרעפּ אַן אַלטיטשקן (אפֿשר איז ער גאָרנישט געווען אַזוי אַלט), וועלכער האָט געהאַט אַן אָפּגעבּרענט פּנים און אַ פּאָר שוואַרצע פֿונקלענדיקע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געטליעט אַן אומהיימלעך פֿייערל. ער איז מיר עפּעס נישט פֿאַרגעקומען, ווי אַלע אַנדערע לעבעדיקע מענטשן, לכל־הפּחות איז ער מיר פֿאָרגעקומען ווי איינער, וואָס פֿירט אַן אַנדער שטיי ער ׳עבן, ווי די איבעריקע מענטשן. מיין פֿאָטער האָט מיך אַמאָל מיטגענומען צום ה׳ דענאָן, ביי וועמען איך האָב גע-זען אַן עגיפּטישע מומיע. איך האָב מיר דעריבער פֿאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מומיע, בעת זי איז געווען איינע אַליין, פֿלעגט זי זיך אויפֿהייבן פֿון איר גילדענעם געלעגער, אַרויפֿנעמען אויף

זיך אַ טונקעלן מאַנטל פון נוס־קאָליר, אָנטון אויפן קאָפּ אַ גע־פּודערטן פּערוק און זיך פּאַרוואַנדלען אין דער פּערזאָן פון ה׳ לעסיי. און אפילו היינט, טייערע פרוי, מוז איך מודה זיין, אז ה׳ לעסיי איז מער ענלעך געווען צו דער מומיע פון ה׳ דע־גאַן, ווי צו אַ מענטש. דאס איז דוכט זיך געגוג, כדי פאָרצו־שטעלן די דאזיקע פּערזענלעכקייט, וואס האט מיך אַמאָל געשראָקן מיט איר געהיימנישפולער פאַנטאַסטיק.

„אין דער אמתן איז ה׳ דע לעסיי געווען אַן איידלמאַן, און א גרויסער פילאָזאָף. זייענדיק אַ תלמיד פון מאַבלי און רוסאָן האט ער זיך איינגערעדט, אז ער איז פריי פון יעטוועדער אי־בערגלויבעניש, און די דאָזיקע איבערצייגונג איז שוין אליין גע־ווען איינע פון זיינע גרעסטע איבערגלויבענישן. איך דערצייל אייך, מאַדאַם, וועגן אַ מענטשן פון אַ פאַרשווונדענער עפּאָכע. איך האב מורא, אז איר וועט מיך נישט פאַרשטיין ווי געהעריק און אַז מיין געשיכטע הייבט אָן צו ווערן לאַנגווייליק. דאס האט פּאַסירט מיט אזא לאַנגער צייט צוריק! איך וועל דעריבער ווי ווייט מעגלעך קירצן מיין דערציילונג. איך האב אייך איבריקנס, נישט צוגעזאָגט צו זיין אינטערעסאַנט און איר דאַרפט זיך נישט פאָרשטעלן קיין אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען אינם לעבן פון סילוועסטר באָנאַר.

מאַדאַם דע גאַברי האט מיר צוגעגעבן קוראַזש און מיך געבעטן ווייטער צו קאָנטינוירן מיין דערציילונג.

„ה׳ דע לעסיי איז געווען אומהעפלעך לגבי די מענער, דערפאַר אבער איז זיין באַנעמונג לגבי די פרויען געווען זייער קורטואַז. ער פלעגט קושן מיין מוטער אין האנט — די מנהגים פון דער רעפּובליק און אימפעריע האָבן איר לחלוטין נישט צו־געוויינט דערצו. מיר איז ער פאַרגעקומען, ווי אַ לעבעדיקע ער־ינערונג פון דער עפּאָכע פון לואי דעם זעכצנטן. ה׳ דע לעסיי איז געווען אַ געאָגראַף, און דוכט זיך, אז קיין איינער איז דעריבער נישט געווען אַזוי שטאָלץ, ווי ער.

„בעתן אַלטן רעזשים האָט ער אָנגעווענדעט די פילאָזאָ־

פּיע אין דער אַגריקולטור און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אים גאָרנישט פֿאַרבליבן פֿון זיינע רייכע גיטער.

נישט פֿאַרמאָגנדיק ביי דער נשמה קיין ברעק, ערד, האָט ער אָקופּירט פֿאַר זיך די גאַנצע ערדקויל און פֿאַרפֿאַרטיקט אַן אומגעהייערע צאָל געאָגראַפֿישע קאַרטן, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף די באַאָבאַכטונגען פֿון די רייזנדער. באַקומענדיק זיין גאַנצע בילדונג פֿון דער פֿראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע האָט ער זיך נישט באַגרענעצט מיט דער קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די מענטשן, אָפּהענגיק דערפֿון אויף וואָס פֿאַראַ געאָגראַפֿישער ברייטקייט זיי לעבן. ער האָט זיך ליבער באַשעפֿטיקט מיט זייער גליק! מען דאַרף באַמערקן, מאַדאַם, אַז די מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט גליקלעך מאַכן די פֿעלקער, האָבן זיי אין גרעסטן טייל פֿאַלן אומגליקלעך געמאַכט. ה׳ דע לעסיי איז געווען אַ ראַיאַליסט פֿון וואָלטערס חדר, אַ טיפּ, וואָס איז אין יענע צייטן נישט געווען קיין זעלטנהייט. ער איז געווען מער געאָמעטער ווי ד׳אַלאַמבער, מער פֿילאָזאָף ווי זשאַן זשאַק רוסאָ און מער ראָיאַליסט ווי לואי דער אַכצנטער. זיין ליבע צום קיניג איז אָבער געווען גאָרנישט אין פֿאַרגלייך מיט זיין שנאה צום קייזער. ער האָט גענומען אָנטייל אין די פֿאַרשידענע פֿאַרשווערונגען פֿון דער ענגלישער רעגירונג קעגן דעם ערשטן קאָנסול. אַ דאַנק דעם, וואָס די געריכטס-אויספֿאָרשונג האָט אים נישט באַמערקט אָדער אפֿשר אים גרינגגעשעצט, איז ער נישט אַוועקגעטראָגן געוואָרן אויף דער פּראָסקריפּציאָנס-ליסטע פֿון די באַשולדיקטע. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין באָנאַפּאַרטען די דאָזיקע שרעקליכע באַליידיקונג; ער האָט אים גערופֿן: דער אוממענטש פֿון קאָרסיקע. ער האָט אויך נישט געהאַלטן פֿון זיינע מיליטערישע פֿעיקייטן און באַהויפּטעט, אַז ער וואָלט אים נישט אָנפֿאַרטרויט אפֿילו קיין איין רעגימענט.

אין יאָר 1813 האָט דע לעסיי, אַן אַלמן זינט לאַנגע יאָרן, חתונה געהאַט, אין עלטער פֿון לערך פֿינף און פֿופֿציק יאָר מיט זייער אַ יונגער פֿרוי, וועלכע ער פֿלעגט צווינגען צו צייכענען פֿאַר אים געאָגראַפֿישע קאַרטן. זי האָט אים געבוירן אַ מיידעלע און

איז געשטאָרבן אין קימפעט. מיין מוטער איז אַרומגעגאַנגען אַרום איר בעת איר קורצער קראַנקהייט און האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז דער קליינער זאָל גאָרנישט פעלן. די קליינע האָט געהייסן קלעמענטינע.

„פון דאָזיקן מאָמענט אָן הייבן זיך אָן די באַציונגען צווישן מיין פאַמיליע מיטן ה׳ דע לעסיי. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען זייער יונג און קליין, אַזוי אַז איך געדענק זייער ווייניק די ערשטע יאָרן פון קלעמענטינעס. לעבן כ׳געדענק נאָר, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מיך געטראָפן אַ גרויס אומגליק, וואָס דער בלויזער געדאַנק וועגן אים פאַרשאַפט מיר נאָך ביים היינטיקן טאָג פיל צער: כ׳האָב אָנגעווירן מיין מוטער. אַ טיפע שטילשווייגעניש, אַ שטאַרקע קעלט און אַ ריזיקער שאָטן האָבן זיך אומגעריכט צעשפּרייט איבער אונזער וווינונג.

„איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע. מיין פאָטער האָט מיך אָפּגעגעבן אין שולע און ערשט דאָרט איז מיר מיט גרויס מי געלונגען זיך אָפּצוטרייסלען פון מיין אַפּאַטישן צושטאַנד.

„איך בין נישט געווען קיין פולשטענדיקער אידיאָט און מיינע פּראָפעסאָרן האָבן מיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט, דאָס הייסט, אַ ביסל גריכיש און לאַטייניש. איך פלעג מיך נאָר אָפּגעבן מיט דער אַנטיקער ליטעראַטור. איך האָב מיך אויסגעלערנט צו רעספּעקטירן מילציאַדעסן און צו באַווונדערן טעמיסטאָקלעסן. קווינטוס פאַביוס איז געוואָרן מיט מיר גוטער ברודער, אויף אַזוי פיל לכל-הפחות, אויף וויפיל מען קאָן זיין היימיש מיט אַזאַ גרויסן קאָנסול. צוליב מיינע הויכע באַקאַנטשאַפטן, האָב איך זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף דער קליינער קלעמענטינע און איר אַלטן פאָטער. זיי זענען איבעריקנס אין איין שיינעם טאָג אָפּגעפאָרן קיין נאָרמאַנדיע און איך האָב מיך אַפילו דערמיט נישט איבערגענומען און נישט אינטערעסירט זיך, ווען זיי וועלן קומען צוריק.

„און פונדעסטוועגן זענען זיי צוריקגעקומען, מאַדאַם, זיי זענען געקומען צוריק!

„מיר זענען אריינגעקומען אין אונזער אומעטיק-טרויעריקער וווינונג. ה׳ דע לעסיי האט מער נישט געטראָגן קיין פערוק. א פליכעוואטער, מיט פעדימלעך-גרויע האָר אויף די רויטע שלייפן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון א קרעפטיקן אלטיטשקן. און יענע געטלעכע באשעפעניש ביי זיין זייט, וואס איר דערשיינען האט אנגעצונדן פיל ליכט אין אונזער אלטן, טונקעלן זאל, דאס איז נישט געווען קיין האלוצינאציע, דאס איז געווען קלעמענטינע אויף דער וואָר! און דעם אמת געזאָגט: אירע בלויע אויגן, די אויגן פון א נישט-פארגעס-מיך-בלימל זענען מיר פארגעקומען ווי עפעס אן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, און אפילו היינט איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלן, אז די לעבעדיקע וווּנדערבאַרע דימענטן — אויגן האָבן אזוי פיל געליטן אין לעבן און סוף כל סוף איינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן.

זי איז א ביסל צעמישט געוואָרן גריסנדיק זיך מיט מיין פאָטער, וועלכן זי האָט נישט געקענט. אירע באַקן זענען געווען לייכט פאַררויטלט, און די האַלב צעעפנטע ליפעלעך האָבן גע-שמייכלט מיט א שמייכל, וואָס האָט דערציילט וועגן אין-סוף, בלי ספק דערפאַר, וואָס ער האָט נישט פאַראַטן קיין איין באַ-שטימטן געדאַנק, און אויסגעדריקט בלויז די פרייד פון לעבן און דאָס גליקלעכע געפיל פון דער אייגענער שיינקייט. איר פנימל האָט אפּערגעקוקט פון אונטערן ראָזן קאַפּטורל, ווי א די-מענט, וואָס שיינט אַרויס פון אַן אָפן קעסטעלע; זי איז געווען אָנגעטון אין א ווייס קלייד פון מושלין, אַרומגענייט מיט א קאַש-מיר-שאַרפּע. פון אונטערן קליידל האָט מען אפּערגעזען דעם ברעג פון א גילדן שיכל... מאַכט נישט חוזק פון מיר, אזא איז געווען די דעמאָלסטיקע מאָדע, און כ׳בין שטאַרק מסופק, צי די היינטיקע מאָדע פאַרמאָגט אזוי פיל פשטות, פרישקייט און חן.

„ה׳ דע לעסיי האָט אונז דערקלערט, אַז ער איז צוריק-געקומען קיין פאַריז, מחמת דעם, וואָס ער האָט בדעה אַרויסצו-געבן א היסטאָרישן אַטלאַס. ער וואָלט זייער גערן זיך צוריק אַריינגעצויגן אין זיין אַלטע וווינונג, אויב זי וואָלט נאָך געווען פריי. מיין פאָטער האָט געפרעגט די פריילין דע לעסיי, צי זי

איז צופרידן פון איר צוריקקער קיין פּאַריז. זי איז געווען צופרידן, ווייל איר שמייכל האָט זיך ווונדערבאַר פינאַנדערגעבליט. זי האָט געשמייכלט צו די אָפענע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין; זי האָט געשמייכלט צום בראָנדזענעם מאַריוס, וואָס איז געזעסן צווישן די חורבות פון קאַרטאַגינע אויפן געשטעל פון זייגער; זי האָט געשמייכלט צו די אַלטע פאָטעלן, וואָס זענען געווען אויסגעבעט מיט געלן סאַמעט און צום אָרעמען סטודענט, וואָס האָט נישט געוואַגט אויפצוהייבן אויף איר די אויגן. פון יענעם טאָג אָן האָב איך מיך פאַרליבט אין איר ביז צו משוגעת!

„מיר געפינען זיך שוין אויף דער גאַס דע סעוור און אין אַ ווײלע אַרום וועלן מיר זיין לעבן אייערע פענסטער. איך בין אַ שלעכטער דערציילער, און אויב איך וואָלט מיך אַמאָל אונטערגענומען אָנצושרייבן אַ ראָמאַן, וואָלט איך אים מסתמא קיינמאָל נישט פאַרענדיקט. איך האָב געמאַכט אַ צו גרויסע הקדמה צו מיין געשיכטע, וועלכע כ'וויל אייך איבערגעבן בקיצור. וואָרים עס זענען אין איר פאַראַן געוויסע סובטילע און איידעלע מאָמענטן, וואָס דערלויבן נישט אפילו אַן אַלטיטשקן זיך צופיל צו צעשרייבן איבער דעם ריינסטן ליבע-געפיל. לאָמיר זיך נאָך איבערגיין אַ שטיקל וועג איבערן בולוואַר, און איידער מיר וועלן צוגיין ביז צום קלויסטער-גלאָק, וועט מיין געשיכטע שוין זיין געענדיקט.

„געוויסער ווערנדיק, אַז איך האָב געענדיקט די יורידישע אַקאַדעמיע, האָט ה' דע לעסיי גענומען מיך צו הילף ביים באַאַרבעטן זיין היסטאָרישן אַטלאַס. עס האָט זיך נעמלעך געהאַנדלט וועגן פאַרשטעלן אין אַ ריי קאַרטן דאָס, וואָס דער אַלטער פילאָזאָף האָט אָנגערופן: די פאַרענדערלעכע אַנטוויקלונג פון די אימפּעריעס פון נחס צייטן ביז צו דער מלוכה פון קאַרל דעם גרויסן. ה' דע לעסיי האָט געהאַט אָנגעזאַמלט ביי זיך אין קאָפּ אַלע טעותים פון אכצנטן יאָרהונדערט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון אַלטערטום. אין דער אַקאַדעמיע בין איך געווען

איינער פון די געציילטע סט דענטן, וואָס האָבן געזוכט נייע
וועגן אין דער געשיכטע. דער אופן, ווי אַזוי דער אַלטיטשקער
האָט פאַרשטאַנען, אָדער ריכטיקער, נישט פאַרשטאַנען די עפּאָ-
כע פון באַרבאַריזם, זיין עקשנותדיקייט, וואָס האָט אים געהייסן
זען אין דעם אַלטערטום בלויז אַמביציעזע פירשטן, צבועק׳שע
פריסטער, פרומע בירגער, דיכטער-פילאָזאָפן און נאָך אַזעלכע
ענלעכע פאַרשוינען, וואָס האָבן אפשר עקזיסטירט אין די ראָמאַ-
נען פון מאַרמאָנטעל, דאָס אַלץ האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ
פאַרצווייפלונג און מיך געצוווּנגען צו פאַרנעמען אַן אָפּאָזיציאָ-
נעלע שטעלונג, בלי ספק אַ גערעכטע אָבער אַ פולשטענדיק אומ-
זיסטע און אָפּטמאָל אויך אַ געפערלעכע. ה׳ דע לעסיי איז גע-
ווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך לייכט אויפגערעגט, און קלעמענ-
טינע איז געווען זייער שיין. אין איר און אין זיין געזעלשאַפט האָב
איך פאַרבראַכט שעהן פון שרעקלעכע יסורים און גלייכצייטיק
פון הימלישן גליק. איך האָב געליבט: איך בין געווען נידער-
טרעכטיק און כ׳האָב ביסלעכווייז מסכים געווען מיט זיינע מיי-
נונגען וועגן דער געשיכטע און פּאָליטיק.

„מיר האָבן געצייכנט אונזערע קאַרטן, און דערנאָך האָט
זיי פריילין קלעמענטינע געמאָלט מיט וואַסער-פאַרבן. איבערגע-
בויגן איבערן טיש, האָט זי געהאַלטן דעם פּינזל מיט צוויי פינ-
גער; פון אירע וויעס איז געפאַלן אַ שאָטן אויף די באַקן און
איינגעהילט אין אַ נעפּל אירע האַלב-פאַרשלאָסענע אויגן. פון
צייט צו צייט פלעגט זי אויפהייבן דעם קאָפּ און דעמאָלט האָב
איך געזען אירע האַלב-צעעפנטע ליפּן. אין איר שיינקייט איז גע-
ווען אַזוי פיל אויסדרוק און חן, אַז יעדער אָטעם אירער איז
מיר פאָרגעקומען ווי אַ זיפץ, און אירע פשוטסטע באַוועגונגען
האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין אַ צושטאַנד פון התפעלות. איינ-
קוקנדיק זיך אין איר פּנים, האָב איך מסכים געווען מיטן ה׳
דע לעסיי, אַז יופּיטער האָט דעספּאָטיש געהערשט איבער טע-
סאַליע, און אַז אָרפעאוס איז באַגאַנגען אַ פעלער איבערגעבנדיק
דעם לימוד פון פי׳אָזאָפיע אין די הענט פון די גלחים. ביזן
היינטיקן טאָג ווייס איך נאָך אַלץ נישט, צי נאָכגעבנדיק דעם

פּלטיטשקן, בין איך געווען אַ העלד, צי אַ נידערטרעכטיקער מענטש.

„איך מוז מיך מודה זיין, אַז פריילין דע לעסיי האָט מיר נישט געווידמעט די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע גלייכגילטיקייט איז מיר פאָרגעקומען אַזוי נאַטירלעך און ריכטיק, אַז ס'איז מיר צומאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען זיך צו באַקלאָגן אויף איר; איך האָב שטאַרק געליטן צוליב דעם, אָבער איינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק. כ'האָב געהאַט האָפנונג: מיר האָבן דאָך ערשט געהאַלטן ביי דער ערשטער אַסירישער אימפּעריע.

„ה' דע לעסיי פלעגט יעדן אָוונט קומען צו מיין פאָטער אויף אַ גלעזל קאַווע. כ'ווייס נישט, ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך באַפריינדן, וואָרים ס'איז זעלטן צו געפינען צוויי כאַראַקטערן, וואָס זאָלן זיך אַזוי שטאַרק סותר זיין. מיין פאָטער איז זעלטן נתפּעל געוואָרן פון עפּעס, און אַסך מוחל געווען די מענטשן, אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער פיינט באַקומען יעטווועדע גוזמא. זיינע מיינונגען זענען אַלעמאָל געווען געמאָסטענע, ראַפינירטע און סובטילע; ער פלעגט זיי אַלעמאָל אַרויסזאָגן מיט אַ סך באַוואָרענישן. די דאָזיקע מעסיקייט אין דענקען פלעגט אַרויסברענגען פון די כלים דעם אַלטן איידלמאַן. איך האָב געשפּירט אַ געפאַר. די דאָזיקע געפאַר איז געווען באַנאַפּאַרטע. מיין פאָטער האָט פאַר נאַפּאָלעאָנען נישט געהאַט קיין שום סענטימענטן. מחמת דעם אָבער, וואָס ער האָט אים אַ לאַנגע צייט געדינט, האָט ער שטאַרק נישט ליב געהאַט, ווען מען האָט אים באַוואָרפן מיט זילזולים און באַזונדערס, ווען מ'האָט אין זיין קעגנוואַרט געלויבט די בורבאָנען, וועלכע ער האָט פון גאַנצן האַרצן נישט געליטן. ה' דע לעסיי, וועלכער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ פאַרברענטער וואָלטעריאַנער און ראָיאַליסט, ווי דעמאָלט, האָט געהאַלטן באָנאַפּאַרטען פאַרן שולדיקן אין אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע צרות פון לאַנד. אָבער צום שטאַרקסטן האָט מיך, ביי אַזאַ לאַגע, באַאומרויקט מיין פעטער, דער קאַפּיטאַן וויקטאָר. זינט דעם טויט פון מיין מוטער וואָס פלעגט אין אַ געוויסער מאָס האָבן אויף אים

אַ השפּעה, האָט מיין שרעקלעכער פֿעטער פֿולשטענדיק איבערגעכאַפּט די מאָס. די מפּלה פֿון קאַרל דעם צענטן האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט די חוצפּה פֿון אַלטן באָנאַפּאַרטיסט, וואָס האָט זיך געלאָזט אויף די געפֿערלעכסטע אַוואַנטורעס. אונדזער וווינונג איז געווען צו ענג פֿאַר זיינע אַרויסטרעטונגען, און ער פֿלעגט אונדז דאָס אַמאָל זעלטענער באַזוכן. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער אָבער אַריינפֿאַלן צו אונדז אויף מיטאָג, פֿון קאָפּ ביז פֿיס באַדעקט מיט בלומען, ווי אַ מאַוזאָליי. ער פֿלעגט ווי געוויינלעך זיך זעצן צום טיש און זיך זידלען מיט די ערגסטע קללות. נאָכן מיטאָג פֿלעגט ער אויסטרינקען אַ האַלבע פֿלאַש בראָנפֿן און שנעל אונדז פֿאַרלאָזן, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן ביים בלויזן געדאַנק צו פֿאַרברענגען אָן אַ כּיסה די צייט מיט אַן אַלטן פֿילאָזאָף און יונגן געלערנטן. איך האָב זייער גוט געוווּסט, אַז טאָמער וועט ער זיך באַגעגענען מיט ה׳ דע לעסיי, וועט אַלץ גיין פֿאַרלוירן. און דער דאָזיקער טאָג איז געקומען!

„דאָס מאָל האָט זיך דער קאַפּיטאַן געבאָדן אין אַ ים פֿון בלומען, און האָט אין אַלע הינזיכטן דערמאָנט אַן אָנדענקונגס-מאָנומענט פֿון די צייטן פֿון דער אימפּעריע, אַז ס׳האָט גענומען אַ חשק אָנצוטון אים אויפֿן קאָפּ אַ קרוין פֿון אימאָרטעלן. ער איז געווען אין אַן אויסערגעוויינלעך גלענצנדן הומאָר, און די ערשטע פּערזאָן, וועמען ער האָט אַרויסגעוויזן זיין אומגעוויינלעכער פֿרייד, איז געווען די קעכין; ער האָט זי אַרומגענומען פֿאַר דער טאַליע אין דעם מאָמענט, בעת זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס געבראָטענע אויפֿן טיש.

„נאָכן מיטאָג האָט ער אַוועקגערוקט די קאַראַפֿקע בראָנפֿן, צוגעבנדיק, אַז ער וועט זי אויסטרינקען שפּעטער צוזאַמען מיט דער קאַווע. ציטערנדיק אויפֿן גאַנצן קערפּער, האָב איך אים געפֿרעגט, צי וויל ער נישט ליבער, אַז מען זאָל אים שוין איצט דערלאַנגען די קאַווע. ער איז גאָרנישט געווען קיין נאַר, מיין פֿעטער וויקטאָר, מיין איילקייט איז אים פֿאַרגעקומען פֿאַרדעכטיק, וואָרים ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און געזאָגט:

— געדולד! זון פֿון מיין שוועסטער, צום טייוול, עפּעס

איז היינט דעם הער מאַגיסטער שטאַרק געלעגען ווי אַמשנעלסטן פּטור צו ווערן פון מיר.

„ס'איז געווען קלאָר. דער קאַפּיטאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז איך וואָלט געוואָלט אים וואָס שנעלער משלח זיין. מחמת דעם, וואָס כ'האָב אים געקאָנט, בין איך געווען זיכער, אַז ער וועט דווקא פאַרבלייבן. די מינדעסטע פּרטים פון יענעם אוונט זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג איינגעקריצט אין מיין זכּרון. מיין פעטער איז כּסדר געווען אין אַ גוטער שטימונג. דער בּלויזער געדאַנק, אַז ער שטערט אונז, האט אים אריינגעבראַכט אין אַ גלענצנדן הומאָר. אין אַ גראָבן קאַזאַרמע-לשון האָט ער אונז דערציילט עפּעס אַ קאָמישע געשיכטע וועגן אַ מאָנאַכין און אַ טראָמפּייטער, מיט פינף פלעשער רויט-ווין. איך וואָלט מיך נישט אונטערגענומען צו פאַרציילן אייך די דאָזיקע געשיכטע, אפילו ווען איך וואָלט זי מיר דערמאָנט. ווען מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין זאַל, האָט ער אונז אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן שלעכטן צושטאַנד פון אינזערע קאַמינען און געעצהט זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ ספּעציעלן שטיין אויף צו פּוצן מעש. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט וועגן פּאָליטיק. מיטאַמאָל האָבן אַכט קלעפּ אויסגעשלאָגן צווישן די חורבות פון קאַרטאַגינע. דאָס איז געווען די שעה, ווען ה' דע לעסיי פלעגט קומען צו אונז. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אַריין אין זאַל צוזאַמען מיט זיין טאָכטער. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין געוויינלעכן סדר, קלעמענטינע האָט זיך גענומען העפטן, און דער אַבאַזשור פון לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ לייכטן שאָטן אויף איר חנוודיק קעפּל און שטאַרק באַלויכטן אירע צאַרטע פינגער. ה' דע לעסיי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ קאָמעט, וואָס איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די אַסטראָנאָמען און בײַ דער געלעגנהייט אַנטוויקלט אַ רײַ ריזיקאַלישע טעאָריעס, וואָס האָבן אָבער עדות געזאָגט וועגן אַ געוויסער אינטעלעקטועלער קולטור. מיין פאָטער, וועלכער האָט יאָ געהאַט אַ ידיעה אין אַסטראָנאָמיע, האָט אויך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט זיין אייביקן „וואָס ווייס איך דען?" איך

האָב איך פֿרייגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער. מיין פעטער וויקטאָר
האָט פֿאַרזיכערט, אַז די קאָמעטן האָבן אַ גרויסן איינפֿלוס אויפֿן
געשמאַק פֿון וויין און אַלס ביישפּיל דערציילט עפּעס אַ פריי-
לעכע קאַבאַרעט-געשיכטע. איך בין געווען אַזוי צופֿרידן פֿון
דעם געשפּרעך, אַז איך האָב מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט אים
וואָס לענגער אָנצוהאַלטן. צו הילף איז מיר געקומען מיין באַ-
לעזונקייט אויף דעם געביט און איך האָב געהאַלטן אַ לאַנגן פֿאָרטראָג
וועגן דער כעמישער קאָנסטרוקציע פֿון די הימלישע קערפּערס,
וואָס צעהאָנגענע איבערן אומענדלעכן רוים, באַאיינפֿלוסן זיי דעם
טעם און געשמאַק פֿון די וויינען. מיין פֿאָטער, וואָס איז אַביסל
איבערראַשט געוואָרן פֿון מיין עלאָקווענץ, האָט מיך באַטראַכט
מיט זיין גוטמוטיקן, איראָנישן שמייכל. מען קאָן דאָך אָבער
אייביק נישט פֿאַרבלייבן אין די הימלען; קוקנדיק אויף קלע-
מענטינען האָב איך פֿאַרציילט וועגן אַ דימענטענעם קאָמעט, וואָס
כ'האָב דעם פֿאָריקן טאָג באַוווּנדערט אין אַ יובילער-געשעפֿט.
איך האָב זיך בעסער שלעכט אָנגעהויבן.

— זון פֿון מיין שוועסטער, — האָט אויסגערופֿן דער קאַפּי-
טאַן וויקטאָר, — דיין קאָמעט איז מסתמא נישט געווען אַזוי שיין
ווי דער, וואָס האָט געפֿונקלט אין די האָר פֿון דער קייזערין
זשאָזעפֿינע, בעת זי איז געקומען קיין שטראַסבורג צו פֿאַרטיילן
ערן-קרייצן צווישן דער אַרמיי.

— די קליינע זשאָזעפֿינע האָט זייער ליב געהאַט צירונג, —
האָט געענטפֿערט ה' דע לעסיי צווישן איין שלוק קאַווע און דעם
צווייטן. — מיך ווונדערט דאָס גאָרנישט, זי האָט געשטאַמט פֿון
דער פֿאַמיליע טאַשער און חתונה האָבנדיק מיט באָנאַפּאַרטן, האָט
זי אים געטון אַ גרויסן כּבֿוד. טאַשער — דאָס זאָגט נישט אַ סך,
אָבער באָנאַפּאַרטע — דאָס זאָגט שוין גאָרנישט.

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן, הער מאַרקיז? — האָט
געפֿרעגט דער פֿעטער וויקטאָר.

— כ'בין נישט קיין מאַרקיז, — האָט רויִק געענטפֿערט ה'
דע לעסיי, און דערמיט וויל איך זאָגן, אַז באָנאַפּאַרטע וואָלט פֿיל
בעסער געטון, ווען ער וואָלט חתונה געהאַט מיט איינער פֿון

יענע ווילדע פּרויען, וועלכע קאַפּיטאַן קוק שילדערט אין זיינע רייזע-באַשרייבונגען: נאַקעטע, טאַטווירטע, מיט אַ דורכגעלעכערטער נאָז, דורך וועלכער זיי פּלעגן דורכציען אַ רינג, און וואָס פרעסן מיט גרויס הנאה מענטשלעך פלייש.

„איך האָב דאָס פאַרויסגעזען און אין מיין פאַרצווייפלונג (אָ, אָרעם מענטשלעך הארץ!) האָב איך קודם-כל קאָנסטאַטירט די ריכטיקייט פון מיינע פאָרויסזאָגונגען. איך מוז צוגעבן, אַז דעם קאַפּיטאַנס ענטפער איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ פּאַטעטישן טאָן. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די זייטן, אָפּגעמאָסטן דעם ה׳ דע לעסיי מיט אַ פאַראַכטנדן בליק און געזאָגט:

— נאַפּאָלעאָן האָט אַ חוק זשאָזעפינע און מאַריע אַנטואַנעט געהאַט אַן אַנדער ווייב. איר קענט נישט די דאָזיקע חברטע זיינע. דערפאַר האָב איך זי געזען פון דער נאָנט. זי טראָגט אויף זיך אַ בלויען מאַנטל באַזייט מיט שטערן, און אויפן קאָפּ האָט זי אַ לאָרבערקראַנץ. פון איר ברוסט פונקלט אַראָפּ אַן ערן-קרייץ און איר נאָמען איז רום.

„ה׳ דע לעסיי האָט אוועקגעשטעלט זיין גלאָז אויפן קאַמין און רויק געזאָגט:

— אייער באָנאַפּאַרטע איז געווען אַ שנעק.

מיין פאָטער האָט זיך נאָכלעסיק אויפגעהויבן פון אָרט, האָט לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט זיין אָרעם און מיט אַ מילדער שטים זיך געווענדעט צו הער דע לעסיי:

— ווער עס זאָל נישט האָבן געווען דער מענטש, וואָס איז געשטאָרבן אויפן סאַנקט-העלענע-אינזל, האָב איך פונדעסטוועגן צען יאָר געאַרבעט אין זיין רעגירונג און מיין שוואָגער איז דריי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן, קעמפנדיק פאַרן קייזער. איך בעט אייך, טייערער פריינד, נישט צו פאַרגעסן וועגן דעם אויף להבא.

וואס עס זענען נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצורופן די פּאַטעטישע הגם אַביסל אויסטערלישע זלזולים פון קאַפּיטאַן, האָט גורם געווען די העפלעכע אָנצוהערעניש פון מיין פאָטער. ה׳ דע לעסיי איז אַזש אויפגעשפרונגען פאַר גרויס אויפרעגונג.

— כ'האָב פאַרגעסן, — האָט ער אויסגערופן, בלאַס ווע־דיק, קלאַפּנדיק אַ צאָן אין אַ צאָן, מיט אַ שוים אויף די ליפּן, — כ'האָב ליידער פאַרגעסן! מיט וועמען דו האָרעוועסט זיך, אַזאַ פאַר־בלייבסטו, און אַז מ'איז געשטאַנען אין דינסט פון לומפּן...

„ביי די ווערטער האָט זיך דער קאַפּיטאַן אויף אים אַ וואָרף געטאָן און אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל. ער וואָלט אים אויף זי־כער דערשטיקט, ווען ניט קלעמענטינע און איך.

„מיין פאָטער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, עטוואָס בלאַסער, ווי אַלעמאָל און געקוקט אויף דער דאָזיקער סצענע מיט אַן אויסדרוק פון טיפער רחמנות. איבעריקנס, דאָס וואָס איז געשען שפּעטער, איז נאָך מער געווען צו באַדויערן. אָבער צו וואָס זיך קלאָגן איבער דער משוגעת פון צוויי זקנים? סוף כל סוף איז מיר געלונגען אָפּצורייסן איינעם פון אַנדערן. ה' דע לעסיי האָט געגעבן זיין טאָכטער אַ צייכן און איז אַרויס־געגאַנגען. איך בין אַרויסגעלאָפן נאָך זיי אויף די שטיגן.

— פריילין קלעמענטינע, — האָב איך אויסגערופן, אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער, אָנכאַפּנדיק זי פאַר דער האַנט, — איך האָב אייך ליב! איך ליב אייך פון גאַנצן האַרצן!

„אַ ווייל האָט זי געהאַלטן איר האַנט אין מיינער; אירע ליפּן האָבן זיך צעעפנט. וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן? מיטאַמאָל אָבער, אויפהויבנדיק די אויגן אויפן פאָטער, וואָס איז געשטאַ־נען איבער די טרעפּ, האָט זי אַרויסגעריסן די האַנט און גע־מאַכט צו מיר אַ געזעגנונגס־זשעסט.

„איך האָב זי מער ניט געזען. איר פאָטער האָט זיך אי־בערגעטראָגן אין אַ נייער דירה, ווו ער איז אין איניקע חדשים שפּעטער געשטאָרבן אויף אַ האַרץ־שלאַג. קלעמענטינע איז אַרויסגעפאָרן קיין נעווער צו איר מוטערס קרובים און דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיטן זון פון אַ רייכן דאָרפסמאַן. אַכילעס אַליע.

„וואָס שייך מיר, מאַדאַם, האָב איך געפירט אַ רויק און איינזאַם לעבן. מיין לעבן איז זיך געפלאָסן שטיל און באַשיידן,

אָבער אין משך פון לאַנגע יאָרן, בעת איך האָב אין אומעטיקע ווינטער-אָוונטן געזען דעם ליידיקן פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט מיר דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון ווייטאָק. קליי- מענטשינע איז שוין לאַנג טויט. איר טאָכטער האָט אויך נאָכגעטון איר ביישפּיל און זיך צעשיידט מיט דער וועלט. ביי אייך האָב איך געזען איר אייניקל. און איך וועל נישט זאָגן, ווי יענער זקן פון דער הייליקער שריפט: „הער מיינער, נעם ארויף צו זיך דיין דינער," אויב אזא מענטש ווי איך קאָן נאָך עמיצן צו-נוץ קומען, איז נאָר דער דאָזיקער יתומה, וואָס איך וויל איר מיט אייער הייך ווידמען מיינע לעצטע כחות."

די לעצטע ווערטער האָב איך ארויסגעזאָגט שוין אין קאָ-ידאָר פון מאַדאַם דע גאַבריס וווינונג, כ'האָב מיך געהאַלטן יים געזעגענען מיט איר, בעת זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— מיין טייערער, איך קאָן אייך ליידער נישט העלפן אין דער מאָס, ווי איך וואָלט עס געוואָלט. יאָהאַננע איז אַ יתומה און איז נאָך מינדעריעריק. איר קאָנט גאָרנישט טון פאַר איר אָן דער באַפולמעכטיקונג פון איר אַפּוטרופּוס.

— אַך! — האָב איך אויסגערופן, — ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז יאָהאַננע זאָל האָבן אַן אַפּוטרופּוס.

מאַדאַם דע גאַבריי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרחידושטן בליק. זי האָט זיך נישט געריכט, אַז אַן אַלטער מאַן זאָל זיין אַזאַ נאַיווער.

— דער אַפּוטרופּוס פון יאָהאַננע אַלעקסאַנדר, — האָט זי געזאָגט, איז ה' מוש, דער נאָטאַר אין לעוואַלואַ-פּערע. כ'האָב מורא, אַז איר וועט אַזוי שנעל נישט קומען צו אַ הסכם מיט אים, ווייל דאָס איז אַן ערנסטער מענטש.

— ביי גאָט! — האָב איך אויסגערופן, — ווער אַלזאָ זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מיינע עלטערע יאָרן, אויב נישט עלטערע מענטשן!

זי האָט שעלמיש געשמייכלט און מיר געענטפערט:

— די מענטשן, וואָס זענען ענלעך צו אייך. און הער מוש

איז ניכט פון די יעניקע. איך האב בכלל זייער ווייניק צוטרוי צו אים. איך מוזט ביי אים בעטן א דערלויבניש אויף צו זען זיך מיט יאהאננען, וועלכע ער האט אריינגעגעבן אין אן אינטערנאט אין טערן, ווו זי פילט זיך נישט איבעריק גליקלעך.

איך האב געקושט די הענט פון מאדאם דע גאברי און מיר האבן זיך געשיידט

דעם הער מוש, יאָהאַננעס אַפּוטרופּוס, האָב איך געטראָפן ביי דער אַרבעט, אין זיין קאַבינעט. דאָס איז אַ קליינטשיק דאַר נפשל; די הויט פון זיין פּנים קומט מיר פאָר, ווי זי וואָלט געווען געקנעטן פונם שטויב פון זיינע אַלטע שמות. דאָס איז אַ חיה פונם מין, וואָס טראָגן ברילן. וואָרים ס'איז באמת שווער זיך פאָרצושטעלן אים אָן ברילן. כ'האָב געהערט דעם ה' מוש, בעת ער האָט גערעדט; ער האָט אַ הייזעריק קול און האָט ליב זיך צו באַנוצן מיט פּאַטעטישע פראַזן. איך האָב אים באַטראַכט אַ לענגערע צייט, ער איז צערעמאָניאַל און קוקט אויף די מענטשן פון דער זייט, פון אונטער די ברילן.

ה' מוש האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גליקלעך און אַנטציקט, וואָס איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיט יאָהאַננען. ער גלויבט אָבער נישט, אַז מיר זאָלן לעבן נאָר כדי זיך צו ווילן. ניין, ער גלויבט נישט אין דעם; און דעם אמת געזאָגט, מוז מען מיט אים מסכים זיין, אויב מען איז מיט אים צוזאַמען — אַזוי ווייניק אַמוזאַנט איז ער. ער האָט מורא, אַז אויב יאָהאַננעס וועט צו פיל פאַרבּרענגען די צייט אויף פאַרוויילונגען, וועט זי' דעמאָלט באַקומען אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן לעבן. דעריבער טאַקע האָט ער געבעטן מאַדאַם דע גאַברי צו נעמען יאָהאַננען צו זיך נאָר אין זעלטענע פאַלן.

איך האָב מיך געזעגנט מיטן פאַרשימלטן נאָטאַר און זיין

אַרשטויבטן קאַבינעט, באַקומענדיק די פּרינציפּיעלע דערלויבניש (אַלץ, וואָס שטאַמט פון ה׳ מוש איז פּרינציפּיעל) זיך צו זען מיט פריילין יאָהאַננע אַלעקסאַנדר איינמאָל אין אַ חודש אינם אינטערנאַט פון פריילין פּרעפּער אויף דער רי דעמור, אין טערן.

אין דעם ערשטן דאָנערשטיק פון חודש מאַי בין איך אַהינגעגאַנגען צו פריילין פּרעפּער, וואָס איר ווינונג האָב איך דערזען נאָך פונדערווייטנס אַ דאַנק א מעלדונג, אָנגעשריבן מיט בלויע אותיות. די בלויע אותיות זענען געווען פאַר מיר דער ערשטער סימן פון כאַראַקטער פון פריילין ווירדזשיניע פּרעפּער, וועלכע איך האָב שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט גרונטליך צו דערקענען. אַ צעטומלטע דינסט האָט גענומען מיין וויזיט-קאַרטל און איבערגעלאָזט מיך אָן איין וואָרט אין אַ קאַלטן, טונקעלן זאַל, וווּ ס׳האָט געהערשט יענע אַטמאָספערע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע בילדונגס-אַנשטאַלטן. דער דיל איז געווען אויסגעוואַקסט מיט אַזאַ אומבארחמנותדיקער ענערגיע, אַז כ׳האָב פּשוט מורא געהאַט צו שטעלן א טריט. צום גליק האָב איך באַמערקט קליינע פּירקאַנטיקע שטיקלעך טוך צעוואָרפן אויפן דיל לעבן די שטולן, און שפּרייזנדיק אַזוי פון איין טוכענעם אינזל צום אַנדערן, בין איך בשלום צוגעקומען צום קאַמין, און זיך אַנידערגעזעצט, שווער סאָפּענדיק.

אויפן קאַמין איז געשטאַנען איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדענער ראַם, אַן ערן-טאָוול. עס איז דאָרט אויסגערעכנט געווען אַ באַדייטנדע צאָל נעמען, צווישן וועלכע איך האָב אָבער בשום אופן נישט געקאָנט אויסזוכן דעם נאָמען פון יאָהאַננע אַלעקסאַנדר. איך האָב באַוויזן איייניקע מאָל איבערצולעזן די נעמען פון די שילערינס, וואָס האָבן זיך פאַרדינט אין די אויגן פון פריילין פּרעפּער. די אַרומיקע שטילקייט האָט אויף מיר אָנגעהויבן שלעכט צו ווירקן. משמעות, אַז פריילין פּרעפּער האָט געוואָלט איבערטראָגן אין איר פּעדאַגאָגישער אַנשטאַלט די אַבסאָלוטע שטילשווייגעניש פון די הימלישע מחקים, און דאָס דאָזיקע וואָלט זיך איר אויך איינגעגעבן, ווען נישט די ווראָבלעס,

וואָס האָבן גראָד אויסגעקליבן איר הויף און פּאַרזיילכט די לופט מיט זייער צוויטשעריי. ס'איז געווען באמת אַ תענוג צו הערן זייערע קולות, זעען האָב איך זיי אָבער נישט געקענט דורך די מאַטע שויבן. איך האָב מיך דעריבער געמוזט באַגנוגענען מיטן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר מיינע אויגן אינם ווינטער-זאַל, אַ באַהאַנגענעם פון אויבן ביז אַראָפּ, אויף אַלע פיר ווענט, מיט בילדער און צייכנונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די שילערינס. עס זענען דאָרט געווען אויסגעמאָלט וועסטאַלינס, בלומען, הייזלעך, קאַפּיטעלן, און אַ ריזיקער קאָפּ פון טאַציוס, דעם קיניג פון די סאַבינ יאַנער, געצייכנט פון עס-טעללע מוטאַן.

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך נישט געקענט אָפּ-וווּנדערן איבער דער ענערגיע, מיט וועלכער פריילין מוטאַן האָט געצייכנט די שטעכעדיקע ברעמען און בייזע אויגן פון אַנטיקן קריגער, בעת מיטאַמאָל האָט צו מיינע אויערן דערגרייכט אַ שאָרך, ווי פון אַ פאַרדאַרטן בלאַט, וואָס ווערט געטראָגן פון ווינט. איך האָב אויסגעדרייט מיין קאָפּ.

דאָס איז נישט געווען קיין פאַרדאַרטער בלאַט: דאָס איז געווען פריילין פּרעפער. מיט הענט פאַרלייגטע אויף דער ברוסט האָט זי זיך געשאַרט איבערן שפּיגל פון דיל, ווי די הייליקע פון דער „הייליקער לעגענדע" איבער די קרישטאָלענע וואַסערן. ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט פריילין פּרעפער בשום אופן מיר נישט אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק די בתולות פון דער מיסטיציזם-עפּאָכע. וואָרים איר געזיכט האָט מיר בולט דערמאַנט אַן עפּל, וואָס איז איבערן ווינטער באַהאַלטן געוואָרן אויפן בוידעם דורך אַ פּאָראויסזעעוודיקער באַלעבאָסטע. אויף די פּלייצעס האָט זי געהאַט איבערגעוואָרפן אַ פּעלערינע, וואָס האָט אַליין פאַר זיך נישט געצויגן אויף זיך קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, זי האָט זי אָבער געטראָגן ווי אַ הייליק בגד אָדער ווי אַן אינסיג-ניע פון העכער שטעלונג.

איך האָב איר איבערגעגעבן דעם צוועק פון מיין וויזיט און געוויזן די באַפולמעכטיקונג.

— איר האט גערעדט מיטן ה׳ מוש? — האט זי געפרעגט — פילט ער זיך? דאס איז אזא ארנטלעכער מענטש, אז...

זי האט נישט דערענדיקט, און אירע אויגן האבן זיך אויפגעהויבן צום סופיט אויף דעם ארט, ווו אנשטאט א זשיראנדאל איז געהאנגען א ראלקע פאפיר, וואס האט מסתמא געדינט אויף צו כאפן פליגן.

— מיט פריילין אלעקסאנדר, — האב איך זיך אנגערופן, — האב איך מיך געטראפן ביי די הערשאפטן דע גאברי און איך האב באוויזן ווי געהעריק אפצושאצן איר איידעלן כאראקטער און נישט דורכשניטלעכע אינטעליגענץ. איך האב אמאל געקאנט אירע זיידע-באבע און כ׳וואלט געוואלט איר שענקען מיין גאנצע סימפאטיע, וואס כ׳האב אמאל געהאט פאר זיי.

אנשטאט אן ענטפער האט פריילין פרעפער טיף אפגעזיפצט, זי האט צוגעצדריקט צום הארצן די געהיימנישפולע פעלערינע און אויפסניי אויסגעגלאצט אירע אויגן צום פאפיר אויפן סופיט

ענדלעך האט זי ארויסגעזאגט:

— מיין הער, אויב איר האט געקענט די הערשאפטן אלעקסאנדר, גלויב איך, אז איר באדויערט צוזאמען מיטן ה׳ מוש און מיט מיר, די וואנזיניקע שפעקולאציעס, וואס האבן זיי רואינירט און זייער טאכטער צוגעפירט ביז צום ראנד פון נויט.

הערנדיק די דאזיקע רייד, האב איך מיר געטראכט, אז ס׳איז א גרויסער פעלער צו זיין אומגליקלעך און אז דעם דאזיקן פעלער קען מען בשום אופן נישט מוחל זיין די יעניקע, וואס מ׳האט א לאנגע צייט מקנא געווען. די מפלה פון אזעלכע מענטשן טוט אונז א הנאה און חנפעט אונז, און מיר באציען זיך דעמאלט צו אזעלכע מענטשן אן דעם מינדעסטן ברעקל רחמנות

איך האב אויפריכטיק דערקלערט, אז איך אריענטיר מיך נישט לחלוטין אין פינאנסיעלע ענינים, און געפרעגט די פארוואטערין, צי זי איז צופרידן פון פריילין אלעקסאנדר

— זי איז א גרויסער עקשן! — האט אויסגערופן פריילין פרעפער.

און זי האט זיך אויסגעצויגן און אנגענומען א דערהאבענע

פּאָזע, וואָס האָט געזאָלט פאָרשטעלן די סימבאָלישע סיטואַציע, וועלכע עס האָט געשאַפן פאַר איר די דאָזיקע האַרטנעקיקע שי־לערין. נאָכדעם, ווי זי האָט זיך בארויקט, האָט זי צוגעגעבן:

— מען קאָן נישט אַפּלייקענען, אַז דאָס דאָזיקע יונגע מיידל איז אין אַ געוויסע מאָס אינטעליגענט, זי וויל אָבער נישט צו־בייגן דעם קאָפּ, כדי אויסצולערנען זיך די זאַך פּרינציפּיעל.

וואָס פאַר אַ אויסטערלישע איז זי, די דאָזיקע פרײַלין פּרעפער! זי גייט, נישט הייבנדיק מיט די פיס, זי רעדט, נישט רירנדיק מיט די ליפּן, נישט אָפּשטעלנדיק זיך איבעריקנס לאַנג אויף די דאָזיקע אייגנטימלעכקייטן פון פרײַלין פּרעפער, האָב איך איר געענטפערט, אַז פּרינציפּן זענען בלי ספק זייער אַן אויסגעצייכנטע זאַך, ס'איז אָבער פולשטענדיק גענוג, ווען מען לערנט זיך אויס אַ געוויסן ענין אַ״ך איינס, צי מען לערנט אים פּרינציפּיעל אָדער נישט פּרינציפּיעל.

פרײַלין פּרעפער האָט געמאַכט אַ לייכטן אָפּנייגונגס־צייכן. זי האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— אַך! מיין הער, די מענטשן, וואָס שטייען ווייט פון פּעדאַגאָגיק האָבן אַ פאַלשע מיינונג וועגן דערציונג. איך בין זי־כער, אַז זיי האָבן די בעסטע כוונות, זיי וואָלטן אָבער פיל בע־סער געטון, ווען זיי וואָלטן די דאָזיקע ענינים איבערגעלאָזן פאַר מער קאָמפּעטענטערע פּערזאָנען.

איך האָב איר נישט אָפּאָנירט און געפרעגט, צי איך וואָלט געקענט זיך זען מיט פרײַלין יאָהאַננע אַלעקסאַנדער.

זי האָט אָנגעשטעלט איר בליק אויף דע־ פּעלערינע, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען אַן ענטפער פון אירע פראַנזן, און צום סוף געענטפערט:

— פרײַלין אַלעקסאַנדער גיט איצטער קאָרעפּעטיציעס. ביי אונז לערנען די עלטערע מיט די יונגערע שילערינס. דאָס איז די אַזוי גערופענע קעגנזײַטיקע לערע... אַזוי אָבער ווי איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט אייך האָבן בחנם מטריח געווען, וועל איך זי באַלד אַריינרופן. איר וועט מיר נאָר דערלויבן,

מיין הער, לשם אָרדנונג, צו פאַרשרייבן אייער נאָמען אין רע־ניסטער פון די באַזוכער.

זי האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט אויפגעעפנט א דיקן העפט, און אַרויסגענומען פון אונטער דער פעלעריגע דעם רע־קאָמענדאַציאָנס־בריוו פון ה׳ מוש.

— Bonnard, צום סוף מיט א „ד״, אמת? — האָט זי מיך גע־פרעגט, אָנהויבנדיק צו שרייבן, — איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך שטעל מיך אָפּ אויף אַזאַ פּרט. לויט מיין מיינונג האָבן די אייגן־נעמען א באַזונדערע אָרטאָגראַפיע. איך מאַך גאַנץ אָפּט מיט די שילערינס דיקטאַטן פון אייגן־נעמען... נאַטירלעך פון היסטאָרישע נעמען!

נאָכדעם ווי זי האָט פאַרשריבן מיין נאָמען, האָט זי מיך געפרעגט, וואָס פאַרא טיטל זי זאָל צוגעבן, ווי למשל: געוועזענער סוחר, באַאמטער, עמעריט, צי גאָר עמיץ אנדערש. אינם רעגיסטער איז פאַראַן דערויף א ספּעציעלע רובריק.

— מאַדאַם, — האָב איך אויסגערופן. — אויב איך גייט שטאַרק אין לעבן אויסצופילן די דאָזיקע רובריק, גיט זשע צו: מיט־גליד פון פראַנצויזישן אינסטיטוט.

איך האָב אַלץ כסדר געהאַט פאַר מיינע אויגן די פעלע־רינע פון פריילין פרעפער, אָבער דאָס איז נישט געווען מער פריילין פרעפער. זי איז געוואָרן אַן אַנדערע: א העפלעכע, גראַ־ציעזע, פריילעכע, אירע אויגן האָבן געשמייכלט, די קליינע קנייטשן אויף איר פּנים (זיי זענען געווען אין א גאַנץ נישטקשה־דיקער צאָל) האָבן זיך איינגעצן צעשמייכלט; איר מויל האָט אויך געשמייכלט, אָבער נאָר פון איין זייט, זי האָט געעפנט דאָס מויל; איר שטים איז געווען זיס ווי האָניק:

— איר האָט זיך פריער געהאַט אויסגעדריקט, אַז די טייערע יאָהאַנגע איז זייער אינטעליגענט. איך האָב אויך פון מיין זייט דאָס זעלבע באַמערקט און איך בין שטאָלץ, וואָס מיר ביידע האָבן איין און די זעלבע מיינונג. דאָס דאָזיקע יונגע מיידל אינטערעסירט מיך באמת זייער שטאַרק. הגם זי איז א ביסל א שטיפערישע, האָט זי אָבער דאָס, וואָס איך רוף אָן: גליק־

דעכער כאַראַקטער. אַנטשולדיקט מיר אָבער, וואָס איך נעם צו ביי־ אייך אייער ווערטפולע צייט.

זי האָט אַריינגערופן דאָס דינסט־מיידל, וועלכע איז גע־ ווען נאָך מער צעשראָקן און צעטומלט ווי פריער. זי איז שנעל פאַרשוונדן, באַקומענדיק דעם אויפטראָג צו מעלדן דער פריי־ לין יאָהאַננע, אַז ה׳ סילוועסטער באַנאַר, מיטגליד פון אינסטיטוט, וואַרט אויף איר אין אויפנאַמע־זאַל.

פריילין פרעפער האָט צומאָל נישט באַוויזן זיך מיר צו פאַרטרויען, אַז זי באַציט זיך מיטן טיפסטן רעספעקט צו אַלע באַשלוסן פון אינסטיטוט, וועגן וואָס עס זאָל זיך נאָר נישט האַנדלען, בעת אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן יאָהאַננע, אַ סאַ־ פענדיקע, אַ רויטע ווי אַ פעאָניע, די אויגן ברייט צעעפנט, די הענט ווייט צעשפרייט, און דאָך אַ וווּנדערבאַר שיינע אין איר נאַיווער אומגעשיקטקייט.

— זע נאָר, ווי דו ביסט אָנגעטון, מיין טייער קינד! — האָט געשעפטשעט פריילין פרעפער מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט, צורעכט מאַכנדיק איר דעם קאָלנער.

יאָהאַננע איז, דעם אמת געזאָגט, געווען אַ ביסל אויס־ טערליש אָנגעטון. אירע לאַנגע האָר זענען געווען צעוואָרפן אין אומאָרדנונג, אירע הענט זענען געווען רויט, און מ׳האָט לייכט דערקענט, אַז דאָס האָט איר פאַרשאַפן גרויס עגמת־נפש; דאָס קליידל איז געווען צו קורץ און פון הינטער אים האָט מען אַרויסגעזען צו גרויסע זאָקן און שיך מיט אויסגעדרייטע צפּ־ צאַסן, איר טאַליע איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל צו שפרינגען — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט נישט געקענט מאַכן קיין איבריק אָנגענעמען איינדרוק.

— ווי צעטראָגן זי איז, די קליינע! — האָט פריילין פרעפער אַ זיפץ געטון. דאָס מאָל איז זי שוין געווען מער ענלעך צו אַן עלטערער שוועסטער, ווי צו אַ מוטער.

ביי די רייד איז זי ארויסגעגאַנגען, שאַרנדיק זיך ווי אַ שאָטן איבער דעם דיל.

— זעץ דיך, יאַהאַננע, — האָב איך געזאָגט, — רעד מיט מיר, ווי מיט אַ גוטן פריינט. ס'איז דיר דאָ נישט גוט?

אַ ווײַלע האָט זי זיך געוואַקלט, דערנאָך האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ יאוש־שמייכעלע:

— נישט איבעריק.

אין האַנט האָט זי געהאַלטן די ביידע עקן פון שטריקל און געשוויגן.

איך האָב זי געפרעגט, צי אַזאַ דערוואַקסענע פריילין ווי זי, שפרינגט נאָך איבער אַ שטריקל?

— אָ, ניין! — האָט זי שנעל געענטפערט. — בעת די דינסט האָט מיר געמאָלדן, אַז אַן עלטערער הער וואַרט אויף מיר אין זאַל, האָב איך גראָד זיך געשפּילט מיט די קליינטשיקע אין שפרינגעלעך. איך האָב דעריבער ארומגעבונדן די שנור ארום מיין טאַליע, כדי זי נישט צו פאַרלירן. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט שיין, זייט מיר מוחל. איך פאַרברענג אַזוי ווייניק אין אַ געזעלשאַפט.

— אָבער גאָט אין הימל! פאַרוואָס זאָל איך זיך באַליידיקן צוליב דער שנור? די מאַנאַכינס פון אָרדן פון דער הייליקער קלאַרע זענען אויך געווען ארומגעבונדן מיט אַ שנור אַרום דער טאַליע, און פונדעסטוועגן זענען זיי געווען הייליקע.

— ווי גוט און שיין עס איז פון אייך, מיין הער, וואָס איר זענט געקומען מיך באַזוכן און צו שמועסן מיט מיר. איך האָב אייך אינגאַנצן פאַרגעסן צו דאַנקען, בעת איך בין אריינגעקומען, איך בין אָבער געווען שטאַרק צעמישט און איבערראַשט. צי האָט איר זיך געזען מיט מאַדאַם דע גאַברי? דערציילט מיר, כ'בעט אייך, וועגן איר.

— מאַדאַם דע גאַברי, — האָב איך געענטפערט, — פילט זיך גוט און געזונט, זי איז איצט ביי זיך אין דער היים, אין ליזאַנס. איך וועל זאָגן וועגן איר דאָס, וואָס אַן אַלטער גערטנער האָט אַמאָל געזאָגט וועגן זיין באַלעבאָסטע, בעת מ'האָט זיך באַאומרויִקט צוליב איר: „די מאַדאַם גייט זיך איר וועג". יאָ, מאַדאַם דע גאַברי גייט זיך אויך איר וועג. דו ווייסט מן הסתם,

יאָהאַנגע, אַז דער דאַזיקער וועג איז אַ גוטער און אַ גלייכער. פאַר איר אפּפאָר קיין ליזאַנס, האָב איך געשפּאַצירט מיט איר זייער לאַנג. און מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן דיר. מיר האָבן גערעדט וועגן דיר אויפן קבר פון דיין מאַמע עליה השלום.

— ווי גליקליך איך בין, – האָט יאָהאַננע שטיל געזאָגט.

און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

פול מיט רעספּעקט פאַר אירע טרערן האָב איך געוואַרט, ביז זי האָט אויפגעהערט צו וויינען. און אַז זי האָט אָפּגעווישט די טרערן, האָב איך איר געבעטן צו דערציילן מיר, ווי אַזוי זי פאַרברענגט איר צייט אין דעם אינטערנאַט.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז גלייכצייטיק שילעריו און לערערין.

– מען הייסט דיך געהאָרכן און אַנדערע מוזן דיך האָרכן. דאָס דאַזיקע טרעפט זיך אָפט אין לעבן. האַלט אויס מיין קינד.

זי האָט מיר אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נישט מען לערנט איר עפּעס און נישט זי לערנט מיט אַנדערע. אין דער אמתן ליגט אויף איר דער חוב אָנצוקליידן יעדן טאָג די שילערינס פון די יונגערע קלאַסן; זי וואַשט זיי אָרום, לערנט מיט זיי אַלף-בית, נייען, שפּילט זיך מיט זיי, און אין אָוונט לייגט זי זיי שלאָפן.

— אַזוי גאָר — האָב איך אויסגערופן, — ביי פריילין פּרעפער הייסט דאָס דאָזיקע קעגנזייטיקע לערע. איך קאָן נישט באַהאַלטן פון דיר, יאָהאַננע, אַז פריילין פּרעפער געפעלט מיר נישט לחלוטין, און ווי ס׳קומט מיר פאַר, איז זי גאָרנישט אַזאַ גוטע, ווי איך וואָלט געוואָלט.

— אַך! — האָט יאָהאַננע געענטפערט, — זי איז ווי דער רוב מענטשן, זי באַציט זיך גוט צו די מענטשן, וועלכע זי האָט ליב, און שלעכט צו די, וועלכע זי האָט פיינט. אַזוי איז עס שוין! מיר דוכט זיך טאַקע, אַז זי האָט מיך נישט איבעריק ליב.

— און הער מוש? יאָהאַננע, וואָס טראַכסטו וועגן הער מוש?

— מיין הער, — האָט זי געענטפערט, — כ׳בעט אייך, דערמאָנט נישט ליבער דעם נאָמען פון הער מוש. איך בעט אייך.

איך האָב נאָכגעגעבן איר פלאַמען־דיקער און כמעט ווילדער ביטע, און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— יאָהאַננע, זאָג מיר, דו מאַכסט נאָך אַלץ פיגורן פון ליים? איך האָב נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די פעע, וואָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט אין יוזאַנס.

— איך האָב נישט קיין ליים, — האָט זי מיר געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק הילפלאָז די הענט.

— ס׳פעלט דיר אויס ליים, דאָ אין שולע?! — האָב איך אויסגערופן, — יאָהאַננע, איך וועל דיר ברענגען ליים אין פאַרשידענע קאָלירן.

— כ׳דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן, מיין הער, טוט עס אָבער נישט, איך האָב דאָ ליידער נישט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט מאַכן ליאַלקעס. אַנומלט האָב איך אָנגעהויבן צו מאָדעלירן אַ קליינעם הייליקן זשאָרזש פאַר מאַדאַם דע גאַברי, גאָר אַ קליינטשיקן הייליקן זשאָרזש מיט אַ גאָלדענעם פאַנצער. די קליינע מיידלעך האָבן אים אָבער אָנגענומען פאַר אַ ליאַלקע, און האָבן זיך מיט אים אַזוי לאַנג געשפּילט, ביז זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ תל.

זי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אין שירץ אַ פּיגורל, וואָס זיינע צעבראָכענע גלידערלעך האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף אַ דין דרעטל, דורכגעצויגן פון אינעווייניק. דער אָנבליק פון דער פיגור האָט זי געמאַכט טרויעריק און גלייכצייטיק אַריינגעבראַכט אין אַ פריילעכע שטימונג. סוף כל סוף איז זי באַהערשט געוואָרן פון דער פרייד און האָט אַ שמייכל געטון. איר שמייכל איז אָבער מיטאַמאָל אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן.

פריילין פּרעפער איז געשטאַנען אויפן שוועל פון צימער.

— מיין טייער קינד, — האָט זי אַ זיפץ געטון. — כ׳האָב מורא אַז זי זאָל אייך נישט פאַרמאַטערן, — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר. — איבעריקנס, אייער צייט, מיין הער, איז דאָך אַזוי טייער.

איך האָב איר געבעטן, אַז זי זאָל בנוגע דעם נישט האָבן קיין שום אילוזיעס. איך האָב מיך אויפגעהויבן, כדי זיך צו

געזעגענען און גלייכצייטיק אַרויסגענומען פון טאַש עטלעכע טאָוועלעך שאָקאָלאַד און אַנדערע זיסיקייטן, וואָס כ'האָב מיטגעבראַכט מיט מיר.

— אָ! מיין הער, — האָט יאָהאַננע אויסגערופן. — דאס וועט זייז גענוג אפילו פאַרן גאַנצן אינטערנאַט.

די דאַמע אין דער פּעלערינע האָט אינטערווענירט:

— פריילין אַלעקסאַנדער, — האָט זי זיך אָנגערופן, — דאַנק דעם הער פאַר זיין גוטהאַרציקייט.

יאָהאַננע האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַן אומפריינטלעכן בליק, און זיך געווענדעט צו מיר:

— איך דאַנק אייך, מיין הער, פאַר די אַלע גוטע זאַכן, און קודם כל פאַר ־עם, וואָס איר זענט געקומען מיך באַזוכן.

— יאָהאַננע, — האָב איך איר געענטפערט, דריק־ד ק אירע ביידע הענט, — זיי שטענדיק אַ גוטע און מוטיקע. צום ווידערזען.

אוועקגייענדיק מיט אירע פעקלעך שאָקאָלאַד און זיסיקייטן, האָט יאָהאַננע נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעט מיטן עק שנור אין אָנלען פון אַ שטול. דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט פריילין פּ־עפער, וועלכע האָט אונטער דער פּעלערינע צוגעדריקט מיט ביידע הענט איר האַרץ. מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, אַז אַ ליאַדע רגע וועט איר סכאָלאַסטישע נשמה פאַלן אין חלשות.

בעת מיר זענען פאַרבליבן אַליין, איז זי ווידער געקומען צו זיך, און איך מוז מודה זיין, נישט האָבנדיק בדעה יך צו רימען, אַז זי האָט געשמייכלט צו מיר מיטן גאַנצן פּנים. ז

— געערטע פריילין, — האב איך געזאָגט צו איר, אויסנוצנדיק איר גוטע שטימונג, — כ'האָב באַמערקט, אַז פריילין יאָהאַננע אַלעקסאַנדער איז אַביסל בלאַס. איר ווייסט מסתמא בעסער פון מיר, מיט וויפיל פלעגע און ווי פאָרזיכטיק מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ יונג מיידל אין איר עלטער. איך וויל אייך לגמרי נישט באַליידיקן, מאַכנדיק אייך דערויף אויפמערקזאַם.

ווייזט אויס, אַז מיינע רייד האָבן זי אַריינגעבראַכט אין אַ צושטאַנד פון התפּעלות. זי האָט מיט אַן עקסטאַטישן בליק זיך

פאַרקיקט אין דער פאַפירענער ראָלקע אויפן סופיט און אויסגערופן, צעשפּרייטנדיק די הענט:

— אַך, ווי די גרויסע לייט זענען עס אימשטאַנד זיך אַראָפּצולאָזן צו אומבאַדייטנדע פּרטים פון טאָגטעגלעכן לעבן!

איך האָב באַמערקט, אַז דער געזונט-צושטאַנד פונם מיידל איז אויך קיין פאַל נישט קיין אומבאַדייטנדע קליייניקייט, און כ׳האָב זיך מיט איר געזעגנט. זי האָט מיך אָבער פאַרהאַלטן אויפן שוועל און פאַרטרוילעך געזאָגט:

— זייט מיר מוחל מיין שוואַכקייט. איך בין אַ פרוי און איך האָב ליב דעם רום. איך קאָן נישט פאַרבאָרגן פאַר אייך, אַז די אָנוועזנהייט פון אַ מיטגליד פון אינסטיטוט, איז אַ צו גרויסער כבוד פאַר מיין באַשיידענעם אינטערנאַט.

איך האָב מוחל געווען דער פריילין פרעפער איר שוואַכקייט, און טראַכטנדיק אויסשליסלעך וועגן יאָהאַננען מיט דער ריקזיכטלאָזיקייט פון אַ עגאָיסט, האָב איך אָן אויפהער איבערגעחזרט פאַר מיר אויפן וועג:

וואָס וועלן מיר מאַכן מיטן דאָזיקן קינד!

כ׳האב היינט אפגעפירט אויפן גוטן אָרט אַ גריינ־ווינ־ריען חבר מיינעם, וועלכער האט, ווי געטע דריקט זיך אויס, מסכים געווען צו שטארבן. דער גרויסער געטע, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט אזא געוואלטיקער לעבנס-קראפט, האט באמת געגלויבט, אַז מען שטארבט נאָר דעמאָלט. ווען מען וויל, דאס הייסט, ווען אלע כחות פון מענטש, וואס שטעלן זיך אנטקעגן דעם אנטגילטיקן צעפאלן פון קערפער און וועלכע בילדן צוזאַמען דעם תוך פון לעבן, ווערן פולשטענדיק פארניכטעט. אויסדריקנדיק זיך מיט אנדערע ווערטער: געטע האט געגלויבט, אַז מען שטאַרבט דעמאָלט, ווען מען קאָן שוין מער נישט לעבן.

מיין טייערער קאָלעגע האט אַלזאָ מסכים געווען צו שטאַרבן. אַ דאנק צוויי אדער דריי אַפּאָפּלעקסיע-אָנפאַלן, פון וועלכע דער לעצטער איז געווען דער דעצידירנדער. איך האב אים זייער ווייניק געקענט ביים לעבן, אָבער נאָך זיין טויט, בין איך מיטאַמאָל געקרוינט געוואָרן אלס זיינס אַ גוטער פריינט, וואָרים מיינע קאָלעגן האבן מיך פייערלעך אויפגעפאָדערט צו מאַכן אים אַ הספד ביים אָפענעם קבר.

נאכדעם, ווי איך האב זייער שלעכט איבערגעלייענט אַ קורצן הספד, וועלכן איך האב אין איילעניש אנגעשריבן, בין איך אוועק אויף אַ שפּאַציר אין וועלדל וויל-ד׳אווריי, און אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן קאַפּיטאנס שטעקן, האב איך מיד געלאָזט

ניין אבער אַ אַלדער סטעזשקע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין דער גאָלדענער ליכטיקייט פון דער זון, דער שמעקנדיקער ריח פון גראָז און פייכטע בלעטער, די שיינקייט פון הימל און דאָס שווייגן פון די ביימער האָבן נאָך קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען אַזוי טיף אין מיין נשמה. און די מרה־שחורה, וואָס האָט מיך באַהערשט אינמיטן דער אַלגעמיינער שטילשווייגעניש, האָט גלייכצייטיק געהאַט אין זיך עפּעס ליידנשאַפטלעכעס און רע־ליגיעזעס.

איך האָב מיך אָוועקגעזעצט אונטערן שאָטן פון אַ גרופּע יונגע דעמבן. און דאָרט האָב איך באַשלאָסן נישט צו שטאַרבן, לכל־הדעות נישט מסכים זיין צו שטאַרבן, ביז וואַנען מיר וועט נישט באַשערט זיין ווידער צו זיצן אונטער אַ דעמב און אויפן שויס פון דער דאָרפישער נאַטור, רויק טראַכטן וועגן דער נשמה און דעם אַנטגילטיקן גורל פון מענטש. אַ בין איז געקומען צו פליען; איר ברוינער קערפּער האָט געפונקלט אין דער זון, ווי אַ פאַנצער פון גינגאָלד. די בין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צעעפנטער מאַך־ווע־בלום, און אָנגעהויבן צו זויגן איר שמעקנ־דיקן זאַפט. נישט דאָס ערשטע מאָל האָב איך שוין אָבסערווירט די דאָזיקע נאַטירלעכע דערשיינונג, אָבער צום ערשטן מאָל האָב איך זיך צוגעקוקט דערצו מיט אַזאַ אויפמערקזאַמער און אינטע־ליגענטער נייגיריקייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז צווישן דעם אינזעקט און דער בלום איז פאַראַן אָן אַ שיעור סימפּאַטיעס און פאַרבינדונגען, וואָס וועגן זייער עקזיסטענץ איז מיר ביזן היינטיקן טאָג נישט איינגעפאַלן אפילו צו טראַכטן.

אָנגעטרונקען זיך מיטן שמעקנדיקן נעקטאַר, איז דער אינ־זעקט נעלם געוואָרן. איך האָב מיד אויפגעהויבן פון אָרט און זיך געגרייט צום וועג.

— זייט מיר געזונט, — האָב איך זיך אָנגערופן צום אינ־זעקט און צו דער בלום. — הלוואי איך זאָל קאָנען דערלעבן די צייט, ווען ס'וועט מיר באַשערט זיין צו אַנטפּלעקן דעם סוד פון אייער וווּנדערבאַרער האַרמאָניע. איך בין שוין זייער מיד. דער מענטש איז אָבער באַשאַפן געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז ער־

ווערט פטור פון איין ארבעט ערשט אַ דאַנק דער צווייטער. אויב גאָט וועט ווע̇לן, וועל איך אין די באטראַכטונגען וועגן די בלו־מען און אינזעקטן געפינען אַן אָפּרו נאָך מיינע ארבעטן אויפן געביט פון פילאָלאָגיע און דיפּלאָמאַטיק. וויפיל טיפזיניקייט עס איז פאראן אין דער אלטער מסורה וועגן אַנטעאוס׳ן! איך האָב אָנגערירט די ערד מיט מיינע קנאָכל, און בין געוואָרן אַ ניי־גע־בוירענער מענטש. און אויפן שוועל פון זיבציקסטן יאָר פון מיין לעבן, ווערן געבוירן אין מיין נשמה נייע פאַראינטערעסירונגען, ווי יענע יונגע קנאָספּן, וואס וואקסן ארויס פונם פארפוילטן שטאָם פון אַן אַלטער ווערבע.

4-טער

כ'האב ליב אין גרויע פרימאָרגנס ארויסצוקוקן פון מיין פענסטער אויף דער סענע און אירע ברעגעס, איינגעהילטע אין א אין-סופדיקן נעפּל. איך האב געזען דעם וואונדערבאַר-בלויען הימל, וואס צעשפּרייט זיינע לויכטנדיקע טיפענישן איבער דער נעאפּאָליטאַנישער בוכטע. אבער אונזער פאריזער הימל האט מער נשמהדיקס אין זיך, ער איז מיר נענטער און הארציקער. ער שמייכלט אראָפּ צו מיר, ער דראָט, צערטלט, מאַכט אומעטיק און פריילעך, ווי דער בליק פון א מענטש. אין דער איצטיקער רגע הילט ער איין אין א מילדער קלאָרקייט די מענטשן און חיות, וואס זענען באשעפטיקט מיט זייער טאָגטעגלעכער ארבעט. אראָפּ-צו, אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג, ווו עס געפינט זיך דער פּאָרט פון הייליקן ניקאָלאַ לאָדט מען אויס טראנספּאָרטן אָקסן-הערנער, און טרעגערס אויסגעשטעלט אויף שווימענדיקע בריקלעך, ווארפן אריבער קעפּ צוקער פלינק און לייכט, פון האנט צו האנט, ביז אויפן דנאָ פון דאמפּער.

אויפן צפון-ברעג שטייען דראָשקע-פערד אין לאנגע שורות, אין שאָטן פון פלאטאנען, און קייען רויק האָבער און היי, בעת די רויטפּנימדיקע דראָזשקאזשעס לענען זיך אונטער דאס הארץ מיט א גלעזעלע בראָנפן און קוקן אויס מיט אייז אויג א פּרי-מאָרגנדיקן פּאסאזשיר.

די מוכר-ספרים'ניקעס לייגן אויס זייערע ביכער אויף די

טישלעך. די דאזיקע בראווע הענדלערס פון דער וויסנשאַפט, וואס לעבן שטענדיק אינדרויסן, אויסגעשטעלט אויף די פארשידנ-סטע וועטערס, זענען אזוי פארהארטעוועט געווארן שטייענדיק אויפן רעגן, האָגל, קעלט, שנייען, נעפּלען און היץ, אז זיי זענען אינגאַנצן ענלעך געוואָרן צו די אַלטע, פארשטויבטע קאַ-טעדראַלע סטאַטועס. זיי אלע זענען מיינע פריינט, און עס טרעפט זיך מיר זעלטן, אז איך זאָל דורכגיין פארביי זייערע שטעלן, און נישט ארויסשלעפּן פון דאָרט עפּעס אַן אלט ספר, וואס האט מיר ביז איצט געפעלט, און וואס ביז איצט האב איך וועגן דעם נישט געהאַט די מינדעסטע אַנונג.

אז כ'קער מיך דעמאָלט אום אהיים, באַגעגנט מיך מיין באַלעבאָסטע מיט אַ סדרה פאָרווורפן און אויסגעשרייען, זי מאַכט מיר אַן אוואַנטורע, פארוואס איך גיב אויס געלט אויף אלטע שמות, וואָס ברענגען נאָר אָן מייז אין שטוב אריין. טערעסע איז אין דער הינזיכט פולשטענדיק גערעכט, און טאַקע דערפאַר ווייל זי איז גע-רעכט הער איך זי ווי דעם קאָטער; וואָרים נישט געקוקט אויף מיין כלומרשט רויק אויסזען, איז מיר ליבער די זינלאָזיקייט פון די ליידנשאַפטן, ווי די גלייכגילטיקייט פון שכל. כחמת דעם אָבער, וואס מיינע ליידנשאַפטן געהערן נישט צו דעם מין פון די, וואָס ברעכן אויס ווי אַ ווולקאַן, פארניכטן און צעשטערן אלץ אויף זייער וועג, ווערן זיי נישט באַמערקט דורכן המון. זיי לאָזן מיך אָבער נישט צורו, און נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען נישט צוטון אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג צוליב אַ פּאָר בלעטלעך, וואס זענען אנגעשריבן גע-ווארן דורך אַ פארגעסענעם מאָנאַך אָדער ארויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ באַשיידענעם תלמיד פון פּיער שעפער. און אויב די דאָזיקע ליכטיקע פלאַמען ווערן אין מיר אויסגעלאָשן, איז עס דערפאַר, וואס איך אַליין גיי לאַנגזאַם אויס ווי אַ ליכט. אונזערע ליידנשאַפטן — דאס זענען מיר, מיינע ספרים — דאס בין איך. איך בין אזוי אַלט און פארשימלט ווי זיי.

אַ לייכטער ווינט הויבט אויף צוזאַמען מיטן שטויב די פּלאָמנדלעך פון די פּלאַטאַנען און די קערנדלעך האָבער, וואָס האָבן זיך ארויסגעגליטשט פון די פערדישע פּיסקעס. דאס איז

דאָך נישט מער ווי אַ שטויב־ווינט, אָבער זעענדיק ווי ער וויוועט ווילד אַרום איבערן בולוואַר, דערמאָן איך מיך, אַז אין מיין יוגנט האָב איך אויך אַמאָל געהאַט געזען אַ ענלעכן שטויב־ווינט, און די נשמה מיינע פון אַן אַלטן פּאַריזער איז טיף גערירט. אַלץ, וואָס איך זע פון מיינע פענסטער, דער האָריזאָנט, וואָס ציט זיך לינקס ביז צו די הויכקייטן פון שאַיאָ, דער טריומפאַלער בויגן, וואָס זעט אויס פון דערווייטנס, ווי אַ שטיינערנער זייל, די סענע, דער רומפולער טייך, און אירע בריקן, די לינדן־ביימער פאַר דער טעראַסע פון די טיולערי, דער לוווּר, וואָס לייכט פון דער ווייטן ווי אַ דימענט; און רעכטס, פון דער זייט פון פּאָן־נעוו, דער אַלטער, ערפאָרכטיקער פּאַריז מיט זיינע טורעמס און טורעמלעך — דאָס אַלץ איז מיין לעבן, דאָס בין איך אַליין. און איך וואָלט געווען גאָרנישט, ווען נישט דאָס אַלץ, וואָס שפיגלט זיך אָפּ אין מיר אין טויזנטער געדאַנקען און געפילן. דערפאַר טאַקע האָב איך ליב פּאַריז מיט אַזאַ מעכטיקער ליבע.

און פונדעסטוועגן בין איך מיד, און איך פיל, אַז ס'איז אוממעגלעך זיך אָפּצורוען אין דער שטאָט, וואָס טראַכט אַזוי פיל, וואָס האָט מיך אויסגעלערנט צו טראַכטן און רעגט מיך אָן כסדר דערצו. ווי קאָן מען דען לעבן רויק צווישן די אַלע ביכער, וואָס רעגן אומאויפהערלעך אָן מיין נייגיריקייט, מאַטערן זי אויס און סוף כּל־סוף שטעלן זיי מיך נישט צופרידן? דאָ דאַרף מען אויסצוגעפינען עפּעס אַ דאַטע, דאָרטן פעסטשטעלן גענוי אַ געוויס אָרט, אָדער מען דאַרף אויסזוכן דעם ריכטיקן זין פון עפּעס אַן אַלטן טערמין. ווערטער? — יאָ, אַזוי איז עס, ווערטער! אַלס פילאָלאָג בין איך זייער מושל, זיי זענען מיינע אונטערטאַנען, און אין מיין קיניגלעכן חסד גיב איך זיי אָפּ מיין גאַנץ לעבן. צי וועט מיר נישט אויסקומען אַמאָל צו אַבדיקירן פון טראָן? איך פיל, אַז ערגעץ ווייט פון דאַנען, אין שאָטן פון ביימער, איז פאַראַן אַ הייזל, וווּ איך וועל געפינען די מנוחה, וואָס איז מיר אַזוי נויטיק; דאָרט וועל איך וואַרטן, ביז די אומפאַרמיידלעכע רויקייט פון טויט וועט מיך נישט נעמען אין איר רשות. איך חלום וועגן אַן איינזאַמער באַנק אויף דער פריזבע

פון מיין הייזל און וועגן פעלדער, וואָס זאָלן זיך ציען העט־ ווייט, אַז דאָס אויג זאָל זיך אין זיי פאַרלירן. איך וואָלט אָבער שטאַרק געוואָלט, אַז אַ יונג פריש ביימל זאָל שמייכלען צו מיר, דעמאָלט וועט זיך מיר אויסדוכטן, אַז איך בין אַ זיידע און די פיסטקייט פון מיין לעבן וועט ווערן אויסגעפילט מיט אַ זין און תוך.

איך בין נישט פון דער נאַטור אַ היציקער, איך ווער אָבער לייכט איינגערעגט, און אַלע מיינע ווערק האָבן מיר פאַרשאַפן אַזויפיל דאגות, ווי הנאה.

כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז געשען, וואָס מיטאַמאָל איז מיר אויפן זכרון געקומען די נישט ריכטיקע און באַליי־ דיקנדע אימפּערטינענץ, אויף וועלכע עס האָט זיך מיט דריי־ חדשים צוריק דערלויבט לגבי מיר מיין יונגער פריינט פון לוק־ סעמבורגער גאָרטן. איך רוף אים אָן פריינט נישט אויס איראָניע, וואָרום איך האָב ליב די שטודירנדע יוגנט מיט אַלע אירע פע־ לערן און שטיפערייען. פונדעסטוועגן האָט אָבער מיין גוטער פריינט איבערגעכאַפּט אַ ביסל די מאָס. אַמבראָדזשיאָ פּאַרע *), וועל־ כער האָט דער ערשטער געפונען אַ מיטל, ווי אַזוי צו פאַרבינדן און אַמפּוטירן די בלוט־אַרטעריעס, און דערהויבן די כירורגיע פון דער מדרגה פון אַ געוויינלעכער מלאכה פון רופאים און שערערס — גראָבע יונגען, ביז צו דעם מעמד, אויף וועלכן זי געפינט זיך ביים היינטיקן טאָג, האָט אויף די עלטערע יאָרן בעמוזט אויס־ שטיין די זלזולים און אָנפאַלן פון זיינע עם־הארצישע תלמידים. אויף די זלזולים פון אַ יונגן היצקאָפּ, וואָס אימבעט... איך דער אמתן אַ גאַנץ ווילער בחור, ער האָט אָבער געהאַט זיין ווייניק דרך־ארץ פאַר עלטערע, האָט דער אַלטער מייסטער געענטפערט ... אין ... אַק־ טאַט וועגן גיכטן און מגפות": „כ׳בעט אים זייער, ... ער האָט חשק ארויסצוטרעטן קעגן מיינע מיינונגען, זאָל ער קודם כל אויעקוואַרפן דעם ... באַהאַנדלען דעם

---

*) אַמבראָדזשיאָ פּאַרע — באַרימטער פראַנצויזישער כירורג, געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט בצם. פון איבערזעצער).

גרין-גרויען זקן". עס איז באמת צו באוואונדערן, וואס אזא מילדער ענטפער איז ארויסגעגאַנגען פון אונטער דער פעדער פון אַמבראָדזשיאַ פארע; וואלט דער ענטפער געשטאַמט אפילו פון אַ פראָסטן ישובניק, וואָלט ער אויך געווען פולשטענדיק אויפן אָרט.

מ'וואלט געקאָנט מיינען, אַז די דאזיקע דערינערונג האט אויפגעוואַכט אין מיר אונטער דער ווירקונג פון א נידריק, געפיל פון כעס אדער באליידיקונג. איך האב לכתחילה אויך אזוי געמיינט און זיך געמאַכט פאָרווורפן, אז איך באשולדיק בחנם אַ קינד, וועלכעס ווייס אליין נישט, וואס עס רעדט. צום גליק זענען מיינע רעפלעקסיעס אוועק אין גאר אַן אנדער ריכטונג, און דעריבער פארצייכן איך זיי אין מיין טאָג-בוך. איך האב מיר דערמאנט, אז זייענדיק אלט צוואנציק יאָר (דאס איז געווען מיט אַ האלבן יאָרהונדערט צוריק) האב איך אין אַ שיינעם זומער-טאָג שפּאַצירט מיט מיינע חברים איבערן זעלבן לוקסעמבורגער גאָרטן. מיר האָבן געשמועסט וועגן אונזערע אלטע פראָפעסאָרן, און איינער פון אונז האט דערמאָנט דעם נאָמען פון ה' פטי-ראַדעל, אַ גאַוווסטער ערודיט, וואס האט דער ערשטער אויסגעפאָרשט די אַפּשטאַמונג פון די עטרוסקער. דער זעלבער געלערנטער האט אבער אויך צו זיין אומגליק צונויפגעשטעלט אַ כראָנאָלאָגישע טאַבעלע פון אלע ליבהאָבער פון דער שיינער העלענע. מיר האָבן הארציק געלאַכט און זיך געוויילט אויפן חשבון פון דער דאָזיקער טאַבעלע, און איך האב אויסגעדופן: „פטי-ראַדעל איז אַ שוטה, וואס באַטייט נישט נאָר פון פיר אותיות, נאָר פון גאַנצע צוועלף בענדער."

די דאזיקע רייד פון אַ יונגן שנעק זענען געווען צו לייכטזיניק, כדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ זקן. הלוואי וואלט איך אין מיין גאַנץ לעבן ארויסגעזאָגט נישט מער ווי די דאָזיקע אומבאטייטנדע רייד! און היינט צו טאָג שטעל איך מיר די פראגע, צי איך אליין האב אין משך פון מיין לעבן נישט געשאפן אַן ענלעך קאָמיש ווערק, ווי די כראָנאָלאָגישע טאַבעלע פון העלענעס ליבהאָבער. דער פראָגרעס פון דער וויסנשאַפט ווארפט מיט דער צייט ארויס, ווי נישט נוצלעכע, אלע

ארבעטן, וואס האבן זיינער צייט מיטגעהאָלפן צום פּראָגרעס. און בעת די דאָזיקע ארבעטן פארלירן זייער ווערט, גלויבט די לייכט־זיניקע יוגנט, אז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין ווערט, און מאַכט פון זיי חוזק. ערשט איצט פארשטיי איך, פארוואָס איך האב אין עלטער פון צוואָנציק יאָר חוזק געמאַכט פון ה' פּטי־ראַדעל און זיין כראָנאָלאָגישער טאַבעלע; פארוואס מיין יונ־גער און אומהעפלעכער פריינט פון לוקסעמבורגער גאָרטען...

Rentre en toi-même, Octave, et cesse de te plaindre
Quoi! tu veux qu'on **t'èpargne et n'as rien épargné*).**

---

*) פארטראכט דיך נישט, אָקטאַוו, און הער זיך אויף צו קלאָגן.
וואָס ווילסטו! מ׳זאָל האָבן חס אויף דיר,
בעת דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט פאַר יענעם קיין גוט וואָרט.

1-טער יוני.

דאָס איז געשעען דעם ערשטן דאָנערשטיק פון חודש יוני. איך האָב פארשלאָסן מיינע ביכער און זיך געזעגנט מיטן הייליקן דראַקטאָווע, וואָס געניסט פון הימלישער גליקזעליקייט. איך גלויב אויך, אז עס איז אים נישט מסתמא אזוי שטאַרק געלעגן, אַז זיין נאָמען און זיינע ארבעטן זאָלן באַקאַנט ווערן אויף דער ערד. אַ דאַנק אַ באַשיידענער קאָמפּילאַציע פון ה׳ סילוועסטר באָנאַר. צי זאָל איך מיך מודה זיין, אַז די מאַלווע-בלום און די בין, וועלכע כ׳האָב אָבסערווירט פאַראַכטאָגן, אינטערעסירן מיך מער, ווי אַלע אַלטע און קאַנאָניזירטע הייליקע. אָט האָט מיך לכּל־ל מיין באַליבטאָסטע דערווישט אין קיך, ווו איך האָב דורך אַ פּאַר-גרעסער-גלאָז באַטראַכט די בלום פון אַ לעווקאָניע. כ׳האָב אַמאָל אין מיין יוגנט, [illegible] איך האָב געלייענט אַלץ, וואָס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט, געלייענט אַ בוך פון שפּרענגעל, ווו ס׳ווערן אַרויסגעזאָגט אייניקע געדאַנקען וועגן דער ליבע פון בלומען. איצט נאָך [illegible] פופציק יאָר זענען מיר די דאָזיקע געדאַנקען געקומען אין קאָפּ אַריין, און זיי אינטערעסירן מיך איצט אויף אזוי ווייט, אַז איך הייב אָן צו באַדויערן, פאַרוואָס איך האָב נישט געווידמעט מיינע באַשיידענע פעיקייטן די [illegible]ודיעס איבערן לעבן פון די אינזעקטן און פלאַנצונגען.

דאָס האָב איך מיר געטראַכט, זוכנדיק מיין קראַוואַט. איך האָב אומזיסט דורכגענישטערט אַן אַ שיעור שופלאַדן און [illegible]

סוף בין איך געווען געצווונגען אָנצוקומען נאָך דער הילף פון מיין באַלעבאָסטע. טערעסע איז אריינגעקומען, הינקענדיק אויף ביידע פיס.

— איר האָט מיר באדארפט זאָגן, אַז איר ווילט ארויסגיין און איך וואלט אייך געגעבן דעם קראַוואט.

— טערעסע, — האס איך איר געענטפערט, — צי וואלט דען נישט בעסער געווען אוועקצולייגן דעם קראוואט אויף אזא אָרט, וו איך וואלט אים געקענט געפינען אָן דיין הילף?

טערעסע האט נישט געהאלטן אפילו פאר נויטיק מיר צו ענטפערן.

טערעסע דערלויבט מיר נישט צו דיספאָנירן אליין מיט קיין שום זאַך. וויל איך נעמען אַ נאָז-טיכל, מוז איך מיך ווענדן צו איר, און מחמת דעם, וואס זי איז טויב, אומבאַהאָלפן און האָט אַ שוואכן זכרון, איז באמת נישט צו דערלייזן פון איר. זי איז אָבער אַזוי שטאָלץ צוליב איר אַבסאָלוטער ממשלה אין הויז, אַז כ'האב פשוט נישט קיין קוראַזש צו מאַכן אַ פערשווערונג קעגן איר הערשאַפט איבער מיינע קליידער-שענק.

— מיין קראַוואַט, טערעסע! צי דו הערסט מיך נישט? אויב דו וועסט מיך ווייטער אריינברענגען אין פארצווייפלונג מיט דיין קריכעדיקייט, וועל איך מוזן מיר אויסזוכן נישט קיין קראַוואַט, נאָר אַ שטריק אויפצוהענגען זיך.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, מיין הער? — ענטפערט מיר טערעסע. — אייער קראַוואַט איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. ביי מיר ווערט גאָרנישט פאַרלוירן, כל זמן איך גיב דאָ אַכטונג. לאָזט מיר אָבער איבער צייט אויף אויסצוזוכן אים.

— אָט האָסטו דיר, — טראַכט איך מיר, — דעם רעזולטאַט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט מסירות-נפש. אַך! ווען די דאָזיקע אומברחמנותדיקע פרוי וואָלט צו מיין גליק כאָטש איין מאָל אין איר לעבן פאַרפעלט אירע פליכטן פון אַ הויזווירטין, ווען זי וואָלט כאָטש אויף איין רגע זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָלט איך אפשר געפרווט זיך איר אַנטקעגנצושטעלן. גיי אָבער און שטעל זיך

אַנטקעגן דער צניעות אַליין! די מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פעלערן זענען באמת שרעקלעך; מען קאָן קיינמאָל נישט האָבן איבער זיי קיין ממשלה. נעמט למשל טע־רעסען: זי האָט נישט קיין איין פעלער, צו וועלכן מען זאָל זיך קענען צוטשעפּען. זי שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם, זי איז אַלעמאָל זיכער אין אירע כוחות. זי איז די אמת שטאַרקע פרוי, די אומבאַזיגטע יונגפרוי פון דער הייליקער שריפט, און אויב די מענטשן ווייסן נישט, ווער זי איז, קען איך זי שוין דערפאַר זייער גוט.

— טערעסע, מיין קראַוואַט! צי ווייסטו נישט, אומגליקלעכע, אַז היינט איז דער ערשטער דאָנערשטיק אין חודש יוני, און אַז פריילין יאָהאַננע וואַרט מיך אָפּ? די פּאַרוואַלטערין פון אינטערנאַט האָט מסתמא געהייסן אויסרייניקן דעם דיל פון אויפנאַמע־צימער, אַזוי אַז מען וועט זיך קענען אָפּשפּיגלען אין אים. איך בין זיכער, אַז כ׳וועל נאָך אַמאָל צעברעכן דעם גניק אויף דעם דאָזיקן דיל און מיין איינציקע נחמה וועט זיין, זען מיין ...ריק פּנים אָפּגעשלאָגן אינם שפּיגל. נעמענדיק זיך פאַר אַ ...יישפּיל דעם ליבלעכן און אַנטציקנדיקן העלד, וואָס זיין בילד ...יז אויסגעקריצט אויפן שטעקן פון מיין פעטער וויקטאָר, וועל ...איך כיך מיט אַלע כוחות באַמיען צו ווייזן אַ שמייכלענדיק פּנים. ...יב אַ קוק, וואָס פאַראַ שיין וועטער עס איז אינדרויסן. די ...לוו...ן באָדן זיך אין אַ ים גאָלד און די סענע שמייכלט מיט ...ן אַ שיעור קליינטשיקע פונקלענדיקע קנייטשן. די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט אין אַ גאָלדענעם טומאַן; אַ העלער שטויב טראָגט זיך איבער אירע שיינע געביידעס און טורעמס... טערעסע, מיין קראַוואַט!... אַך! איצט פאַרשטיי איך שוין דעם גוטמוטיקן קריזאָל, וואָס האָט באַהאַלטן אַלע זיינע קעלנער אינם דיקן פלוטאַרך. באַקטוויהנדיק זיין ביישפּיל וועל איך פון היינט אָן באַהאַלטן אַלע מיינע קראַוואַטן צווישן די זייטן פון די „אַקטאַ סאַנקטאָרום.“

טערעסע לאָזט ...יך רעדן און זוכט שווייגנדיק מיין קראַ...

וואַס. מיטאַמאָל דערגרייכט צו מיינע אויערן אַ לייכטער קלונג ביי דער טיר.

— טערעסע, - רוף איך מיך אָן, — מען קלינגט ביי דער טיר. גיב מיר אַהער מיין קראַוואַט און גיי עפענען, אָדער גיי שנעלער עפענען און דעם קראַוואַט וועסטו מיר מיט גאָטס הילף שפּעטער געבן. כ׳בעט דיך אָבער, ריר דיך אַ ביסל שנעלער, וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם צווישן דער שאַנק און דער טיר?

טערעסע האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, די אויף דער באַגעגעניש פון אַ שונא. מיין אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע איז לעצטנס געוואָרן זייער אומגאַסטפריינטלעך. יעדער פרעמדער מאַן קומט איר פאָר פאַרדעכטיק. זי באַהויפּטעט, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון איר לאַנגיעריקער דערפאַרונג אין לעבן. איך האָב נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצושטעלן דערויף און פעסטשטעלן, צי די זעלבע דערפאַרונג רופט אַרויס ביי אַנדערע מענטשן אויך די זעלבע רעזולטאַטן. ה׳ מוש האָט געוואַרט אויף מיר אין מיין קאַבינעט.

ה׳ מוש איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי געל, ווי היינט. ער טראָגט בלויע ברילן, און זיינע שוואַרצאַפּלען לויפן אַרום אונטער זיי, ווי מיין אונטער אַ פּאַראַוואַן.

ה׳ מוש בעט מיך זייער איבער, וואָס ער שטערט מיר אין אַ מאָמענט... ער דערזאָגט נישט ווייטער, נאָר איך שטויס מיך אָן, אַז ער וויל דערמיט זאָגן — אינעם מאָמענט, ווען איך בין אָן אַ קראַוואַט. דאָס איז נישט מיין שולד, איר ווייסט עס אַליין. ה׳ מוש, וואָס ווייס נאַטירלעך נישט וועגן דעם, פילט זיך דערמיט לגמרי נישט באַליידיקט. ער דריקט נאָר אויס די מורא, צי ער שטערט מיר נישט. איך באַרויק אים מיט אַ האַלב מויל.

ער גיט מיר איבער, אַז אַלס אַפּוטרופּוס פון פריילין יאָהאַננע אַלעקסאַנדער איז ער געקומען, זיך מיט מיר וועגן איר צו באַראַטן. קודם כל בעט ער מיך, אַז איך זאָל פאַרגעסן אַלע זיינע פריערדיקע באַוואָרענישן און דערקלערט מיר, אַז פון היינט אָן אַזן ווייטער וועט דער אינטערנאַט פון כר לין פּרעפּער זיין

אָפּן פאַר מיר טאָג-טעגלעך צווישן צוועלף און פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג. מחמת דעם, וואָס ער ווייס, ווי גרויס עס איז מיין אינטערעס פאַר פריילין אַלעקסאַנדער, האַלט ער עס פאַר זיין פליכט צו אינפאָרמירן מיך בנוגע דער פּערזאָן, וועמען ער האָט אָנ־פאַרטרויט יאָהאַננען.

פריילין פּרעפער, וועלכע ער קען זייער אַ לאַנגע צייט, געניסט זיין פולשטענדיקן צוטרוי. זי איז, לויט זיין מיינונג, אַ געבילדעטע פרוי, אַ קלוגע און גוט דערצויגענע.

— פריילין פּרעפער, — זאָגט ער צו מיר — האַנדלט לויט פּרינ־ציפּן, און אין די היינטיקע צייטן איז דאָס דאָזיקע מין זייער אַ זעלטענע זאַך. איצט זענען געקומען נייע צייטן, אַלץ האָט זיך געענדערט, און די איצטיקע עפּאָכע קען גאָרנישט קומען אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגאַנגענער.

— דער בעסטער באַווייז זענען מיינע שטיגן, מיין הער, — האָב איך געענטפערט, — מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק בין איך געגאַנגען איבער זיי מיט אַן אויסערגעוויינלעכער לייכטקייט, און איצט פעלט מיר אויס אָטעם און די פיס טוען מיר ווי שוין ביי דער ערשטער טרעפּ. ווייזט אויס, אַז מיינע טרעפּ זענען קאַליע געוואָרן. עס זענען אויך פאַראַן ביכער און צייטונגען, וואָס כ'האָב אַמאָל געלייענט אָן דער מינדעסטער אָנשטרענגונג ביים שיין פון דער לבנה, און היינט ביים העלן ליכט פון דער זון, מאַכן זיי חוזק פון מיין נייגיריקייט, און טאָמער האָב איך נישט מיינע ברילן, ווייזן זיי מיר אָנשטאָט ווערטער ווייסע און שוואַרצע פלעקן. די פּאָדאַגרע צעברעכט מיינע ביינער. דאָס איז אויך איינע פון די צולהכעיסדיקייטן פון אונזער עפּאָכע.

— נישט בלויז דאָס, מיין הער, — האָט מיר ה' מוש גע־ענטפערט מיט אַן ערנסטער שטים — דאָס גרעסטע אומגליק פון אונזער עפּאָכע איז דאָס, וואָס קיינער איז נישט צופרידן מיט זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. אין אַלע קלאַסן, אָנהייבנדיק פון די העכסטע ביז צו די נידריקסטע, הערשט אַן אומצופרידנ־קייט, אַן איבערגעטריבענע אומרויִקייט, אַ חשק נאָך ווילטאָג.

— מייז גאָט, צי גלויבט איר באמת, אַז דער חשק נאָך

חילטאָג איז אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט פון אונזערע צייטן? די מענטשן האָבן אין קיין שום עפּאָכע נישט געהאַט קיין איבריקן חשק צו זיין אָרעם און אַלעמאָל האָבן זיי געשטרעבט צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. די דאָזיקע אומאויפהערלעכע באַמיונגען האָבן געשאַפן דעם באָדן פאַר אומאויפהערלעכע רעוואָלוציעס. דער דאָזיקער פּראָצעס דויערט ביזן היינטיקן טאָג!

— אָ! מיין הער, — האָט הער מוש מיר נעצנטפערט — מען זעט באַלד, אַז איר לעבט צווישן אייערע ביכער, ווייט פון דער וועלט און אירע דאגות! איר זעט נישט, ווי איך, די כסדרדיקע קאָנפליקטן, וואָס קומען פאָר צווישן מענטשן אויפן מאַטעריעלן באָדן, דעם אומברחמנותדיקן קאַמף פון די קאַפּיטאַלן. אַלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן זיך ווי משוגעים געוואָרפן אינם קעסלגרוב פון די וואַנזיניקסטע שפּעקולאַציעס. אָט דאָס דאָזיקע ברענגט מיך ארויס פון די כלים.

איך האָב מיך געפרעגט, צי ה׳ מוש איז נישט אַמאָל געקומען צו מיר, כדי אראָפּצורעדן פון האַרץ זיינע מיזאַנטראָפּישע געפילן, באַלד אָבער האָבן זיך פון זיין מויל אָנגעהויבן צו שיטן מער טרייסטנדיקע ווערטער. ה׳ מוש האָט מיר געשילדערט די פריילין פּרעפער, ווי אַ פּערזאָן, וואָס פאַרדינט דעם טיפסטן רעספּעקט און סימפּאַטיע, וואָס איז פעיק צו די ווייטגייענדסטע קרבנות, געבילדעט, דיסקרעט, צניעותדיק, וואָס קאָן לייענען מיט אַ הויכער שטים, און אויסגעצייכנט שטעלן באַנקעס. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיר פריער געשילדערט די אַלגעמיין הערשנדע קאָרופּציע און אַזעלכע פינסטערע קאָלירן, כדי די צניעות פון דער שול-פאַרוואַלטערן זאָל אַ דאַנק דעם בולטן קאָנטראַסט שטאַרקער און שענער ארויסלייכטן. איך בין געוווירגעוואָרן, אַז דער אינטערנאַט אויף דער רי דעמור ברענגט איין יערלעך גרויסע רווחים און האָט זייער אַ גוטע רעפּוטאַציע. כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע רייד, האָט ה׳ מוש אויסגעשטרעקט זיין האַנט איך אַ שוואַרצער וואָלענער הענטשקע. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— אַ דאַנק מיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג און פּראָפעסיע,

קאָן איך אַביסל די וועלט. אַ נאָטאר איז איך אַ געוויסער מאָס דער פאַרטרויונגס-מאַן פון אַ סך מענטשן. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב איבערצוגעבן אייך די דאָזיקע גינסטיקע אינפאָר-מאַציעס, בפרט ווען אַ גליקלעכער צופאַל האָט אייך געשטעלט אויפן וועג פון פריילין פרעפער. כ'וויל נאָר צוגעבן אָט וואָס: די דערמאָנטע פערזאָן, וועלכע האָט נישט די מינדעסטע אַנונג וועגן מיין היינטיקן באַזוך ביי אייך, האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אייך מיטן גרעסטן רעספּעקט און סימפּאַטיע. איך וואָלט אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק, ווען איך וואָלט איבערגעחזרט פאַר אייך אירע רייד, איבריקנס איך וואָלט דאָס אויך נישט געקענט טון, ווייל איך וויל נישט מיסברויכן מיט'ן צוטרוי פון פריילין פרעפער.

— מיסברויכט נישט מיט אים, מיין הער — האָב איך געזאָגט — כ'בעט אייך, מיסברויכט נישט מיט איר צוטרוי. דעם אמת זאָגנ-דיק, האָב איך מיר גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז פריילין פרעפער זאָל האָבן וועגן מיר אַזאַ גוטע מיינונג. אויב איר זענט טאַקע מיט איר אין אַזעלכע גוטע באַציונגען און האָט אויף איר אַ געוויסע השפעה, וועל איך אויסנוצן אייער גינציקייט לגבי מיר און בעטן, איר זאָלט אנווענדן אַלע מיטלען, אַז זי זאָל זיך בעסער באַ-ציען צו פריילין יאָהאַננע אַלעקסאַנדר. דאָס דאָזיקע קינד, און איר וועט דאָך מן הסתם מודה זיין, אַז זי איז נאָך אַ קינד, איז פשוט פאַרוואָרפן מיט ארבעט. זי איז גלייכצייטיק שילערין און לערערין, און דאָס מאַטערט זייער שטאַרק אויס. אַחוץ דעם האָב איך מורא, אַז מען גיט איר דאָרט צו שטאַרק צו פילן איר אָרעמקייט; זי איז פון דער נאַטור זייער אַן עמפּפינד-לעכע און יעדע דערנידריקונג קאָן זי שטויסן אין די אָרעמס פון בונט.

— וואָס זאָל מען אָבער טון! — האָט ה' מוש געענטפערט, — מען דאַרף זי צוגרייטן צום לעבן. מען לעבט נישט אויף דער וועלט בלויז צוליב פאַרגעניגנס, ווי אויך נישט, כדי צו טון, וואָס עס גלוסט זיך.

— מען לעבט אויף דער וועלט, — האָב איך לעבהאַפט פראָ-

טעסטירט, — כדי אַנצוזעטיקן זיך מיט דער שיינקייט און גוטסקייט און צו טון דאָס, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. נאַטירלעך אויב אונזערע באַגערן זענען איידעלע און קלוגע. די דערציונג, וועלכע אַנטוויקלט נישט ביים קינד דעם ווילן, פאַרקריפּלט נאָר זיין נשמה. דער לערער דאַרף לערנען די קינדער ווילן.

ס'דאַכט זיך מיר, אַז ה' מוש האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ רחמנות-בליק. ער האָט מיר געענטפערט רויק און מיט פולשטענדיקער זיכערקייט אין זיך:

— איר מוזט אָבער נעמען אין אַכט, מיין הער, אַז די דערציונג פון אָרעמע קינדער איז אָפּהענגיק פון זייער מאַטעריעלער לאַגע אין דער געזעלשאַפט. איר ווייסט אפשר נישט, אַז נאָעל אַלעקסאַנדר איז געשטאָרבן אַ פולשטענדיק רוינירטער, און אַז זיין טאָכטער ווערט דערצויגן און געבילדעט כמעט אויס רחמנות.

— אָ, מיין הער! האָב איך אויסגערופן, — לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם.

— די פּאָסיוון פון דער ירושה — האָט ה' מוש ווייטער גערעדט, — האָבן איבערגעשטיגן די אַקטיוון. איך בין אָבער דורכגעקומען מיט די בעלי-חובות לטובת דער מינדעריעריקער.

ער האָט בדעה געהאַט מיך געבוי וועגן דעם צו אינפאָרמירן, איך האָב מיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אים אויסצוהערן. וואָרים איך אָריענטיר מיך זייער ווייניק אין געלט-ענינים בכלל, און אין די ענינים פון ה' מוש בפרט. דער נאָטאַר האָט אָלץ נישט אויפגעהערט צו פאַרענטפערן דעם דערציונגס-סיסטעם פון פרייליין פרעפער און פאַרענדיקט אין דער פאָרם פון אַ שפּריכוואָרט:

— די בילדונג איז נישט קיין שפּיל

— נור שפּילנדיק זיך קאָן מען זיך עפּעס אויסלערנען, — האָב איך געענטפערט. די קונסט פון לערנען איז די קונסט אויפצוּוועקן אין די יונגע קינדער-נשמות געוויסע נייגונגען, וועלכע מען קאָן שפּעטער באַפרידיקן, און נאָר גליקלעכע מענטשן פאַרמאָגן געזונטע און איידעלע ניגונגען. די ידיעות, וועלכע

מען שטופּט אריין אין קינדס קאָפּ אריין, פאַרפינסטערן נאָר זיין מוח. כדי ווי געהעריק צו פאַרדייען די קענטעניש, דאַרף מען זיי שלינגען מיט אַפּעטיט. איך קאָן יאָהאַננען זייער גוט. אויב מען וואלט מיר אָנפאַרטרויט דאָס דאָזיקע קינד, יואָלט איך געמאַכט פון איר נישט קיין געלערנטע און אָנגעפּיקטע מיט וויסן — ווייל איך ווונש איר אַלדאָס גוטס — נאָר אַ מענטש, וואָס שפרודלט מיט אינטעליגענץ און לעבן, וואָס האָט אַ טיפע פאַרשטענדניש פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור און קונסט. איך וואָלט זי צוגעהוינט זיך איינצולעבן מיט שיינע פּייזאַשן, זי באַקאַנט געמאַכט מיט די שענסטע שטעלן פון דער דיכטונג און געשיכטע, און געלערנט צו פאַרשטיין די טיפקייט פון דער מוזיק. איך וואָלט איר געשאָנקען אַ הינט, און אַ פערדל, כדי זי זאָל זיך אויסלערנען, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט לעבעדיקע באַשעפענישן. איך וואָלט איר געהייסן געבן צו עסן קליינע פייגעלעך, כדי זי זאָל זיך אויסלערנען ווי אַזוי צו שעצן דעם ווערט פון אַ טראָפּן וואסער און פון אַ שטיקל ברויט. איך וואָלט איר אויסגעלערנט צו זיין באַרעמהאַרציק, ווייל איך וואָלט איר געוואָלט שאַפן אין לעבן נאָך איין פרייד מער. און מחמת דעם, וואָס יסורים זענען אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך אויף דער וועלט, מחמת דעם, וואָס אין לעבן גייט מען אַדורך פאַרשידענע צרות, וואָלט איך זי געלערנט די אַלטע קריסטלעכע חכמה, וואָס דערלויבט אונז צו דערהייבן זיך איבער אַלע נויטן פון דער וועלט און וועלכע באַשיינט אַפילו אונזערע ליידן. אָט ווי אַזוי איך שטעל מיר פאָר די דערציונג פון אַ יונג מיידל!

— איך בייג אַראָפּ מיין קאָפּ, — האָט געענטפערט ה׳ מוש, איינלייגנדיק זיינע ביידע שווארצע, וואָלענע הענטשקעס

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— איר פאַרשטייט דאָך מן הסתם, — האָב איך געזאָגט צו אים, צופירנדיק אים צו דער טיר, — אַז כ'האָב נישט בדעה אָנצווואַרפן דער פריילין פּרעפער מיין דערציונגס-סיסטעם, וועלכער געפינט זיך אין אַ פולשטענדיקער סתירה צו דער אָרגאַניזאַציע פון די בעכטע אינטערנאַטן. איך וויל אייך בלויז בעטן, איר

וואָלט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳וואָלט פיל גלייכער געווען, ווען זי וואָלט יאָהאַננען נישט אויסגעמאַטערט מיט אַזוי פיל אַרבעט און איר איבערגעלאָזט אַביסל מער פיזישע און גייסטיקע פרייהייט, נאַטירלעך, אין די גרענעצן פון שול־רעגולאַמין.

מיט אַ בלאַסן און געהיימנישפולן שמייכל האָט ה׳ מוש מיך פאַרזיכערט, אַז מיינע באַמערקונגען וועלן גענומען ווערן אין אַכט און בלי ספק וועלן זיי באַריקזיכטיקט ווערן.

ער האָט זיך לייכט פאַרבויגן פאַר מיר און איז אַרויסגעגאַנגען. איך מוז מודה זיין, אַז זיין וויזיט האָט מיך אַ ביסל צעמישט. איך האָב אין משך פון מיין גאַנץ לעבן געהאַט צו טון מיט די פאַרשידנסטע מענטשן, אָבער קיינמאָל איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען אַזעלכע טיפּן, ווי דער נאָטאַר אוז די דאָזיקע לערעריז.

אַ דאַנק דעם וויזיט פון ה׳ מוש האָב איך שוין נישט באַוויזן זיך צו זען דעם זעלבן טאָג מיט יאהאַננען. אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע פליכטן האָבן מיר אויסגעפילט די איבריקע טעג פון דער וואָך.

הגם איך בין שוין אין די יאָרן, ווען ס׳איז די העכסטע צייט איבערצוגיין אין דער עמעריטור, בינדן מיך פונדעסטוועגן טויזנטער פעדים מיט דער אויסערלעכער וועלט, אין וועלכער איך האָב ביז איצט געלעבט. איך בין פאָרזיצנדער פון אַקאַדעמיעס, קאָנגרעסן און געזעלשאַפטן. איך בין פאַרוואָרפן מיט אָן א שיעור פונקציעס; בלויז אין אין מיניסטעריום האָבן איך אַזש זיבן פונקציעס. די פאַרשידענע אַמטן וואָלט מיך גערן געוואָלט פטור ווערן, און איך דערסגלייכן — זיי. אָבער די געוואוינהייט איז פיל שטאַרקער פון מיר און פון זיי, און איך מוז ווייטער אַרבעטן אינם מלוכהשן אַפּאַראַט. אַז מ׳איז זייער אַלט, איז אויסערגעוויינלעך שווער אַזוי שנעל פאַרשווונדן צו ווערן.

מיין פאָטערס וויינונג פלעגט אָפט באַזוכן אַן אַלטע מאַרקיזע — אין אירע יונגע יאָרן איז זי געווען העלוועציוסנס געליבטע. — אַנומעלט בעת זי איז געלעגן קראַנק צו בעט, איז געקומען צו איר איר גלח און געוואָלט מיט איר זאָגן ווידוי.

— צי איז עס טאַקע נויטיק? — האָט זי אים געפרעגט. — משמעות, איך קאָן מיט איין מאָל פטור ווערן פון אַלע מיינע זינד!

מיין פאָטער האָט זי אין אַ צייט אַרום מבקר חולה גע־ווען; איר לאַגע איז שוין דעמאָלט געווען אַ האָפנונגסלאָזע.

— אַ גוטן אָוונט, אייך, מיין פריינט, — האָט זי געזאָגט צו אים, דריקנדיק זיין האַנט, — איך גיי זיך איבערצייגן, צי גאָט האָט פארדינט, אַז מען זאָל זיך מיט אים באַקענען.

אָט, ווי אזוי עס זענען אַמאָל געשטאָרבן די שיינע גע־ליבטע פון פילאָזאָפן. דער דאָזיקער אופן פון פאַרענדיקן דאָס לעבן האָט לויט מיין מיינונג, גאָרנישט צו טון מיט וואלגארער אימפערטינענץ, און בלי ספק וואָלט די לייכטזיניקייט פון אַזאַ מין, נישט געבוירן געוואָרן אין קאָפּ פון אַ שוטה. מיך אָבער שאָקירט עס. נישט איך האָב מורא, נישט איך האָף אויף אַזאַ אָפּשייד פון דער וועלט.

איך האָב געטראָפן יאָהאַננען אַ שטראַלנדיקע פאַר פרייד. זי האָט מיר פאַרציילט, אַז דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק, נאָך דעם באַזוך פון איר אפּוטרופּוס, האָט פריילין פּרעפער זי באַ־פרייט פון פאַרשידענע ארבעטן.

זינט יענעם גליקלעכן דאָנערשטיק שפּאַצירט זי פראַנק און פריי אַרום איבערן גאָרטן, װען עס פעלן נאָר אויס בלומען און בלעטער. זי האָט אפילו איצט צייט צו מאָדעלירן ווייטער איר אומגליקלעכן קליינעם הייליקן זשאָרזש.

זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַ שמייכל:

— איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס אַלץ האָב איך נאָר אייך צו פאַרדאַנקען.

איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, כ'האָב אָבער באַמערקט, אַז זי הערט מיך נישט אויס מיט אַזאַ אויפ־מערקזאַמקייט, ווי זי וואָלט געוואָלט.

— איך זע, אַז עפּעס אַ געדאַנק לאָזט דיך נישט צורו, — האָב איך צו איר געזאָגט. — דערצייל מיר, וועגן וואָס עס גייט דיר.

זי האָט מיר געענטפערט:

— אָ! איך הער אייך אויס זייער אויפמערקזאַם, מיין הער. עס איז אויך אמת, אַז איך טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. איר

וועט מיר אַנטשולדיקן, אמת? איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז פרײַלין פּרעפער מוז אײַך זייער שטאַרק ליב האָבן, אויב זי איז מיטאַמאָל אַזוי גוט געוואָרן צו מיר.

און זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ בליק, וואָס האָט אי געשמייכלט און אי געווען צעמישט. איר האַלטונג האָט מיר אַרײַנגעבראַכט אין אַ פרײַלעכע שטימונג.

— דאָס וווּנדערט דיך אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— זייער שטאַרק, — האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס? זאָג מיר, כ'בעט דיך.

— ווײַל איך זע נישט די מינדעסטע סבה, פאַרוואָס איר זאָלט קענען געפעלן ווערן דער פרײַלין פּרעפער.

— דו האַלטסט אַלזאָ, יאָהאַננע, אַז איך קאָן נישט געפעלן ווערן?

— אָ! ניין, אָבער באמת, איך זע נישט דעם מינדעסטן גרונט, אַז איר זאָלט קענען געפעלן ווערן דער פרײַלין פּרעפער. און פונדעסטוועגן האָט איר שטאַרק נושא חן געווען אין אירע אויגן, זי האָט מיך גערופן צו זיך, און מיך בפרטות אויסגעפרעגט וועגן אײַך.

— באמת?

— אמת, אמת. זי האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אײַער פּריוואַט-לעבן, וועגן אײַער וווינונג, זי האָט מיך אפילו געפרעגט, וויפל יאָר עס איז אַלט אײַער ווירטין!

— גרויסאַרטיק! — האָב איך געזאָגט, — נו, וואָס טראַכטסטו וועגן דעם, יאָהאַננע?

יאָהאַננע האָט זיך אַ לאַנגע צײַט אײַנגעקוקט אין דעם אָפּגעריבענעם טוך פון אירע שיכלעך און האָט זיך ווײַזט אויס לאַנג איבערגעלייגט. ענדלעך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— כ'האָב מורא דערפאַר! דאָס איז מסתמא אײַנגאַנצן נאַטירלעך, נישט אמת, אַז דאָס וואָס מיר פאַרשטייען נישט, באַאומרויקט אונז? איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין אַ צעטראָגענע,

איך האָף אָבער, אַז איר וועט זיך איבער׳עם נישט בייזערן אויף מיר.

— ניין, באמת ניין, יאָהאַננע, איך האָב דיר גאָרנישט װאָס פאַרצוואַרפן.

כ׳מוז מיך מודה זיין, אַז דאָב אַלץ האָט מיך שטאַרק גע־רידט און איבערראַשט, און אין מיין אַלטן שאַרבן האָבן כסדר געקלונגען די רייד פון יאָהאַננע: אונז באַאומרויקט דאָס, וואס מיר קענען נישט באַגרייפן.

יאָהאַננע האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן ווייטער צו רעדן, שמייכלענדיק מיט איר זיסן שמייכל:

— זי האָט מיך אויך געפרעגט... נו, טרעפט!... זי האָט מיך געפרעגט, צי איר האָט ליב געשמאַקע מאכלים?

— און ווי אַזוי האָסטו דיך פאַרהאַלטן לגבי אַזאַ מבול מיט פראַגן?

איך האָב איר געענטפערט: „כ׳ווייס נישט, מאַדאַם".

דערויף האָט פריילין פרעפער געזאָגט:

— דו ביסט אַ נאַרישע ציג. מען דאַרף קענען די מינ־דעסטע פרטים אינם לעבן פון אַ מערקווירדיקן און גרויסן מאַן. וויסן זיי, אַז הער כילוועסטר באָנאַר איז איינער פון די באַ־דייטנדסטע מענער אין פראַנקרייך.

— צום טייוול! — האָב איך אויסגערופן. — און ווי איז דיין מיינונג וועגן דעם, יאָהאַננע?

— איך מיין, אַז פריילין פרעפער איז גערעכט. נאָר... איך האָב געוואָלט ליב באַקומען אַלע, וואָס האָבן אייך ליב, אַלע אָן אויסנאַם, און איצט קאָן איך דאָס שוין נישט, וואָרים איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט זיין אימשטאַנד ליב צו באַקומען ד פריילין פרעפער.

— הער מיך אויס, יאָהאַננע, — האָב איך ערנסט געענטפערט — פריילין פרעפער איז געוואָרן גוט צו דיר, דאַרפסטו זי אויך ליב צו באַקומען.

זי האָט געענטפערט טרוקן:

— פריילין פרעפער קומט אָן זייער לייכט מיך ליב צו

האָבן. מיר אָבער וואָלט עס זייער שווער אָנגעקומען.

איך האָב איר אָנגעהויבן איינצורעדן מיט אַ נאָך מער ערנסטערן טאָן:

— מיין טייערע, די אויטאָריטעט פון לערער איז הייליק. דיין שול־פּאַרוואַלטערין פּאַרטרעט דיר דיין מאַמע עליה־השלום.

קוים האָב איך אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע פייערלעכע נאַרישקייט, ווי כ'האָב זי באַלד שרעקלעך באַדויערט. דאָס מיידל איז געוואָרן טויט־בלאַס, און אירע אויגן האָבן זיך איבערגעפולט מיט טרערן.

— אָ! מיין הער: — האָט זי אויסגערופן, — ווי אַזוי האָט איר געקאָנט דאָס זאָגן, איר?

יאָ, ווי אַזוי האָבן מיר געקענט אַרויס פון מויל אַזעלכע נאַרישע, אומגעלומפּערטע רייד?

זי האָט איבערגעחזרט:

— מאַמע! מיין טייערע מאַמע! מיין אָרעמע מאַמע!

נאָך אַ דאַנק אַ צופאַל האָב איך שפּעטער נישט געהאַנדלט, ווי אַ טיפּש. כ'ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז געשען, אַ פאַקט איז אָבער, אַז כ'האָב אויסגעזעצן, ווי כ'וואָלט געוויינט. אין מיינע יאָרן וויינט מען נישט מער. ווייזט אויס, אַז אַן אומגעריכטער הוסט האָט מיר אַרויסגעקוועטשט טרערן פון די אויגן. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס יאָהאַנגע האָט געקענט אַ טעות האָבן אין מיך אָנגענומען פאַר אַ וויינענדיקן. אָ! מיט וואָס פאַראַ לויטערן און וווּנדערבאַרן שמייכל עס האָבן זיך צעשמייכלט אירע אויגן, וואָס האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער די פייכטע וויעס, ווי די זון, וואָס באַווייזט זיך ווידער נאָך אַ זומער־רעגנדל. מיר האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און אַ לאַנגע צייט געשוויגן. מיר זענען געווען גליקלעך.

— מיין טייער קינד, — האָב איך זיך ענדלעך אָנגערופן, — איך בין שוין זייער אַלט און אַסך געהיימנישן פון לעבן, וועלכע דו הייבסט איצט אָן צו פאַרשטיין, זענען מיר פון לאַנג שוין אַנטפּלעקט געוואָרן. גלויב מיר: די צוקונפט שאַפט זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַלע דיינע באַמיונגען צו לעבן דאָ אָן שנאה און

ביטערניש, וועלן דיר פארעכנט ווערן אין דער צוקונפט, און די וועסט אָפּלעבן דיינע יאָרן אין רויקייט און פרידן. זיי אַ גוטע און לייד אין דער שטיל. אַז מען גייט דורך אַסך אין לעבן, פארשאַפן דערנאָך די ליידן נישט אזוי פיל ווייטאָק. אויב דו וועסט אַמאָל באמת האָבן אַ גרונד זיך צו באַקלאָגן, וועל איך אַהער־קומען און אויסהערן דיך. ווער עס וועט וואגן דיך אָנצורירן, וועט גלייכצייטיק באליידיקן מאַדאַם דע גאַבּרי און מיך.

— ווי פילט איר אייך? זענט איר גאָט צו דאַנקען געזונט?

אויפן שוועל פון דער טיר האט זיך באוויזן פריילין פרעפער, אַ שמייכלענדיקע און שטראַלנדיקע. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען צו שיקן זי צו אַלדי רוחות. דערנאָך האָב איך פעסט־געשטעלט, אַז אירע ליפּן פאַסן זיך אזוי צו שמייכלען, ווי אַ פינפט ראָד צו אַ וואָגן; צום סוף בין איך געקומען צו דער אי־בערצייגונג, אַז מען דארף אויך זיין העפלעך לגבי איר און פרעגן זיך אויף איר געזונט.

זי האט אוועקגעשיקט יאָהאַננען אין גאָרטן אריין, דערנאָך, האַלטנדיק איין האַנט אין דער פעלערינע און אויסציענדיק די צווייטע צו דער ערן־טאָוול, האָט זי מיר געוויזן דעם נאָמען פון יאָהאַננע אַלעקסאַנדר, וואס איז געווען אין סאַמע אָנהייב.

— כ'שטעל פעסט מיט אמתער פרייד, — האָב איך געזאָגט,— אַז איר זענט צופרידן פון יאָהאַננעס אויפפירונג. דאָס פרייט מיך אין לשער. כ'גלויב, אַז נאָר אייער גינציקייט דאַרף איך פאַרדאַנקען די דאָזיקע גליקלעכע ענדערונג. איך האָב מיר דער־לויבט איבערצושיקן אייך אייניקע ביכער, וואָס דאַרפן לויט מיין מיינונג, זיין זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר יונגע מייד־לעך. איבערליינענדיק זיי, וועט איר אַליין, געערטע פרוי, אַרויס־געבן אַן אורטייל, צי מען קאָן זיי געבן צו לייענען יאָהאַננען און אירע חברטעס.

פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג האָט פריילין פרעפער קוים געקענט אַ וואָרט אויסרעדן. אזוי שטאַרק איז זי געווען גערירט. ענדלעך האָט זי אויסגעבראַכן מיט אַ שטראָם רייד.

ס׳איז היינט אַ שיין וועטער אין דרויסן, — האָב איך איבערגעהאַקט אירע רייד.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — און אויב די שיינע וועטערס וועלן לענגער אנהאַלטן, וועלן מיינע טייערע שילערינס זייער גוט פאַרברענגען די פעריען.

— איר מיינט אוודאי די זומער-פעריען, פריילין יאָהאַננע אַלעקסאַנדער האָט אָבער נישט קיין עלטערן. צו וועמען וועט זי אַרויספאָרן אויף זומער? וואָס וועט זי טון איינע אַליין אין דער דאָזיקער ריזיקער און פוסטער געביידע?

— כ׳וועל טון אַלץ, וואָס ס׳וועט נאָר מעגלעך זיין, כּדי זי זאָל זיך דאָ נישט פילן שלעכט. כ׳וועל צוזאַמען מיט איר באַזוכן מוזייען און...

זי האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט, דערנאָך האָט זי צוגעגעבן, פאַרטרויטלענדיק זיך:

...און אייך, נאַטירלעך, אויב איר וועט גאָרנישט האָבן דערקעגן.

— נאַטירלעך, — האָב איך אויסגערופן — דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער איינפאַל.

מיר האָבן זיך צעשיידט זייער האַרציק, כּמעט ווי גוטע פריינט. איך בין געווען צופרידן, ווײַל כ׳האָב אויסגעפירט אַלץ, וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט; זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט ענדלעך געפונען חן אין מיינע אויגן (אַזוי האָט זיך איר לכל הפחות אויסגעוויזן).

פונדעסטוועגן, אַריינפירנדיק די דאָזיקע פּערזאָן צו זיך אין וווינונג אַריין, האָב איך עפּעס אַ שלעכט פאַרגעפיל. כ׳וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז יאָהאַננע זאָל זיך געפונען אין אַנדערע און בעסערע הענט. הער מוש און פריילין פרעפער — דאָס זענען מענטשן, וועלכע איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין. כ׳ווייס קיינמאָל נישט, צו וואָס זיי רעדן דאָס, וואָס זיי רעדן, און אויך נישט, צו וואָס זיי טוען דאָס, וואָס זיי טוען. עס איז פאַראַן אין זיי עפּעס אַ בעהיימנישפולע טיפעניש, וואָס מאַכט מיך אומרויק. ווי יאָהאַננע

האָט זיין פריער געהאַט אויסגעדריקט: און באַאומרויקט דאָס, וואָס איז פאַר אונז אומפאַרשטענדלעך.

ליידער! אין מיינע יאָרן ווייס מען צו גוט, ווי ווייניק דאָס לעבן איז אומשולדיק; מען ווייס ליידער צו גוט, וואָס מען פאַרלירט לעבנדיק אויף דער וועלט, אוי מען האָט דעריבער צוגעגרייט גאָר צו דער יוגנט.

איך האָב געוואָרט אויף זיי. באמת, איך האָב זיי אָפּגעוואָרט מיט אומגעדולד און האַרצקלאַפעניש. איך האָב אויסגעאיבט מיין גאַנצן איינפלוס אויף טערעסען, אַז זי זאָל זיי גוט אויפנעמען. ענדלעך זענען זיי געקומען. יאָהאַננע איז געווען אויסגעפוצט פון אויבן ביז אַראָפּ. אמת איז, אַז זי איז נישט די זעלבע, וואָס איר באַבע. אָבער היינט האָב איך צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז זי האָט אַ סימפּאַטיש געזיכט, א זאך, וואָס קומט יעדער יונגער פרוי אויף דער וועלט שטאַרק צונוץ. זי האָט אַ שמייכל געטון און פונם דאָזיקן שמייכל איז מיין גאַנצע ביכער=מדינה ווי אויפגעלעבט געוואָרן.

איך האָב נאָכגעפאָלגט טערעסעס יעדע באַוועגונג; כ'האָב מיך געוואָלט איבערצייגן, צי דער האַרטער כאַראַקטער פון מיין אַלטער באַלעבאָסטע וועט ווייכער ווערן ביים אָנבליק פון דער יונגער פריילין. איך האָב געזעען, ווי זי האָט אנגעשטעלט אויף יאָהאַננען אירע קיילעכדיקע פאַרגעפּלטע אויגן, איר לענגלעכן פאַרדאַרט פנים, איר געגרונצלט מויל און די שפּיציקע גאָמבע. דאָס איז געווען אַלעס.

פריילין פרעפער, אָנגעטון אין אַ גראַנאַט קלייד, האָט געשטעלט עטלעכע טריט פאָרויס און דערנאָך זיך צוריקגעצויגן; זי האָט אונטערגעשפּרונגען, אַרויסגעלאָזט אויסרופן, אָפּגעזיפצט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווידער אויפגעהויבן זיי צום סופית, און זיס געשמייכלט צו מיר; דאָ האָט זי פאַרלוירן דעם קוראַזש,

און אין אַ ווײַלע שפּעטער ווידער געוואָרן דרײַסט. זי האָט זיך נידריק פאַרבויגן אַזש ביז צו דרערד, מיט איין וואָרט, זי האָט מיך באַגריסט.

— אָ, וויפיל ביכער עס איז בײַ אײַך פאַראַן! — האָט זי אויסגערופן. — און איר האָט זיי אַלע דורכגעלייענט, הער באָנאַר?

— לײַדער, יאָ! — האָב איך געענטפערט, — און טאַקע דערפאַר הייב איך גאָרנישט אָן צו וויסן, וואָרים ס'איז נישט פאַראַן קיין איין בוך, וואָס זאָל נישט סותר זײַן דאָס צווייטע. און ווען מען לייענט דורך אַלע ווייס מען ערשט נישט, וואָס צו טראַכטן וועגן דעם. אָט צו וואָס איך האָב דערגרייכט, מאַדאַם.

פרײַלין פּרעפער האָט צוגערופן יאָהאַננען, כדי איר איבערצוגעבן אירע אײַנדריקן. יאָהאַננע האָט אָבער אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער:

— ווי שיין דאָ איז! — האָט זי זיך געווענדעט צו אונז. — כ'האָב ליב צו זען, ווי דער טײַך פליסט און פליסט אָן אויפהער. דאָס וועקט אויף אין מיר אַזוי פיל מאָדנע, אויסטערלישע געדאַנקען.

פרײַלין פּרעפער האָט אויסגעטון איר הוט, פון אונטער וועלכן עס האָט זיך באַוויזן איר שטערן און אַ פּאַסמע בלאָדע האָר; מײַן באַלעבאָסטע האָט האַסטיק און אָן צערעמאָניעס אַ נעם געטון דעם הוט, דערקלערנדיק, אַז זי האָט נישט ליב, ווען פאַרשידענע חפצים וואַלגערן זיך אַרום איבערן מעבל. דערנאָך האָט זי זיך דערנענטערט צו יאָהאַננען און געבעטן בײַ איר אירע „שמאַטקעס”, אָנרופנדיק זי מיידעלע. דאָס קליינע מיידעלע האָט איר דערלאַנגט איר מאַנטל און הוט, אַנטבלויזנדיק דערבײַ אַ גראַציעזן האַלז און אַ קיילעכדיקע טאַליע, וואָס אירע ליניעס האָבן געשאַפן אַ פײַן בילד אויפן פאָן פון פענצטער. און איך האָב באַדויערט, וואָס אין דער רגע זעט זי קיינער נישט, אַ חוץ אַן אַלטער הויזדינערין, אַ פּאַנסיאָן-פאַרוואַלטערין, וואָס דערמאַנט אַ שעפּס מיט איר פּריזור און אַן אַלטן גוטמוטיקן אַרכיוויסט-פּאַלעאָגראַף.

— דו באטראַכטסט די סענע, — האָב איך זיך געווענ־דעט צו יאָהאַננע; — זע, ווי זי מיניעט זיך אין דער זון.

— יאָ, — האָט זי געענ־פערט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנ־בויגן אויף דער פענצטער־בלעך, — דער טייך זעט איצט אויס, ווי פליסנדיק פייער. גיט אָבער אַ קוק אונטן; ווי פריש און טונקל עס זעט אויס דער טייך אונטערן שאָטן פון די ווערבעס. וועלכע ער שלאָגט אָפּ אין זיינע וואַסערן. יענער קליינער ווינקל געפעלט מיר מער פאַר אַלץ.

— אַזוי גאָר! האָב איך געענטפערט. איך זע, אַז דער טייך ציט דיך צו. וואָס וואָלסטו געזאָגט ערויף, ווען מיר וואָלטן אַזוי מיט דער דערלויבניש פון פריילין פּרעפּער, געמאַכט אַ שפּאַציר מיטן דאַמפּפער קיין סען־קלו.

מיין איינפאַל איז שטאַרק געפאַלן געוואָרן יאָהאַננען, און פריילין פּרעפּער איז געווען אַנטשלאָסן איינצוגיין אויף אַלע קרבנות. אָבער מיין באַלעבאָסטע האָט אונז נישט געוואָלט אַזוי שנעל אַפּלאָזן. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין עסצימער וווהין איך בין איר נאָכגעגאַנגען, ציטערנדיק אויפן גאַנצן קער־פּער.

— מיין הער, — האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר, בעת מיר זענען פאַרבליבן אליין, — איר געדענקט קיינמאָל נישט וועגן קיין שום זאַך, און איך מוז טראַכטן וועגן אַלעם. אַ גליק, וואָס איך האָב אַ גוטן זכרון.

איך האָב נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו שפּאַרן זיך מיט איר אין דער היגזיכט, און זי האָט ווייטער גערעדט:

— אַזוי גאָר! איר האָט געוואָלט אַרויסגיין, נישט אָנזאָגנדיק מיר צומאָל. וואָס די קליינע פריילין האָט ליב אויף מיטאָג?... מיט אייך איז באמת שווער אויסצוקומען, מיין הער, איר ווייסט אָבער לכל־הפּחות, וואָס עס איז גוט. נישט אַזוי, ווי די יוגנט, זיי, די יונגע, האָבן נישט די מינדעסטע ידיעה אין ענינים פון דער קיך. דאָס בייִסטע מאַכל שמעקט זיי נישט לגמרי, פאַרקערט, דאָס ערגסטע מאכל געפינט גאָר חן אין זייערע אויגן, עס איז דעריבער זייער שווער אויסצוקומען מיט

יי. זאָגט מיר, צי די קליינע פריילין האָט ליב געבראָטענע טייבעלעך מיט אַרבעס ?

— מיין טייערע טערעסע, — האָב איך איר געענטפערט, — טו, ווי דו פאַרשטייסט, אַזוי וועט זיין דאָס בעסטע. די דאַמען וועלן זיך באַגנוגן אפילו מיט אונזערע טאָגטעגלעכע באַשיידענע מאכלים.

טערעסע האָט דערויף טרוקן געענטפערט :

— מיין הער, איך רעד צו אייך נאָר וועגן דער קליינער פריילין. מיר קאָנען נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל זייענדיק ביי אונז, נישט האָבן געגעסן צו דער זעט. וואָס שייך ווידער דער אַלטער מיט דער אויסטערלישער פריזור, קאָן זי אפילו זויגן אירע אייגענע פינגער, אויב מיין מיטאָג וועט איר נישט שמעקן. זי גייט מיך זייער ווייניק אָן...

א פולשטענדיק באַרויקטער, האָב איך מיך אומגעקערט צוריק אין קאַבינעט אַריין, וווּ פריילין פרעפער האָט זיך געמיטלעך געאַרבעט מיט דער אַל,‏ אַזוי ווי זי וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים. איך אליין האָב אַ ווייליע געהאַט אַזאַ איינדרוק. מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז זיצנדיק אין אַ ווינקל ביים פענסטער, האָט זי פאַרנומען זייער ווייניק אָרט. זי האָט אָבער אַזוי קונציק אויסגעקליבן דעם שטול און דאָס פוסבענקעלע, ווי דאָס דאָזיקע מעבל וואָלט נאָר פאַר איר געווען געמאַכט.

יאָהאַננע ווידער האָט באַגלייט די ביכער און בילדער מיט אַ לאַנגן בליק, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט.

— שטער דיר נישט, — האָב איך מיך צו איר געווענדעט, — בלעטער דורך דאָס דאָזיקע בוך, וואָס וועט דיך בלי ספק פאַראינטערעסירן, ס'האָט אַ סך שיינע אילוסטראַציעס.

איך האָב איר דערלאַנגט אַ בוך, וואָס האָט אנטהאַלטן אַ קאָסטיומען־זאַמלונג פון וועטשעליאָ, — נישט די באַנאַלע קאָפּיע, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך מאָדערנע אַרטיסטן, נאָר אַ פּראַכטפול, אַלטן עקזעמפּלאַר, וואָס איז אַזוי איידל,

ווי אידל עס זענען די דאַמען, וואָס זענען פאַרגעשטעלט אויף זיינע פארגעלטע בלעטער.

בלעטערנדיק אזוי די אילוסטראַציעס מיט אַ נאַיווער נײַגיריקייט, האָט יאַהאַננע זיך געווענדעט צו מיר:

— מיר האבן געשמועסט וועגן אַ שפּאַציר, איר שיקט מיך אָבער אַרויס אויף אַ ווייטע רייזע, אויף אַ ווייטע נסיעה.

— אמת, פריילין יאַהאַננע, — האב איך איר געענטפערט, — צו אַזאַ רייזע מוז מען זיך גוט צוגרייטן. דו זיצסט אויפן עק פון שטול, וואָס שאָקלט זיך אויף איין פוס, און וועטשעליאַ לייגט זיך שווער אויף דיינע קני· זעץ דיך בעסער אַנידער, שטעל גלייך אַוועק דעם שטול און דאָס בוך לייג אַרויף אויפן טיש.

זי האָט מיך געפאָלגט און געווענדעט זיך צו מיר מיט אַ שמייכל:

— גיט אַ קוק, מיין הער, אויף דעם דאָזיקן שיינעם קאָסטיום· (דאָס איז געווען אַ קאָסטיום פון אַ דאָגאַרעסע *) וויפיל איידלקייט עס איז אין אים פאַראַן, און וואָס פאַרא שיינע געדאַנקען עס קומען אין קאָפּ אַריין, בעת מען באַטראַכט אים! דער לוקסוס איז אָבער פאָרט אַ שיינע זאַך!

— דו דאַרפסט נישט אַרויסזאָגן אַזעלכע געדאַנקען, — האָט זיך אָנגערופן די פּאַרוואַלטערין פון אינטערנאַט, אויפהויבנדיק איר נאָז פון דער ארבעט.

— דאָס איז אַזאַ אומשולדיקע זאַך, — האָב איך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט. — עס זענען פאַראַן דיסטינגירטע נשמות, וואָס האָבן פון געבורט אָן ליב דעם לוקסוס.

די קליינע נאָז האָט זיך מאָמענטאַל אַראָפּגעלאָזט.

— פריילין פרעפער האָט אויך ליב לוקסוס, — האָט זיך יאָהאַננע אָנגערופן; — זי שניידט אויס פון פּאַפּיר אַבאַזשורן פאַר די לאָמפּן. דאָס איז, דעם אמת געזאָגט, אַ באַשיידענער לוקסוס, אָבער פאָרט אַ לוקסוס.

---

*) דאָגאַרעסע — די פרוי פון דאָזשע אין ווענעדיק (באַמ. פון איבערז.)

אומקערנדיק זיך צוריק קיין ווענעדיג, האָבן מיר גע־שלאָסן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּאַטריציערין, וואָס איז געווען געקליידט אין א געהאַפטענער דאַלמאַטיקע. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ קלונג. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז מסתמא דער בעקער־יונגל מיט זיין קויש. ווי פּלוצ־לינג עפנט זיך אויף די טיר פון מיין ביכער־מדינה און... מיט אַ רגע פריער האסטו געוואָלט, אלטער סילוועסטער באָנאַר, אַז נאָך אַנדערע אויגן, חוץ די מיט ברילן באוואָפנטע און אויס־געבלאַקירטע, זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַוואונדערן די גראַ־ציעזע פאָרמען פון דיין פּראָטעזשירטער; דיינע וווּנטשן זענען איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן אויף א גאָר אומדערוואַרטעטן אופן. און דו הערסט, ווי אַ שטים רעדט צו דיר:

„פאַלט אויף די קני, און זייט צום האר מתפלל

„אַז עפנען זאָלן זיך די בלייערנע הימלען,

„און אָנגענומען זאָלן ווערן אייערע תפלות".

די טיר פון מיין ביבליאָטעק האָט זיך געעפנט און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ יונגער שיינער מאַן, באַגלייט פון טערעסען. די דאָזיקע גוטמוטיקע אַלטע פרוי קען נאָר עפענען און פאַרמאַכן די טיר; זי האָט אָבער נישט די מינדעסטע ידיעה וועגן די סובטיליטעטן פון וואַרטצימער און סאַלאָן. זי ווייס אויך נישט פון דעם מנהג צו אָנאָנסירן אַ גאַסט אָדער הייסן אים וואַרטן. אָדער זי לאָזט שטיין די אינטערעסאַנטן אויף די שטיגן, אָדער זי וואַרפט זיי מיר גלייך אויפן קאָפּ אַרויף.

אָט האָט זי איצט אַריינגעפירט אַ שיינעם יונגנמאַן, און איך קאָן אים באמת נישט באַהאַנדלען, ווי עפּעס אַ ווילדע חיה און הייסן אים אַרייגגיין אין אַ שכנותדיק צימער. איך וואַרט דעריבער, אַז ער זאָל מיר אָנגעבן די סיבה פון זיין וויזיט. ער זעט נישט אויס צו זיין אין פאַרלעגנהייט, מיר ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ער האָט באַמערקט יאָהאַננען, וואָס זיצט אַן איינגעבויגענע איבערן טיש און בלעטערט וועטשע־ליאָן. איך באַטראַכט אים; אויב כ'האָב נישט קיין טעות, האָב איך אים שוין ערגעץ ווו געזען. ער הייסט זשעלי. דאָס איז

אַ נאָמען, וואָס כ'האָב שוין ערגעץ געהערט, כ'ווייס אָבער נישט ווו. ער דערציילט מיר, אז ער לערנט דאָס דריטע יאָר אין דער יורידישער אַקאַדעמיע, און אַז ער אַרבעט שוין העכער אַ יאָר איבער זיין דיפּלאָם-דיסערטאַציע וועגן דעם צושטאַנד פון די בענעדיקטינישע מאָנאַסטירן אין יאָר 1770. ער האָט דאָ נישט לאַנג דורכגעלייענט מיין „מאָנאַסטיקאָן" און ער איז גע-קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער וועט נישט בכוח זיין צו פאַרענדיקן זיין דיפּלאָם-אַרבעט אָן מיינע אָנווייזונגען. אַ חוץ דעם איז אים נויטיק אַ געוויסער מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין מיין באַזיץ, נעמלעך דער רעגיסטער פון די רעכנונ-גען פון דעם מאָנאַסטיר אין סיטאָ, אָנהויבנדיק פון יאָר 1683 ביזן יאָר 1704.

דערנאָך האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציאָנס-בריוו, אונטערגעשריבן דורך אייגעם פון מיינע אָנגעזעענסטע חברים-געלערטע.

אהאָ, איך ווייס שוין: ה' זשעלי איז נישט קיין אַנ-דערער, ווי דער זעלבער יונגערמאַן, וואָס האָט מיך מיט אַ יאָר צוריק באַליידיקט אין לוקסעמבורגער פּאַרק. בעמענדיק אין האַנט זיין רעקאָמענדאַציאָנס-בריוו, האָב איך מיר גע-טראַכט:

— אָ, אומגליקלעכער, דיר פעלט גאָרנישט אײן מיך חושד צו זיין, אז איך האָב דיך אונטערגעהערט און אַז איך ווייס וואָס דו טראַכסט וועגן מיר... לכל-הפּחות דאָס, וואָס דו האָסט געטראַכט וועגן מיר אין יענעם טאָג. די יונגעלייט זענען אַזעלכע לייכטזיניקע! כ'האָב דיך אין האַנט, אומפאָרזיכטיקער בחור! דו געפינסט זיך איצטער אין דער הייל פון לייב, און דאָ אַזוי אומגעריכט, אַז דער אַלטער לייב איז אַליין איבער-ראַשט און ווייסט נישט, וואָס ער זאָל טון מיט זיין קרבן. אָבער דו, אַלטער לייב, צי ביסטו נישט טאַקע קיין שוטה? אויב דו ביסט עס נישט איצט, ביסטו עס אַלנפאַלס געווען. דו ביסט געווען אַ שוטה, בעת דו האָסט אונטערגעהערט די רייד פון ה' זשעלי, צופוסנס פון דער סטאַטוע פון מאַרגאַריט,

דער קיניגין פון וואַלוא, דו ביסט געווען אַ טאָפּעלער נאַר דערפאַר וואָס האָסט אונטערגעהערט זיינע רייד וועגן דיר, און אַ דרייפאַכיקער נאַר, וואָס דו האָסט ביז איצט נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס דו האָסט אינגאַנצן נישט באַדאַרפט צו הערן.

אויסזידלענדיק אויף אַזאַ אופן דעם לייב, האָב איך אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל אַרויסווייזן זיין גוטהאַרציקייט. ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און איז איינגיכן אַריינגע־פאַלן אין אַזאַ פריילעכער שטימונג, אַז ס'איז אים מיט גרויס מי געלונגען זיך איינצוהאַלטן און נישט אויסבורעכן מיט אַ הילכיק געלעכטער.

איך האָב געלייענט דעם בריוו פון מיין פריינט אויף אַזאַ אופן, דאָס מ'האָט מיך געקאָנט הושד זיין, אַז איך קאָן נישט לייענען. דאָס דאָזיקע האָט שוין געדויערט צו לאַנג און ה' זשעלי וואָלט זיך באמת|געלאַנגווייליקט, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון יאָהאַננען. יאָהאַננע האָט עטלעכע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אונזער זייט. מען קאָן דאָך נישט זיצן די גאַנצע צייט און נישט רירן זיך פון אָרט. פריילין פרעפער האָט צו־רעכט געמאַכט אירע האָר, און עטלעכע מאָל לייכט אָפּגעזיפצט.

— מיין הער, — האָב איך זיך אָנגערופן, אָוועקלייגנדיק דעם בריוו — איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן אייך קומען צונויף. איר באַשעפטיקט אייך מיט אַ פראַגע וואָס האָט כיך זיינער צייט אויך שטאַרק אינטערעסירט. איך וועל טון פאַר אייך אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען. איך ווייס אַזוי ווי איר — און אפשר בעסער פון אייך — וויפיל מען קאָן נאָך אויפטון אויף דעם דאָזיקן געביט. דער מאַנוסקריפּט, וועלכן איר בעט ביי מיר, איז צו אייער דיספּאָזיציע, איר קענט אים מיטנעמען. ער איז אָבער נישט פון די גאָר קליינע, און איך האָב מורא..

— אָ, מיין הער, — האָט זשעלי אויסגערופן, — דיקע ביכער שרעקן מיך נישט אָפּ.

איך האָב געבעטן דעם יונגנמאַן אונטערצוואַרטן אַ ווײַלע און איך בין אַריין אין שכנותדיקן צימער אויסזוכן דעם רע־

גיסטער, וועלכן כ'האָב לכתחילה נישט געקענט געפינען. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען אים אויפצוזוכן. דער רעגיסטער איז אָבער געווען אַזוי גרויס און דיק, אַז טערעסע וואָלט זיך זיכער נישט געקענט מיט אים קיין עצה געבן. איך האָב אים קוים אויפגעהויבן און גלייכצייטיק זיך שטאַרק דערמיט געפרייט.

— וואַרט, מיין בחורל, — האָב איך געזאָגט צו מיר מיט אַ שמייכל, וואָס האָט מסתמא באַדאַרפט זיין זייער אַ סאַרקאַסטישער, — וואַרט: כ'וועל דיך צעשמעטערן מיט אים: צוערשט די אָרעמס, דערנאָך דעם שאַרבן. דאָס איז די ערשטע נקמה פון סילוועסטר באָנאַר. און דערנאָך וועלן מיר ווייטער זען.

בעת איך בין אַריינגעקומען אין ביבליאָטעק אַריין, האָב איך געהערט, ווי זשעלי האָט גערעדט צו יאָהאַננען: די ווענעציאַנערינס האָבן זיך געפאַרבט די האָר אויף בלאָנד. זיי האָבן געהאַט טונקעלע און העל־בלאָנדע האָר. עס זענען אָבער פאַראַן האָר, וואָס זייער נאַטירלעכע קאָליר איז פיל שענער פון גאָלד. און יאָהאַננע האָט אים געענטפערט מיט אַ רויק שטילשווייגן. כ'האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז ס'האָט זיך מסתמא געהאַנדלט וועגן דעם קונדס ווּטשעליאָ, און אַז ביידע, איינגעבויגענע איבערן בוך, האָבן באַטראַכט די בילדער פון דער דאָגאַרעסע און פון די פּאַטריציערינס.

איך האָב מיך באַוויזן מיט מיין אומגעהייער בוך, און געמיינט, אַז זשעלי וועט זיך מסתמא פאַרקרימען. דאָס איז באמת געווען אַ שווערע משא און די פּלייצעס האָבן מיר שטאַרק וויי געטון. דער יונגער־מאַן האָט אָבער אויפגעהויבן דאָס בוך ווי אַ פעדער און עס גענומען אונטערן אָרעם מיט אַ שמייכל. דערנאָך האָט ער מיר קורץ געדאַנקט, מיט וואָס ער האָט שטאַרק ביי מיר אויסגענומען, און דערמאַנט, אַז ער וועט זיך נאָך נויטיקן אין מיינע אָנווייזונגען. ער האָט זיך אָפּגעשטע-

עסט מיט מיר אויף אַ באַשטימטן טאָג, און רויק זיך מיט אונז געזעגנענדיק, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

איך האָב מיך אָנגערופן:

— ער איז זייער אַ בנעימותדיקער, דער דאָזיקער בחור.

יאָהאַננע האָט איבערגעמישט עטלעכע זייטלעך פון ווי-טשעליאָ און נישט געענטפערט.

מיר זענען אָפּגעפאָרן נאָך סען-קלו.

די וויזיטן ביי מיר פלעגן זיך איבערחזרן מיט אַ געוויסער רעגלמעסיקייט, פאַרוואָס איך בין זייער דאַנקבאַר דער פריילין פרעפער, וועלכע האָט איצט איר ווינקעלע אין מיין ביבליאָטעק. איצט זאָגט זי: מיין שטול. מיין פוסבענקעלע, מיין שענקל. זי האָט באַזייטיקט פון שענקל די דיכטער פון שאַמבאַן און אַריינגעלייגט דאָרט אירע האַנט־אַרבעטן. זי איז זייער אַ ליבלעכע און איך וואָלט באמת געווען אַ אוממענטש, ווען איך וואָלט זי נישט ליב געהאַט. איך טאָלעריר זי, ווי ווייט ס'איז מיר נאָר מעגלעך. פאַר יאָהאַננען וואָלט איך אַלץ איבערגעטראָגן. זי באַשיינט מיט איר רייצנדער געשטאַלט מיין ביבליאָטעק, און איך פיל נאָך איר צויבער, אַפילו ווען זי פאַרלאָזט מיך. זי איז ווייניק געבילדעט, דערפאַר איז זי זייער באַגאַבט, און אַז ס'קומט מיר אויס צו ווייזן איר עפּעס אַ שיינע זאַך, לאָזט זיך גאָר ארויס, אַז איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען, און זי דווקא צווינגט מיך כ'זאָל זי זען.

אַ מער פאַרשטענדיקער מענטש וואָלט געטראַכט אויסצולערנען זי עפּעס אַ נוצלעכע זאַך. צי ברענגט מען אָבער נישט אין לעבן קיין נוצן, ווען מען איז סימפּאַטיש און ליבלעך. זי האָט פיל חן, הגם זי איז נישט שיין, און באַצויבערן מענטשן איז לכל־הדעות ווערט אַזוי פיל וואָס פאַריכטן זאָקן. איבעריקנס, איך בין נישט אומשטערבלעך און זי וועט מסתמא נישט זיין אַזוי אלט, ווען אַ גאָטאַר (נישט ה' מוש) וועט איר

איבערגעלייענען א געוויסן דאָקומענט, וועלכן איך האָב דאָ נישט לאַנג אונטערגעשריבן.

איך וויל נישט, אַז אַן אַנדערער חוץ מיר זאָל איר שענקען מתנות; איך אַליין בין נישט איבעריק רייך און מיין פאָטערס ירושה איז אין מיין באַזיץ אויך נישט פאַרגרעסערט געוואָרן. מען זאַמלט נישט אָן קיין פאַרמעגן פון שטודירן אַלטע טעקסטן. צווישן מיינע ביכער געפינען זיך אָבער א סך אַנטיקן, וואָס האָבן אַ געוויסן ווערט; איך גלייב, אַז די „שעהן פון שמעון וואַסטר" וועלן בלי ספק נישט דורכגיין אומבאַמערקט דורך אַ ביבליאָפיל, דאָס זעלבע איז אויך שייך דעם עקזעמפּלאַר פון „הייליקע תפלות", וואָס איז באַנוצט געוואָרן דורך דער קיניגין קלאָודיע. איך האָב מיט אמתער ליבע געזאַמלט אַלע זעלטענע און אינטערעסאַנטע ביכער. וואָס זענען ווען עס איז דערשינען, און אַ לאַנגע צייט האָב איך געגלויבט, אַז זיי זענען מיר נויטווענדיק צום לעבן, ווי לופט און ליכט. איך האָב זיי שטאַרק ליב באַקומען, און אַפילו היינט צו טאָג קען איך מיך נישט איינהאַלטן פון צו שמייכלען און צו צערטלען זיי. יענע ביכער, איינגעבונדענע אין סאַפיאַן גלעטן מיין אויג, און יענע ביכער אויף וועלין-פּאַפּיר זענען ווייך ווי זייד! ס'איז נישט פאַראַן צווישן די אַלע ביכער אַפילו קיין איינס, וואָס זאָל נישט האָבן א באַדייטנדע ווערט. צי וועלן זייערע נייע באַלעבאַטים וויסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט זיי? פון וואַנען ווייס איך, אַז זייער נייער באַזיצער וועט זיי נישט לאָזן פאַרגעסן פוילן, אָדער אפשר וועלן זיי אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ עם־הארץ, וואָס וועט נישט וויסן, ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום זיי? אין וועמענס הענט וועט אַריינפאַלן דער אומפאַרגלייכלעכער עקזעמפּלאַר פון „דער געשיכטע פון מאָנאַסטיר סען-זשערמען דע־פּרע", וואָס אויף זיינע מאַרגינעסן האָט דער מחבר, דאָן זשאַק בויאַר, געמאַכט מיט זיין אייגענער האַנט פאַרשידענע וויכטיקע באַמערקונגען?... הער באָנאַר, דו ביסט אַן אַלטער חסר־דעהניק. דיין באַלעבאָסטע, דאָס אָרעמע באַשעפעניש, ליגט אין בעט קראַנק אויף רעוומאַטיזם. יאַהאַנע

דאַרף באַלד קומען, און דו, שטאָט זיך צוצוגרייטן ווי געהעריק זיי אויפצונעמען. טראַכסט גאָר ווען טויזנטער משוגעדיקע נאַרישקייטן. סילוועסטער באַנאַר, דו וועסט גאָרנישט דערגרייכן, אָט וואָס איך זאָג דיר.

כ'זע טאַקע דורכן פענצטער, ווי זיי שטייגן אַרויס פון אָמניבוס. יאָהאַננע שפּרינגט ווי אַ קעצל און פריילין פּרעפער שפּאַרט זיך אָן אין דער ברייטער פּלייצע פון קאָנדוקטאָר. יאָהאַננע הייבט אויף איר קאָפּ, זי דערזעט מיך, און באַגריסט מיך מיט פרייד פון דערווייטן. איך האָב באַמערקט, אַז זי איז שיין; נישט אַזוי שיין, ווי איר באָבע. אָבער איר שיינקייט פאַרשאַפט מיר, דעם אַלטן עובר-בטלניק זייער פיל פאַרגעניגן און נחת־רוח. מיך אינטערעסירט לחלוטין נישט, וואָס פאַראַ מיינונג עס האָבן וועגן דעם די יונגע חסר-דעהניקעס (אַזעלכע זענען נאָך פאַראַן); איבעריקנס, דאָס געהערט נישט צו מיר... צי דאַרף מען דיר אָבער איבערחזרן, באַנאַר, מיין פריינט, אַז דיין באַלעבאָסטע ליגט קראַנק און אַז דו דאַרפסט אַליין גיין עפענען די טיר?

עפן אויף, גוטמוטיקער ווינטער... דאָס קלינגט דער פריילינג.

דאָס איז באמת יאָהאַננע. זי איז אינגאַנצן פאַררויטלט, די לויפט פלינק איבער די טרעפּ, בעת פריילין פּרעפער, אַ סאַפּענדיקע און אויפגערעגטע, האַלט זיך אָן אין פאַראַפּעט.

איך האָב דערציילט מיינע געסט וועגן צושטאַנד פון מיין באַלעבאָסטע, און זיי פאַרגעלייגט צו עסן מיטאָג אין אַ רע-סטאָראַן. אָבער טערעסע, וועלכע איז אַלמעכטיק אפילו, בעת זי ליגט אויף איר קראַנקן-בעט, האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז מיר דאַרפן עסן מיטאָג אין דערהיים. אָרנטלעכע מענטשן עסן נישט, לויט איר מיינונג, אין רעסטאָראַן. איבעריקנס, זי האָט אַלץ פאַרויסגעזען. זי האָט אַלץ פריער איינגעקויפט אויף מיטאָג, די הויז-וועכטערין וועט עס אָפּקאָכן.

די מוטיקע יאָהאַננע איז אָנגעגאַנגען זען, צי די קראַנקע דאַרף נישט עפּעס צו האָבן. איר בוזט איך אחראי

אָנשטויסן, אַז זי איז באַלד צוריקגעשיקט געוואָרן אין זאַל אַריין, אָבער נישט אַזוי שאַרף, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט.

— אויב איך וועל, חס וחלילה, דאַרפן האָבן עמיצנס הילף, — האָט זי איר געענטפערט — וועל איך מיר אויסזוכן אַן אַנדערע, וואָס וועט נישט זיין אַזוי ציטערדיק, ווי דו. איך דאַרף האָבן אומבאַדינגטע רו. דאָס איז אַזאַ סחורה, וואָס דו פאַרמאָגסט נישט ביי זיך אין קראָם. קער דיך אום צוריק אין זאַל אַריין, און זאָל דאָ דיין געביין מער נישט פאַרבלייבן. דאָ אי׳ז נישט געזונט פאַר דיר: די זיקנה איז אָנשטעקנדיק.

יאָהאַניע, וועלכע האָט אונז איבערגעגעבן טערעסעס רייד, האָט דערקלערט, אַז איר געפעלט שטאַרק דער אופן רעדן פון דער אַלטער טערעסע. דערויף האָט פריילין פרעפער איר פאָרגעוואָרפן, אַז זי האָט נישט קיין איבערקלייבערישן געשמאַק. איך האָב געפרוווט צו פאַרטיידיקן מיין פראָטעזשירטע. פריילין פרעפער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין מיט מיר.

אינצווישן האָט יאָהאַננע זיך געווענדעט צו מיר מיט דער ביטע, אַז כ׳זאָל איר דערלויבן אָנטון אַ ווייסן שירץ און גיין אין קיך אַריין העלפן צוגרייטן צום מיטאָג.

— יאָהאַננע, — האָב איך איר געענטפערט, מאַכנדיק אַן ערנסט פּנים, — איך גלויב, אַז וואָס שייך דער קונסט פון ברעכן טעלערס און שיסלען, אויסביייגן טעפּ און אָנברענען די זופּ, קענען מיר זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף יענער שמוציקער בריאה, וועלכע טערעסע האָט איבערגעלאָזט דאָרט אין קיך, וואָרים ס׳ווייזט זיך מיר אויס, אַז כ׳הער דאָרט די רגע אַ שרעקלעכן טומל און געטראַסקעריי. פונדעסטוועגן האָב איך גאָרנישט דערקעגן, אַז דו זאָלסט מאַכן דעם דעסער. גיי, זוך דיר אויס אַ ווייסן שירץ, איך וועל אים דיר אָנטון מיט מיינע אייגענע הענט.

מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך איר אַרומגעבונדן דעם לייוונטענעם שירץ, און זי איז באַלד אַוועק אין קיך אַריין.

ווי זי האָט צוגעגרייט, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער איבערצייגט, זייער געשמאַקע מאכלים.

גאָר אינגאַנצן אָבער איז מיין צופרידנקייט פאַרשוווּנדן, וואָרים ווי נאָר פרײַלין פּרעפער איז פאַרבליבן אַליין מיט מיר אין צימער, האָט זי אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן אַ געוויסן אַ מרה. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט טרערן און פלאַמען, און אָנגעהויבן דערביי שטאַרק צו זיפצן.

— איך באַדויער אייך זייער — האָט זי געזאָגט — און דאָס הארץ טוט מיר וויי, בעת איך זע, ווי איר, אַ נישט דורכשניטלעכער מענטש לעבט איינזאַם אין דער געזעלשאַפט פון אַ געמיינער דינסט (וואָרים איר וועט דאָך נישט פאַרלייקענען, אַז זי איז אַ געמיינער בשר־ודם)! וואָס פאַראַ שרעקלעך לעבן! איר דאַרפט זיך אומבאַדינגט אָפּרוען, איר דאַרפט האָבן איבער זיך אויפזיכט; איר קענט נאָך חס־וחלילה קראַנק ווערן. ס'איז נישט פאַראַן קיין איין פרוי, וואָס וואָלט זיך נישט געפילט גליקלעך צו טראָגן אייער נאָמען און טיילן צוזאמען מיט אייך אייער גורל. ניין! ס'איז נישט פאַראַן אַזעלכע; מיין הארץ זאָגט עס מיר.

און מיט ביידע הענט האָט זי צוגעפּרעסט דאָס הארץ, וואָס האָט אַ ליאַדע רגע געקאָנט אַרויסשפּרינגען פון ברוסטקאַסטן.

איך בין געווען פאַרצווייפלט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. איך האָב געפּרוווט פאַרזיכערן פריילין פּרעפער, אַז איך האָב לחלוטין נישט בדעה צו ענדערן מיין שטייגער לעבן, אַז איך פיל מיך פולשטענדיק גליקלעך מיט דעם, וואָס די נאַטור האָט מיר צוגעטיילט אין לעבן.

— ניין! איר זענט בשום אופן נישט גליקלעך! — האָט זי אויסגעשריגן; — איר דאַרפט האָבן לעבן זיך אַ הארץ, וואָס זאָל פעיק זיין אייך צו פאַרשטיין. ווארפט פון זיך אַראָפּ אייער חשבות, קוקט אייך בעסער אום אַרום זיך. איר האָט אויסגעצייכנטע פאַרבינדונגען אין באַקאַנטשאַפטן, אויב מען איז אַ מיטגליד פון אינסטיטוט, דאַרף מען אומבאַדינגט פאַרברענגען,

די צייט אין דער געזעלשאַפט. אדרבה, קוקט אייך ארום, גיט אליין אַרויס אן אורטייל, פאַרגלייכט. א פרוי מיט שכל וועט אייך נישט אָפּזאָגן איר האַנט. איך בין אליין אַ פרוי, און מיין פרויען־אינסטינקט איז מיך נישט טועה. ס'זענען פאַראַן געוויסע אומשטענדען, וואָס הייסן מיר גלויבן, אז איר וועט געפינען אייער גליק נאָר חתונה האָבנדיק מיט אַ פרוי. די פרויען זענען אַזעלכע מסירות־נפשדיקע, אַזעלכע ליבנדיקע (נאטירלעך, נישט אַלע, נאָר געציילטע)! זיי זענען אויך עמפּפינדלעך אויף כבוד און רום! אייער קעכין האָט שוין נישט מער קיין כחות; זי איז טויב און טויג שוין צו גאָרנישט. וואָס וואָלט געווען, ווען איר וואָלט חס־וחלילה אַוועקגעפאַלן אין מיין נאַכט; כ'ציטער ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם!

און זי האט אין דער אמתן אינגאנצן געציטערט; זי האט צוגעשלאסן די אויגן, צוגעדריקט די פויסטן און געטופּעט מיט די פיס. איך בין געווען פולשטענדיק צעבראָכן. מיט וואס פאַרא פלאַמענדיקער ליידנשאַפט זי האט עס ווייטער גערעדט:

— אייער געזונט! אייער טייער געזונט! איך וואלט געגעבן זיך געלאזט אויסצאַפּן מיין גאנץ בלוט, אבי נאָר צו דערהאלטן ביים לעבן א געלערטן, א ליטעראַט, א מענטש וואס האט אזוי פיל פאַרדינסטן, אַ מיטגליד פון אינסטיטוט. איך וואלט פון גאַנצן האַרצן פאַראַכטעט די פרוי, וואס וואלט דאס נישט געטון, מיין הער. איך האָב געקענט די פרוי פון אַ גרויסן מאטעמאטיקער, פון א מענטש, וואס האָט פאַרשריבן גאנצע העפטן מיט חשבונות, און מיט די דאזיקע העפטן זענען געווען איבערגעפולט אלע שענק אין דער גאנצער וווינונג. ער האט געליטן אויף א האַרץ־קראַנקהייט און איז פּשוט אויסגעגאנגען אין די אויגן. זיין פרוי אבער איז געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו זיין מעמד. איך האב שוין לענגער נישט געקאנט אויסהאלטן, און אין א געוויסן טאָג זיך אנגערופן צו איר: „מיין טייערע, איר האט נישט קיין האַרץ. אויף אייער ארט וואלט איך... כ'ווייס אליין נישט, וואס כ'וואלט

גטעז !"

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, פולשטענדיק אויסגעמאַטערט. מיין לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע. ס'האָט גאָרנישט געקאָנט זיין קיין רייד זאָגן דער פריילין פרעפער, וואָס איך טראַכט וועגן אירע עצות, וואָרים צעקריגן זיך מיט איר, וואָלט גלייכצייטיק געהייסן פאַרלירן יאָהאַננען. איך האָב דעריבער געמוזט רויק זיך איבערלייגן דעם גאַנצן ענין, איבריקנס, זי איז געווען ביי מיר אין וווינונג; דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט מיר צוגעגעבן מוט.

— איך בין שוין צו אַלט, מאַדאַם, — האָב איך איר געענטפערט, — און איך האָב מורא, אַז אייערע עצות זענען געקומען אַ ביסעל צו שפּעט. אַלנפאַלנס וועל איך מיך נאָך איבערלייגן. דערווייל באַרויקט אייך, ס'וואָלט געווען זייער געוווּנשן, אַז איר זאָלט נעמען אַ גלאָז אָנגעצוקערט וואַסער.

צו מיין גרעסטער איבעראַשונג, האָבן מיינע רייד זי זומגעריכט באַרויקט, זי האָט זיך רויק אַוועקגעזעצט אין איר ווינקל, נישט ווייט פון איר שענקל, אויף איר שטול, די פיס אונטערגעשפּאַרט אויפן פוסנבענקעלע.

דאָס מיטאָג האָט זיך נישט איינגעגעבן. פריילין פרעפער, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אירע רעיונות, האָט עס לחלוטין נישט באַמערקט. איך בין געוויינלעך זייער עמפּפינדלעך אויף אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס; יאָהאַננע אָבער האָט רעאַגירט דערויף מיט אַזאַ שמחה, אַז איך האָב אויך צום סוף זיך אָנגעשטעקט מיט איר פרייד. אין מיינע יאָרן האָב איך נאָך אַלץ נישט געוווּסט, אַז אַ הון, וואָס איז צוגעברענט פון איין זייט און רוי פון דער אַנדערער זייט, איז אַ קאָמישע זאַך. ערשט דער פרייעכער געלעכטער פון יאָהאַננע האָט מיך דאָס אויסגעלערנט.

דאָס מיטאָג האָט זיך דערפאַר זייער שיין פאַרענדיקט, בעת דאָס יונגע מיידל אינם ווייכן שירצל, אַ שלאַנקע און גראַציעזע, האָט אַריינגעטראָגן דעם אָמלעט מיט קרעם, וועלכן זי האָט צוגעגרייט מיט אירע אייגענע הענט; דער אָמלעט האָט אַרויסגעגעבן אַ פיינעם ריח פון וואַניליע. יאָהאַננע האָט אַוועקגע-

שטעלט אויפן טיש דעם אָמלעט מיט דער נאַיווער ערנסטקייט פון אַ יונגיטשקער באַלעבאָסטע.

טיף אין האַרצן בין איך געווען זייער אומרויק. כ׳האָב געפילט, אַז מיר וועט נישט געלונגען לאַנג צו פאַרבלייבן אין גוטע באַציונגען מיט פריילין פרעפער, וואָס האָט מיך אַזוי פאַרפאָלגט מיט אירע מאַטרימאָניאַלע פאָרשלאַגן. און אויב איך וועל איבעררייסן מיט דער שול־פאַרוואַלטערין, דעמאָלט וועט אויך נעמען אַ סוף צו די וויזיטן פון יאָהאַננע. כ׳האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען די אַלטע פריילין איז אַרויס אָנטון דעם פּאַלטן, און געפרעגט יאָהאַננען, וויפיל יאָר זי איז אַלט. זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר און איין חודש. איך האָב איבערגערעכנט אויף די פינגער, אַז זי וועט ווערן פולייעריק ערשט אין צוויי יאָר און עלף חדשים אַרום. ווי אַזוי קאָן מען איבערוואַרטן אַזאַ לאַנגע צייט?

ביים אַוועקגיין, האָט פריילין פרעפער מיך אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויסדרוקפולע אויגן, אַז כ׳האָב אויפגעציטערט אויפן גאַנצן קערפּער.

— צום ווידערזען, — האָב איך שטיל און ערנסט זיך געווענדעט צום יונגן מיידל. — הער מיך אויס, דיין פריינט איז אַלט און גאָר אינגיכן קאָן קומען די מינוט, ווען ער וועט אייך מוזן פאַרלאָזן. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט אַלעמאָל לעבן אין האַרמאָניע מיט דיין געוויסן, און איך וועל רויק אַוועקגיין פון דער וועלט. זאָל דיך גאָט באַשיצן, מיין קינד!

צומאַכנדיק די טיר נאָך זיי, האָב איך אויפגעעפנט דאָס פענסטער, כדי זיי צו זען, אַן אַוועקגייענדיקע. די נאַכט איז אָבער געווען אַ טונקעלע, און איך האָב נאָר באַמערקט צוויי נישט דייטלעכע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבערן שוואַרצן ברעג. דער אומגעהייערער און פאַר־טויבנדיקער ליאַרם פון דער שטאָט האָט דערגרייכט ביז צו מיינע אויערן, אַזש דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט.

דער קיניג פון טולע האָט געהאַט אַ גאָלדענעם בעכער, וואָס זיין געליבטע האָט אים איבערגעלאָזן פאַר אַן אָנדענקונג. אַז ער האָט דערשפירט די נאָענטקייט פון טויט און געפילט, אַז ער טרינקט פון בעכער צום לעצטן מאָל, האָט ער אים אריינגעוואָרפן אין ים אריין. איך באַהאַלט ביי מיר דעם דאָזיקן העפט, ווי דאָס האָט געטון דער אַלטער פרינץ פון די בעפלדיקע ימען מיט זיין ווערטפולן בעכער, און אַזוי ווי יענער האָט אים אריינגעוואָרפן אין ים אריין, אַזוי וועל איך אויך פאַרן טויט פאַרברענען די דאָזיקע פאַפּירן. איך וועל פאַרניכטן דעם דאָזיקן מאָנומענט פון אַ טרויעריק מענטשלעך לעבן נישט דערפאַר, ווייל אַזוי דיקטירט מיר מיין שטאָלצער עגאָיזם, נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב מורא, אַז דאָס, וואָס איז מיר אַזוי טייער און הייליק, קאָן אַן אַנדערן פאַרקומען לעכערלעך און וווּלגאַר.

איך זאָג עס נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס איך וויל איצט באַשרייבן. און פונדעסטוועגן האָב איך געמוזט אויסזעען לעכערלעך, בעת איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צום מיטאָג ביי פריילין פרעפער. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן דער דאָזיקער אומרויקער פרוי: מ'האָט געדעקט צום טיש אין קליינעם זאַל. אָפּגעבויגענע טעלערס, אָפּגעהאַקטע גלעזער, פאַרגעלטע מעסער און גאָפּלען — מיט איין וואָרט: ס'האָט נישט געפעלט קיין איין

זאַך, וואָס איז מסוגל אָפּצונעמען דעם אַפּעטיט ביי אַן אָרנט-
לעכן מענטש.

מ׳האָט מיר פאַרטרויט, אַז דאָס מיטאָג איז ספּעציעל צו-
געגרייט געוואָרן פאַר מיר, נאָר פאַר מיר, הגם אויך ה׳ מוש
איז געווען איינגעלאַדן. פריילין פּרעפּער האָט משמעות זיך פאַר-
געשטעלט, אַז איך האָב אַ געשמאַק פון אַ ווילדן מענטש, וואָרים
זי האָט מיר דערלאַנגט ביר, וואָס איז געווען ביטער איבער דער מאָס.

דאָס געבראָטענע איז געווען אומדערטרעגלעך האַרט. דער-
פאַר האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו הערן, ווי הער מוש
און פריילין פּרעפּער האָבן געשמועסט וועגן דער צניעות. איך
זאָג: פאַרגעניגן; כ׳וואָלט באַדאַרפט זאָגן — אַ געפיל פון בושה,
וואָרים די געפילן, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק נעת זייער
געשפּרעך זענען שוין אפילו פאַר מיין וווּלגאַרער נאַטור נישט
געווען מער איבערצוהאַלטן.

זייערע רייד האָבן מיר קלאָר געמאַכט ווי דער טאָג, אַז
מסירות-נפש איז זייער טאָג-טעגלעך ברויט און אַז אַ קרבן איז
פאַר זיי אַ נויטווענדיקייט צום לעבן, פּונקט ווי לופט און
וואַסער. זעענדיק, אַז איך עס נישט, האָט פריילין פּרעפּער מיך
אָנגעהויבן אויף פאַרשידענע אופנים צו בעטן, אַז כ׳זאָל טועם
זיין פון אירע מעדנים, יאָהאַננע איז נישט געווען איינגעלאַדן
צום מיטאָג; מ׳האָט מיר דערקלערט, אַז איר אָנוועזנהייט
וואָלט געווען קעגן רעגולאַמין.

אַ שמוציק, אָפּגעלאָזט דינסטמיידל האָט אַריינגעטראָגן צום
טיש דעם אָמלעט און איז באַלד פאַרשווונדן, ווי אַ שאָטן.

דערנאָך האָט פריילין פּרעפּער דערציילט דעם ה׳ מוש
מיט גרויס ענטוזיאַזם אַלץ, וואָס זי האָט מיר געהאַט געזאָגט
ביי מיר אין ביבליאָטעק, בשעת מיין באַלעבאָסטע איז געלעגן
קראַנק אין בעט: איר אַנטציקונג לגבי אַ מיטגליד פון אינסטיטוט,
אירע זאָרגן צוליב מיין געזונט-צושטאַנד, איר זיכערקייט, אַז
יעדע אינטעליגענטע פרוי וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען זי
וואָלט געקענט טיילן מיט מיר מיין גורל, — זי האָט גאָרנישט
פאַרהוילן, פאַרקערט, זי האָט נאָך צוגעגעבן פון זיך נייע משוגעתן.

הער מוש האָט געקנאַקט ניס און צוגעשאָלט כסדר מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער געפרעגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל, וואָס איך האָב דערויף געענטפערט.

כיט איין האַנט אויפן האַרץ און מיט דער צווייטער, און אויסגעשטרעקטער צו מיר, האָט פריילין פּרעפער אויסגערופן:

— ער איז אַזאַ האַרציקער, אַזאַ פיינער, גוטער און גרויסער! ער האָט געענטפערט... ניין, איך אַ פשוטע פרוי, בין נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן די רייד פון אַ מיטגליד פון אינסטיטוט: ס'וועט זיין גענוג, ווען איך וועל זיי איבערגעבן בקיצור. ער האָט געענטפערט: „יאָ, איך פאַרשטיי אייך, און איך אַקצעפּטיר".

ביי די ווערטער האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. ה' מוש האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האַנט.

— איך ווינטש אייך גליק פון גאַנצן האַרצן, מיין הער, — האָט ער זיך אָנגערופן.

איך האָב איינציקע מאָל אין מיין לעבן געפילט דעם טעם פון שרעק, איך האָב אָבער נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ שרעקלעך און עקלהאַפט געפיל, ווי אין יענער רגע.

איך האָב באַפרייט מיינע ביידע הענט און זיך אויפגעשטעלט, כדי צו געבן מער ערנסטקייט צו מיינע רייד:

— מאַדאַם, — האָב איך געזאָגט, — אָדער איך האָב מיך דעמאָלט ביי מיר אין ווינונג שלעכט אויסגעדריקט, אָדער איך האָב אייך היינט שלעכט פאַרשטאַנען. אין ביידע פאַלן איז נויטיק, איך זאָל מיך קלאָר אַרויסזאָגן. איר וועט מיר דערלויבן, אַז איך זאָל דאָס טון באַלד אויפן אָרט. ניין, איך האָב אייך שלעכט פאַרשטאַנען, כ'האָב קיינמאָל נישט געגעבן דערויף מיין הסכמה; כ'ווייס אַבסאָלוט נישט, וואָסערע זענען אייערע כוונות לגבי מיר, אויב איר האָט בכלל אַזעלכע. ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך לגמרי נישט בדעה התונה צו האָבן. דאָס וואָלט געווען אין מיינע יאָרן אַ משוגעת, וועלכע איך וואָלט מיר קיינמאָל נישט מוחל

געווען, און איך קאָן אַפילו איצט נישט באַגרייפן, אַז אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד ווי איר זענט, זאָל קומען צו מיר מיט אַזעלכע עצות און פאָרשלאָגן. כ׳נעם אָן, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות, און אַז איר האָט מיר קיינמאָל נישט געמאַכט אַזעלכע פאָרשלאָגן. אין דעם פאַל וועט איר מוחל זיין אַן אַלטן, איינזאַמען פרוש, וואָס איז נישט געווינט זיך אויסצודריקן מיט א סאַלאָן-שפּראַך און וואָס באַדויערט שטאַרק זיין טעות.

ה׳ מוש האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול און אָנגעהויבן שניצן אַ שטאָפּער.

פריילין פרעפער האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט מיט פיינטלעכע און שאַרפע בליקן, וועלכע כ׳האָב נאָך קיינמאָל ביי איר נישט געזען, באַלד אָבער האָט איר פּנים ווידער אויפגעשטראַלט און באַקומען אַ שמייכלדיקן און זיסן אויסדרוק. זי האָט אויסגערופן מיט אַ קול, וואָס איז געווען זיס ווי האָניק.

— אַך, די געלערטע! די קאַבינעט-געלערטע! זיי זענען ווי די קינדער. יאָ, הער באַנאַר, איר זענט אַן אמת קינד.

דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צום נאָטאַר, וועלכער איז געזעסן רויק און געגלאָצט מיט זיינע אויגן אויפן שטאָפּער.

— אָ! איר דאַרפט אים נישט באַשולדיקן! — האָט זי זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ רחמנות-שטים. — איר דאַרפט אים נישט שלעכט פאַראורטיילן! איר דאַרפט נישט טראַכטן שלעכט וועגן אים. צי זאָל איך מיך אַראָפּלאָזן פאַר אייך אויף די קני?

ה׳ מוש האָט באַטראַכט זיין שטאָפּער פון אַלע זייטן, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט.

איך בין געוואָרן אויפגערעגט. דאָס בלוט איז מיר געקומען אין פּנים אַריין און איך האָב געפילט, ווי מיינע באַקן ווערן רויט. דער דאָזיקער אומשטאַנד פאַרענטפערט מיר די ווערטער, וואָס איך האָב שפּעטער געהערט, בעת אין מיינע שלייפן האָט אומאויסהערלעך גערוישט און געזעצט ווי מיט האַ·ערס ·

— ער דערשרעקט מיך, מיין אָרעמער פריינט. הערמוש, זייט אַזוי גוט און עפנט אויף דאָס פענסטער. מיר דוכט זיך, אַז אַ קאָמפּרעס פון אַרניקאַ וואָלט אים בעסער געמאַכט.

איך בין אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט אַן איבלדיקן געפיל פון עקל און אויפרעגונג.

20-טער דעצעמבער.

אין משך פון אַ גאַנצער וואָך האָב איך גאָרנישט געהערט וועגן דער אינסטיטוציע פון פריילין פרעפער. נישט קענענדיק לענגער אויסהאַלטן אָן קיין שום ידיעה וועגן יאָהאַננען זײַן האַלטנדיק, אַז איך טאָר נישט פאַרלאָזן דעם קאַמף-פּלאַץ, בין איך אַוועקגעגאַנגען קיין טערן.

דער אויפנאַמע צימער האָט זיך מיר דאָס מאָל אויסגעוויזן צו זיין אַ סך קאַלטער, פייכטער און אומגאַסטפריינטלעכער, ווי פריער און דאָס דינסט-מיידל נאָך מער שווייגנדיקער און צע-מיטער ווי אַלעמאָל. איך האָב מיך געפרעגט אויף יאָהאַננען, אָבער ערשט נאָך אַ לענגערער צייט האָט זיך באַוויזן פריילין פרעפער, אַ ערנסטע, בלאַסע, מיט צונויפגעפרעסטע ליפּן און אַ קאַלטן בליק.

— מיין הער, איך באַדויער זייער שטאַרק, — האָט זי גע-זאָגט צו מיר פאַרלייגנדיק די הענט אונטער דער פעלערינע, — וואָס איך קאָן אייך נישט דערלויבן זיך צו זען היינט מיט דער פריילין אַלעקסאַנדרע: דאָס איז אָבער איצטער אוממעגלעך.

— פאַרוואָס?

— מיין הער, די סיבות, וואָס צווינגען מיך אייך צו בעטן איר זאָלט באַגרענעצן אייערע באַזוכן ביי אונז, זענען פון זייער אַ דעליקאַטער נאַטור, און איך וואָלט אייך דערביי דאַנקבאַר געווען, ווען איר וואָלט מיר פאַרשפּאָרט זיי אייך איבערצוגעבן.

— מאַדאַם. האָב איך געענטפערט, — איך בין באַפולמעכטיקט פון יאָהאַנגעס אַפּטרופּוס צו באַזוכן זי יעדן טאָג. וואָסערע זענען די סיבות, וואָס זענען סותר דעם ווילן פון הער מוש?

— דער אַפּוטרופּוס פון פרײַלין יאָהאַננע (זי האָט מיט אַ באַזונדערן אַקצענט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט אַפּוטרופּוס) ווינשט אַזוי ווי איך. אַז צו אײַערע אָפטע וויזיטן זאָל ענדלעך נעמען אַ סוף.

— אויב אַזוי, טאָ זײַט זשע אַזוי גוט און גיט מיר צו די סיבות.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט דורכדרינגנדע אויגן און רויק געענטפערט:

— איר פאָדערט עס? איך טו עס אײַך צוליב, הגם אַזעלכע דערקלערונגען זענען זייער פּײַנלעך פאַר אַ פרוי. דאָס דאָזיקע הויז איז אַן אָרנטלעך הויז. אויף מיר ליגט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: איך מוז, ווי אַ מוטער אָפּהיטן יעדע פון מײַנע שילערינס. אײַערע אָפטע באַזוכן וואָלטן נאָר געקענט ברענגען שאָדן דער פרײַלין אַלעקסאַנדער. מײַן חוב איז צו זען, אַז דאָס זאָל נעמען אַ סוף.

— איך פאַרשטיי אײַך נישט, — האָב איך געענטפערט.

דאס איז געווען די ריינע וואָרהייט. זי האָט פּאַמעלעך געענטפערט:

— אײַערע אָפטע באַזוכן בײַ אונז ווערן אינטערפּרעטירט דורך געוויסע פּערזאָנען אויף אַזאַ אופן, אַז סײַ אין מײַן, ווי אויך אין אינטערעס פון פרײַלין אַלעקסאַנדער, מוז איך ווי אַמשנעלסטן זיי פאַרווערן.

— מאַדאַם, — האָב איך אויסגערופן, — אין מײַן לעבן האָב איך שוין געהערט אַסך נאַרישקייטן, אָבער דאָס, וואָס איר האָט איצט געזאָגט, איז שוין איבער יעדער מאָס!

זי האָט מיר רויק געענטפערט:

— אײַערע זילזולים דערגרייכן מיך נישט מער, דער געדאַנק, אַז איך טו נאָר מײַן פליכט, גיט מיר צו כוחות.

און זי האָט צוגעדריקט איר פּעלערינע צום האַרצן, דאָס

זאָל נישט כדי עס צו באַרויקן, נאָר כדי עס צו גלעטן.

— מאַדאַם, — האָב איך געזאָגט, טייטלענדיק אויף איר מיטן פינגער, — איר האָט אַריינגעבראַכט אין כעס אַ זקן. זעט, אַז דער דאָזיקער זקן זאָל אייך קענען פאַרגעסן, און וואַרפט נישט קיין נייע בלבולים אויף אים. איך וואָרן אייך אָבער, אַז איך וועל נישט אויפהערן זיך צו אינטערעסירן מיטן גורל פון פרייליַן אַלעקסאַנדר. אויב איר וועט איר טון די מינדעסטע עוולה, וועל איך דערכאַפּט ווערן, ווי אַזוי דערויף צו רעאַגירן.

וואָס מער איך האָב מיך געבייזערט, אַלץ רויקער איז זי געוואָרן. זי האָט געענטפערט קאַלטבלוטיק:

— מיין הער, איך באַגרייף זייער גוט, פאַרוואָס איר אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט דעם דאָזיקן יונגן מיידל, אַז איך זאָל זי נישט פאַרהיטן פון דער געפאַר, וואָס דראָט איר פון אייער זייט. זעענדיק אייערע אומצווייַדייטיקע אינטימע באַציונגען מיט אייער באַלעבאָסטע, האָב איך שוין פון לאַנג באַדאַרפט איבערצייַגן יעטוועדן קאָנטאַקט צווישן יאָהאַננען און אייך. איך וועל עס דעריבער טון פון היינט אָן און ווייטער. נישט איר, נאָר פרייליַן אַלעקסאַנדר דאַרף האָבן צו מיר אַ טענה, אַז איך בין ביז איצט געווען צופיל לייכטגלויביק; אַ דאַנק מיר איז זי אָבער צו נאַיוו און ריין, אַז זי זאָל חושד זיין, וואָס פאַראַ געפאַר עס האָט איר געדראָט פון אייער זייט. איך גלויב, אַז איר וועט מיך נישט צווינגען, כ'זאָל איר עפענען דערויף די אויגן.

— אַזוי, אַזוי, מיין אָרעמער באַנאַר, — האָב איך געזאָגט צו זיך, הויבנדיק די פּלייצעס, — דערפאַר האָסטו באַדאַרפט דערלעבן צו אַזאַ שפּעטער עלטער, כדי געוויר צו ווערן, וואָס עס הייסט אַ שלעכטע פרוי. איצט ביסטו שוין פולשטענדיק באַוווסטזיניק געוואָרן אין דער הינזיכט.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אָן אַן ענטפער, און זעענדיק, ווי די פאַ־וואַלטערין איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, האָב איך מיך פרייד פעסטגעשטעלט, אַז מיין שווייגן האָט זי פיל שטאַרקער אַנגערירט, ווי מיינע פריערדיקע רייד.

גייענדיק דורכן הויף האָב איך מיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, זוכנדיק יאַהאַננען. זי האָט מיך אָפּגעוואַרט און איז צוגע־לאָפֿן צו מיר.

— אויב מען וועט דיר אפילו אַ האָר פֿון קאָפּ אָנרירן, מיין קינד, זאָלסטו מיר שרייבן. זיי געזונט.

— ניין! מיר געזעגענען זיך נישט!

איך האָב געענטפֿערט:

— ניין! ניין! מיר געזעגענען זיך נישט. שרייב צו מיר.

איך בין גלייך אַוועקגעגאַנגען צו פֿרוי דע גאַברי.

— די מאַדאַם איז אין רוים, צוזאַמען מיט איר מאַן. איר האָט דען נישט געוווּסט וועגן דעם?

— יאָ, יאָ! — האָב איך געענטפֿערט, פֿרוי דע גאַברי האָט מיר וועגן דעם טאַקע געשריבן.

זי האָט מיר טאַקע געשריבן וועגן דעם און איך האָב אינגאַנצן דעם קאָפּ פֿאַרלוירן. און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער בליק פֿון דינער ביי די הערשאַפֿטן דע גאַברי וואָלט געזאָגט:

„ה׳ באַנאַר ווערט וואָס אַמאָל מער קינדעריש“. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער די שטיגן צו זען, אויב איך וועל נישט באַגיין עפּעס אַ נאַרישקייט. איך בין שנעל אַראָפּגעגאַנגען און דער דינער האָט זיך צוריקגעצויגן אַן אומצופֿרידענער און אַנ־טוישטער.

קומענדיק אַ היים בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז ה׳ זשעלי וואַרט אויף מיר אין זאַל. דער דאָזיקער יונגערמאַן באַזוכט מיך גאַנץ אָפֿט. ער האָט נישט דורכשניטלעכע פֿעיקייטן. דאָס מאָל האָט מיך זיין באַזוך אַריינגעבראַכט אין פֿאַרלעגנהייט. איך קאָן נאָך באַגיין אַ נאַרישקייט און דער דאָזיקער יונגערמאַן וועט מיי־נען, אַז איך בין שוין פֿולשטענדיק אַראָפּ פֿון זינען. איך קאָן אים אָבער נישט דערציילן, אַז מ׳האָט מיך געוואָלט חתונה מאַכן, אַז מ׳האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ נואף און ווי אַ מענטש אָן כאַראַקטער, אַז מ׳האָט געוואָרפֿן אַ חשד אויף טערעסע, און אַז יאַהאַננע געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דער געמיינסטער פֿרוי

אונטער דער זון. באמת, איך בין איצט אין א גלענצנדער שטימונג צו שמועסן מיט א יונגן ערודיט וועגן אלטע מאנאסטירן און קלויסטערס. מען דארף אבער ארייגגיין צו אים. ס'איז נישטא קיין עצה!

טערעסע האט מיך אבער פארהאלטן

— ווי רויט איר זענט אויפן פנים, מיין הער! — האט זי געזאגט צו מיר מיט א קול, אין וועלכן ס'האט געקלונגען א פארוואורף.

— דאס ווירקט אויף מיר אזוי דער פרילינג, — האב איך געענטפערט.

זי האט א צעשראקענע אויסגערופן:

— פרילינג אין חודש דעצעמבער?

אמת, איצט איז דאך גאר דעצעמבער. וואס איז עס געשען מיט מיין קאפ? און איך דארף עס זיין דער באשיצער פון דער ארעמער יאהאננע!

— טערעסע, נעם צו מיין שטעקן און שטעל אים אוועק אויב דאס איז מעגלעך, אויף אזא ארט, וו כ'וועל אים קענען שפעטער לייכט געפינען.

— גוט מארגן, הער זשעלי וואס מאכט איר עפעס?

נן א דאסע.

אויפצומאָרגנס האָט דער אַלטיטשקער זיך געוואָלט אויפהייבן; ער איז עס אָבער נישט געווען בכּוח צו טון. שטאַרק און פעסט איז געווען די נישטגעזעענע האַנט, וואָס האָט אים צוגעבונדן צום בעט. דער אַלטיטשקער האָט זיך אַנטשלאָסן צו ליגן אין בעט, דער מוח אָבער האָט ביי אים געאַרבעט אָן אויפהער.

ווייזט אויס, אַז ער האָט געהאַט שטאַרק היץ, וואָרים פריילין פרעפער, די גלחים פון סען-זשערמען-דע-פרע און דער שווייצאר פון מאַדאַם דע גאַברי, זיי אַלע האָבן זיך אים באַוויזן אין פאַנטאַסטישע פאָרמען. דער שווייצאַר האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן קאָפּ און זיך העסלעך פאַרקרימט. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין מיין צימער איז געווען אַ סך, זייער אַ סך מענטשן.

מיין שלאָפצימער איז אַלטמאָדיש אויסמעבלירט. די פאָרטרעטן פון מיין פאָטער אין זיין אוניפאָרם און פון מיין מוטער אינם קלייד פון קאַשמיר-שטאָף, הענגען אויף דער וואַנט, וואָס איז אויסטאַפעטירט מיט גרינע טאַפעטן. איך קען גאַנץ גוט מיין צימער און איך ווייס אויך גאַנץ גוט, אַז די טאַפעטן זענען שוין זייער אַלט און פאַרשימלט. דאָס צימער פון אַן אַלטן מאַן דאַרף אָבער נישט זיין עלעגאַנט; ס׳איז גענוג, ווען עס איז ציכטיק אויפגערוימט און ווען דעם זאָרגט שוין טערעסע. אויף די ווענט

און מעבל זענען פאראן געווים כלים און חפצים, וואס רעדן צו מיין געמט און ברענגען מיך אריין אין א פרייליכע שטימונג. וואס ווילן אבער איצט פון מיר די אלע חפצים? זיי האבן זיך עפעס אזוי מאדנע צעשריגן, זיי האבן אויסגעקרימטע פנימער און טייל פון זיי דראען מיר אפילו. די דאזיקע סטאטועקע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר די מאדאננע פון ברו, ביז איצט אזא אומשולדיקע און גראציעזע, מאכט איצט אויסטערלישע והעוויות און שטעקט צו מיר ארויס די צונג. און יענע שיינע מיניאטור אויף וועלכער עס איז פארגעשטעלט איינער פון יאהאן פוקעס באליבטעסטע תלמידים, ארומגעגארטלט מיטן פאס פון הייליקן פראנציסקוס-ארדן, וועלכער דערלאנגט קניענדיק זיין בוך דעם פרומען דוכס פון אנגולעם, האט זיך מיטאמאל פארוואנדלט אין א גרויסן קאפ פון א קאץ, וואס באטראכט מיך מיט אירע פאספאריזירנדע אויגן. די בלעטער און צווייגן אויסגעמאלטע אויף די טאפעטן האבן אנגענומען די פארם פון קעפ, גרינע, רויטע... קעפ מיט אויגן, נאז און מויל, אן א שיעור קעפ!... איך פארשטיי: דאס זענען קעפ צוזאמען מיט בלעטער. ווי וואלט איך געוואלט פטור ווערן פון זיי.

דארט, רעכטס פון מיר, שטייט ווידער די שיינע מיניאטור פון פראנציסקאנער גלח, מיר דוכט זיך אבער, אז איך האלט זי צו אויפן ארט א דאנק א געוואלטיקער אנשטרענגונג פון מיין ווילן, און אין א ווײלע ארום וועט זיך ווידער באווייזן דער מיאוסער קאפ פון דער קאץ. דאס זענען אבער נישט קיין האלוצינאציעס: איך זע קלאר און דייטלעך טערעסען, וואס שטייט צופוסנס פון מיין בעט. איך הער דייטלעך, ווי זי רעדט צו מיר און איך ענטפער איר קלאר און פארשטענדלעך.

אט איז אויך דער דאקטאר. איך האב אים נישט ארויסגעפאדערט; ס'פארשאפט מיר אבער פארגעניגן אים צו זען.

דאס איז מיינס אן אלטער שכן, וועלכן איך האב שטארק ליב. כ'האב נישט גערעדט מיט אים א סך, איך בין אבער ביים פולן באוואוסטזיין, אויף אזוי ווייט, אז איך פארפאלג אלע זיינע זשעסטן, בליקן, די מינדעסטע קנייטשן פון זיין געזיכט. ער איז

אָבער דורכגעטריבן, דער דאָקטאָר, און כ'ווייס נישט באמת, וואָס ער טראַכט וועגן מיין געזונט-צושטאַנד. אויפן געדאַנק קומט מיר די טיפּוזיניקע מאַקסימע פון געטע און איך זאָג:

— הער דאָקטאָר, דער אַלטיטשקער האָט מסכּים געווען קראַנק צו זיין; דאָס מאָל אָבער וועט ער בשום אופן נישט נאָכגעבן דער נאַטור.

סיי דער דאָקטאָר, סיי טערעסע לאַכן נישט פון מיין וויץ. משמעות, זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען.

דער דאָקטאָר גייט אַוועק. דער אָוונט פאַלט צו, און פון אַלע זייטן און ווינקעלעך רוקן זיך אַרויס די אויסטערלישסטע שאָטנס און ווערן צעשוומען ווי אַ נעפּל צווישן די פאַלדן פון מיינע פאָרהאַנגען. גאַנצע מחנות שאָטנס שאַרן זיך דורך פאַרביי מיין בעט; צווישן זיי באַמערק איך דאָס אומבאַוועגלעכע פּנים פון מיין טרייער באַלעבאָסטע. מיט אַמאָל דערהער איך אַ האַרצ-רייסנד געשריי, וואָס מאַכט מיר לעכער אין די אויערן. דו ביסט עס, יאָהאַנגע, וואָס רופסט מיך?

דער אָוונט איז צוגעפאַלן, און די שאָטנס האָבן זיך באַזעצט אַרום מיר און בלייבן אויף מיט מיר אַ גאַנצע נאַכט.

ביים באַגינען באַהערשט מיך אַ רויקייט, אַן אין-סופדיקע רויקייט נעמט מיך דורך אינגאַנצן. דו ביסט עס, מיין האַר, וואָס רופסט מיך צו זיך אין הימל אַרייַן?

דער דאָקטאָר איז אין אַ גוטער שטימונג. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז ער פילט זיך שטאָלץ, וואָס איך קאָן זיך שוין אויפהייבן מיט מיינע אייגענע כוחות. ער האַלט, אַז אומציייליקע יסורים האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיין אַלטן גוף.

די אַלע יסורים, וואָס זענען אַזוי שרעקלעך פאַר אַ מענטש, האָבן נעמען, וואָס זענען עלול צו דערשרעקן אפילו אַ פילאָזאָף — האַלב גריכישע, האַלב לאַטייניש נעמען.

— אַ דאַנק אייך מיין פריינט. איר האָט מיך דערהאַלטן ביים לעבן, איר האָט מיך צוריקגעקערט צו מיינע פריינט. איר זאָגט, אַז איך בין פעסט געבויט, בלי ספק, בלי ספק; איך האָב אָבער אַ סך געליטן. איך בין אַן אַלטער, אָפּגעריבענער חפץ און בין שטאַרק ענלעך צו מיין טאַטנס פאָטעל. דעם דאָזיקן פאָטעל האָט ער באַקומען בירושה און אויף אים פלעגט ער פאַרברענגען זיין צייט, פון פרימאָרגן ביזן אָוונט. צוואַנציק מאָל אין טאָג פלעג איך קריכן, ווי קליין כ'בין דעמאָלט נישט געווען, אַרויף און אַראָפּ איבערן דאָזיקן פאָטעל. מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך גוט געהאַלטן, האָט מען אים נישט געהיטן. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו הינקען אויף איין פוס, האָט מען געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גוטער פאָטעל. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו הינקען אויף דריי פיס, און דערנאָך אויפן פערטן און צום סוף האָט ער פאַרלוירי ביידע הענט. מ'האָט אָבער נאָך

אַלץ געהאַלטן אין איין רופן: „וואָס פאַרא סאָלידער פּאָטעל!״ מ׳האָט זיך געוווּנדערט, וואָס נישט האָבנדיק קיין איין גאַנץ אָרט, האָט ער דאָך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סאָלידן פּאָ־טעל, פלעגט זיך נאָך ג׳ייך האַלטן און טיילמאָל אויך ברענגען אַ געוויסן נוצן. ענדלעך זענען אים די אינגעווייד אַרויסגעפאַלן פון קערפּער און ער האָט אויסגעהויכט די נשמה, און בעת ציפּריאַן, אונזער הויזדינער, האָט געזעגט זיינע גלידער, כדי אַריינ־צוּוואַרפן זיי אין פייער אַריין, האָבן זיך ערשט אויפגעהויבן ביז צום הימל קולות פון אַנטציקונג: „אָ, דער אויסגעצייכנטער, וווּנדערבאַרער פּאָטעל! ער איז באַנוצט געוואָרן פון פייער סיל־וועסטר באָנאַר, אַ טוך־הענדלער, פון עפּימעניד באָנאַר, זיין זון און פון זשאַן באַפּטיסט באָנאַר, שעף פון דער זר־טער פלאָט־דיוויזיע און פילאָזאָף. וואָס פאַרא שטאַרקער און סאָלידער פּאָ־טעל!״ אָבער אין דער אמתן איז דער פּאָטעל שוין פון לאַנג געווען אַ בר־מנן. איר האַלט מיך אויך פאַר אַ פעסט געבויטן דערפאַר, ווייל איך האָב אײַנגעהאַלטן אַ סך שטורעמס, וואָס וואָלטן אַ תל געמאַכט פון פיל מענטשן און האָבן חרוב געמאַכט דריי פערטל פון מיין קערפּער. ס׳קומט אייך דערפאַר אַ יישר־כּוח.

דער דאָקטאָר וויל מיט דער הילף פון די אַלע קלינגנ־דיקע גריכישע און לאַטיינישע פראַזן מיר אויפווייזן, אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז צופרידנשטעלנדיק. די פראַנצויזישע שפּראַך איז וואָס אַן אמת זייער קלאָר פאַר דעמאָנסטראַציעס פון אַזאַ מין. פונדעסטוועגן מאַך איך דעם אָנשטעל, אַז ער האָט מיך איבערצייגט, און כ׳פיר אים אָפּ ביז צו דער טיר.

— אין אַ מזל־דיקער שעה! — זאָגט צו מיר טערעסע, — אָט ווי אַזוי מען דאַרף פּטור ווערן פון די דאָקטוירים. אויב איר וועט אים נאָך עטלעכע מאָל אַרויסבעטן אויף אַזאַ אופן, וועט איר אים שוין מער נישט אָנזען פאַר די אויגן. און אַזוי וועט טאַקי גוט זיין.

— אויף אַזאַ אופן, טערעסע, אויב בין איך שוין יאָ אַזאַ שטאַרקער מאַן, טאָ דערלאַנג זשע מיר אַהער די פּאָסט. וו׳האָט

זיך מסתמא געמוזט אָנקלייבן אַ שפּאָר פּעקל בריוו, און עס וואָלט געווען זייער מיאוס פון דיין זייט זיי צו באַהאַלטן פאַר מיר.

טערעסע וואַקלט זיך אַ ווײַלע און דערלאַנגט מיר צום סוף די בריוו. אָבער צו וואָס? כ׳האָב באַקוקט אַלע קאָנווערטן און קיין איינער איז נישט געווען אַדרעסירט מיט יענער קליינטשיקער האַנט, וועלכע כ׳וואָלט איצט געוואָלט זען. כ׳האָב אָפּגערוקט פון מיר דאָס גאַנצע פּעקל, וואָס האָט נישט פאַר מיר דעם מינדעסטן אינטערעס

די געשיכטע הייבט אָן אויף אַן אמת ערנסט צו ווערן.

— וואַרט אונטער, מיין הער, ביז כ'וועל מיך אָנקליידן, — האָט טערעסע געזאָגט צו מיר. — אויך דאָס מאָל וועל איך אַרויסגיין צוזאַמען מיט אייך; כ'וועל מיטנעמען אייער בענקעלע, און ווי אין די פריערדיקע טעג וועלן מיר זיך וואַרעמען אויף דער זון.

טערעסע האַלט מיך נאָך אַלץ פאַר אַן אָפּגעשוואַכטן. אמת איז, אַז איך בין געווען קראַנק, אַלץ מוז דאָך אָבער נעמען אַן ענדע, די קראַנקהייט האָט מיך פאַרלאָזט שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, און אָט זענען שוין פאַרביי דריי חדשים, ווי די רעקאָנוואַלעסצענץ, די דאַמע מיטן שיינעם און בלאַסן פּנים, האַלט זיך מיט מיר אין איין געזעגענען. אויב איך וואָלט געהאָרכט מיין באַלעבאָסטע, וואָלט איך אויף מיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַ שלימזל. צו סוף זאָל עס נעמען, כ'וויל אַליין אַרויסגיין. טערעסע הערט מיך אָבער, ווי דעם קאָטער. זי האַלט מיין בענקעלע און וויל מיך באַגלייטן.

— טערעסע, מאָרגן וועלן מיר מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר און זיך וואַרעמען אויף דער זון, וויפיל דיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן. היינט אָבער האָב איך צו ערלעדיקן זייער וויכטיקע ענינים.

עניִנים! זי מיינט, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן געלט און רעדט אַריין אין מיר, אַז ס׳איז נישט אַזוי וויכטיק.

— נאָך בעסער! אויף דער וועלט זענען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע עניִנים.

איך בעט מיך ביי איר, כ׳בייזער מיך און ענדלעך רייס איך מיך אַרויס פון אירע הענט.

דאָס וועטער איז טאַקע אַ שיינס. איך וועל נעמען אַ פּאַקר און מיט דער הילף פון גאָט, וועל איך דערגרייכן מיין ציל.

אָט איז די מויער, אויף וועלכער עס זענען מיט בלויע אותיות אויסגעקריצט די ווערטער: „אינטערנאַט פאַר מיידלעך פון פריילין ווירזשיניע פּרעפער.“ אָט איז דאָס טויער, וואָס עפנט זיך אויף פאַמעלעך און פירט אַריין אין הויף, אויב עס וועט זיך בכלל עפענען פאַר מיר. אָבער דאָס פאַרזשאַווערטע שלאָס און די אייזערנע קראַטעס היטן אָפּ פאַר אַ שלעכט אויג, זי יונגע מיידלשע נשמות, וועלכע פריילין פּרעפער איז בלי ספק מדריך אין די וועגן פון באַשיידנקייט, אויפריכטיקייט, יושר און אַלטרויזם. אָט איז אַ פאַריגלט פענצטער, וואָס זיינע געמאָלטע שויבן פאַרבאַהאַלטן פאַר מיר דאָס, וואָס עס טוט זיך איבעווייניק.

די קליינע הינטערשטע טיר, דורך וועלכער איך פלעג אַזוי פיל מאָל אַריינגיין, איז אויך פאַרשלאָסן פאַר מיר. די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אויבן אַרויף, זענען שטאַרק אויסגעריבן און הגם איך צייכן מיך נישט אויס מיט אַזאַ גוטער ראיה, שייד איך אונטער אויף די טרעפּ די חייסע זאַמד־שפורן, וואָס זענען איבערגעלאָזן געוואָרן דורך די שולמיידלעך. און פאַר מיר איז דער וועג געשלאָסן! מיר דוכט זיך, אַז יאָהאַננע ליידט אין דעם דאָזיקן אומעטיקן הויז און אַז זי רופט מיך שטילערהייט צו הילף. כ׳קאָן מיך בשום אופן נישט דערווייטערן פון דאַנען, כ׳באַהערשט מיך אָן אומרויקייט: כ׳קלינג אָן. דאָס צעשראָקענע

און צעטומלטע דינסטמיידל עפנט מיר אויף די טיר. דאָס מאָל איז זי נאָך מער צעטומלט, ווי אַלעמאָל. איר איז שטרענג פאַרזאָגט געוואָרן מיך מער נישט אַרייַנצולאָזן. איך פרעג מיך ביי איר אויס, וואָס ס׳הערט זיך ביי יאָהאַננען. דאָס מיידל קוקט זיך אום אַ צעשראָקענע אויף אַלע זייטן, זי זאָגט אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג און פאַרקלאַפּט מיר די טיר פאַר דער נאָז. און ווידער בין איך אויף דער גאַס.

וויפיל מאָל האָב איך זינט יענץ מאָל זיך אַרומגעדרייט אַרום דער מויער און געבלאָנזשעט לעבן דעם אייזערנעם טויער, שעמענדיק זיך טיף אין האַרצן, אַז איך בין פיל שוואַכער פונם קינד, וואָס האָט נאָר אין מיר זיין איינציקע שטיצע!

איך האב גובר געווען מיין עקל און כ׳בין געגאנגען באזוכן דעם ה׳ מוש. איך גיב אים איבער מיינע אנקלאגעס קעגן פריי־לין פרעפער. דער נאטאר ענטפערט מיר... איבריקנס, צו וואס פאראייביקן אפילו אין א העפט, וואס דארף פארברענט צו ווערן, די ערינערונג פון א געמיינעם, נידערטרעכטיקן פארשוין? ער איז פולשטענדיק מסכים מיט פריילין פרעפער און ער האלט שטארק פון איר שכל און כאראקטער. נישט ארייננגייענדיק אינם עצם ענין, מוז ער אבער מודה זיין, אז אלץ זאגט עדות קעגן מיר; דאס ארט מיך גראד זייער ווייניק. ער גיט צו (און דאס דאזיקע האט מיך שוין מער געארט), אז די קליינע סומע, וועלכע איז געווען באשטימט פאר דער בילדונג פון יאהאננע, האט זיך אינ־גאנצן אויסגעשעפט, און ער באוואונדערט פשוט די גוטהארציקייט פון פריילין פרעפער, וועלכע איז מסכים ווייטער צו האלטן ביי זיך דאס מיידל.

די הייסע שטראלן פון דער זומער־זון רייסן זיך אריין און פארפלייצן מיט א ים ליכט דאס טונקעלע, אומעטיקע צימער פון דאזיקן מענטש. און אין דרויסן באשטראלט די זון די נויט און עלנט פון א געדיכט באפעלקערטן קווארטאל.

ווי מילד און אנגענעם איז דאס דאזיקע ליכט, וואס צערטלט און גלעט מיינע אויגן זינט לאנגע יארן, און מיט וועלכן איך וועל מיך שוין מסתמא לאנג נישט פרייען! א פארטראכטער און

פארזונקענער אין מיינע טרויעריקע רעיונות גיי איך מיר, מיט די הענט פארלייגטע פון הינטן, לענגאויס פון די שטאָט־פּאַרטי־פיקאַציעס. מיט אַמאָל, כ׳ווייס נישט, ווען און ווי אזוי עס איז געשעען, האָב איך מיך געפונען אין סאַמע מיטן הארצן פון אַ פאַרשטאָט, ארומגערינגלט מיט שווינדזוכטיקע גערטנדלעך. ביים עק פון אַ זאַמדיקן וועג האָב איך באמערקט אַ געוויקס. זי האָט געהאַט שיינע בלומען, וואס האָבן אָבער אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ מרה־שחורה; דאס איז אַ פיש־אָדלער. אונזערע טאַטעס רופן זי „די הענטשקע פון דער הייליקער יונגפרוי”.

אַן אָנגעפרעסענער אינזעקט קלעטערט ברוטאַל איבער דער פלאַנצונג; זיין שטעכל קאָן אבער נישט צוקומען צום נעקטאַר און דער נאַשער מאַטערט זיך בחנם. ער מוז סוף כל סוף רע־זיגנירן און קריכט ארויס איינגעשמירט אינגאַנצן מיטן בלומען־שטויב; קוים וואס ער רירט מיט די פליגל. אין דער דאָזיקער פארויכערטער געגנט איז אבער פאראן זייער ווייניק בלומען. ער קערט זיך דעריבער צוריק, שטעכט דורך די קרוין און דאס מאָל געלינגט אים ארויסצובאַקומען דעם זיסן נעקטאַר, וועלכן ער זויגט אויס דורך אַ קליין לעכל. כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אַן אינזעקט זאָל האָבן אזוי פיל שכל. דאס איז באמת צו באַ־וווּנדערן! וואָס מער איך אָבסערוויר די אינזעקטן און בלומען, אַלץ מער באַוווּנדער איך זיי. כ׳וואלט זייער געוואָלט האָבן אַ שיינעם גאָרטן און וווינען לעבן אַ שאַטנדיקן, אוראַלטן וואַלד.

ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אָפּצוּוואַרטן יאָהאַננען וונטיק אין דער פרי, בעת די שילעריננס פון פריילין פּרעפּערס אינטערנאַט גייען אויף דער פרימאָרגן-תּפלה אין קירכע אַריין. נ'האָב געזען, ווי זיי זענען געגאַנגען פּאָרלעכווייז, פּאָרויס די קלענסטע מיט ערנסטע פּנימער. צווישן זיי זענען געווען דריי, צנלעך אָנגעטון, אין קורצע קליידלעך. כ'האָב אין זיי דערקענט די טעכ-זערלעך פון פרוי מוטאָן. זייער עלטסטע שוועסטער איז אַ מאַלערין; וי האָט עס געצייכנט דעם שרעקלעכן קאָפּ פון טאַציוס, קיניג פון די סאַביניאַנער. כ'האָב אָבער צווישן אַלע מיידלעך נישט געזען יאָהאַננען.

כ'האָב אָנגעפרעגט אין בילדונג-מיניסטעריום, צי זיי וואָלטן מיר נישט געקענט געבן גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן דער שו-לע אויף רי דעמור. כ'האָב אויסגעפועלט, אַז מען זאָל דאָרט רעגירן אַן אינספּעקטאָרין. זי האָט אָבער אַרויסגעבראַכט פון דאָרט די בעסטע מיינונג. לויט איר מיינונג איז די שולע פון פריילין פּרעפּער אַ מוסטערהאַפטע. ווען איך וואָלט פּראָוואָצירט אַן אויספאָרשונג, וואָלט פריילין פּרעפּער זיכער באַקומען אַן אַקאַדעמישע פּרי

דעם דאָנערשטיק האב איך באגעגנט אויף דער רי דעמור די דריי קליינע פריילינס מוטאָן. איך האָב געגריסט צו זייער מו־טער און געפרעגט די עלטסטע, וועלכע קאָן אַלט זיין אַ יאָר צוועלף, וואס עס מאַכט איר חברטע, יאָהאַננע אַלעקסאַנדר.

די קליינע האָט מיר דערויף געענטפערט:

— יאָהאַננע אַלעקסאַנדר איז נישט מיין חברטע. מען האַלט זי אין שולע אויס רחמנות און דעריבער מוז זי אויסקערן און רייניקן די קלאַסן. אזוי האָט די פריילין געהייסן.

די דריי קליינע מיידלעך זענען אוועקגעגאַנגען ווייטער, און מאַדאַם מוטאָן איז זיי נאָכגעגאַנגען, צוואַרפנדיק מיר אַ בליק פון אומצוטרוי און ביטול.

כ׳בין שוין דערגאַנגען צו אזאַ מדרגה, אַז כ׳מוז אָנקומען צו פאַרדעכטיקע מיטלען! מאַדאַם דע גאַברי קומט קיין פאַריז נישט פריער ווי אין דריי חדשים ארום. נישט האָבנדיק זי לעבן זיך, ווייס איך נישט, וואָס כ׳האָב צו טון, עס פעלט מיר טאַקט, שכל; איך בין נישט מער, ווי אַ שווערע, אומבאַקוועמע און שעדלעכע מאַשין.

און פונדעסטוועגן וועל איך בשום אופן נישט טאָלעריר׳ן אַז יאָהאַננע זאָל ווערן אַ דינסט און זיין כסדר אויסגעשטעלט אויף די פאַרפאָלגונגען פון ה׳ מוש.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, וואָלקנדיקער טאָג. די נאַכט איז צוגעפאַלן אַ שוואַרצע און אומהיימלעכע. איך האָב אָנגעקלונגען אין דער טיר מיט דער אנטשלאָסנקייט פון אַ מענטש, וואס האָט פאר קיין שום זאַך נישט מורא. ווי נאָר די דינסט האָט מיר געעפנט, האב איך איר אריינגערוקט אין האנט אריין אַ גאָלדשטיקל און צוגעזאָגט אַ צווייטס, אויב זי וועט מיר געבן די מעג־לעכקייט זיך צו זען מיט פריילין יאָהאַננע. זי האָט געענטפערט:

— אין אַ שעה אַרום, ביים פאַרי‍גלטן פענצטער.

און זי האָט מיר פאַרקלאַפּט די טיר פאַר דער נאָז אַזוי האַסטיק, אַז מיין הוט איז מיר שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. אַ לאַנגע, אומענדלעכע שעה האָב איך געוואַרט אין אַ שניי־שטורעם, דערנאָך האָב איך מיך דערנענטערט צום פענצטערל. גאָרנישט! דער ווינט האָט שרעקלעך געוואָיעט און אַ שניי איז אַן אויפהער געפאַלן פון בלייערנעם הימל. לעבן מיר זענען דורכ־געגאַנגען אַרבעטער מיט זייער געצייג אויף די פּלייצעס, און אַלע רגע האָט אַן אַנדערער זיך אַן מיר אָנגעשטויסן. גאָרנישט. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל מיך נישט באַמערקן. כ׳האָב געוווּסט, אַז ס׳טוּ שלעכט, וואָס פאַרטרויט מיין סוד דער דינסט, כ׳האָב עס אָבער נישט באַדויערט. עס איז ווידער פאַרביי אַ פערטל שעה. ענדלעך האָט זיך דאָס פענצטערל געעפנט.

— איר זענט דאָס, הער באַנאַר?

— דאָס ביסטו יאָהאַננע! זאָג מיר, ווי גייט עס דיר?
— זייער גוט, זייער גוט!
— און וואָס נאָך?
— מ׳האָט מיך איבערגעפירט אין דער קיך און איך רויב די קלאַסן.
— אין קיך! קערסט אויס דעם קלאַס, דו?! גאָט מיינער אין הימל!
— אַזוי איז עס. מיין אַפּוטרופּוס צאָלט נישט מער פאַר מיין לערנען.
— דיין אַפּוטרופּוס איז אַן אויסוואורף.
— איר ווייסט דערפון?
— וואָס?
— אָ! צווינגט מיך נישט צו רעדן וועגן דעם. איך וואָלט אָבער ליבער געוואָלט שטאַרבן איידער צו פאַרבלייבן מיט אים איינע אַליין.
— און פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געשריבן?
— מ׳האָט מיך געהיטן אויף יעדן טריט און שריט.
אין דער רגע האָב איך אָנגענומען אַן אָנטגילטיקן באַשלוס און קיין שום זאַך אויף דער וועלט וואָלט מיך נישט געקענט צווינגען אים צו ענדערן. אַ ווייל האָב איך געטראַכט, אַז איך האָב נישט קיין רעכט דערצו; איך האָב מיך אָבער באַלד אויסגעלאַכט דערפון. אַנטשלאָסנדיק זיך, בין איך געוואָרן פאָרזיכטיק. כ׳האָב געהאַנדלט מיט אַ באַוווּנדערונגס-ווערטער קאַלטבלוטיקייט.
— יאָהאַננע, — האָב איך געפרעגט, — צי דאָס צימער, אין וועלכן דו געפינסט זיך, איז פאַרבונדן מיטן הויף?
— יאָ.
— צי דו וואָלסט געקאָנט אַליין אויפעפענען דאָס שלאָס?
— יאָ, אויב אין דעםביידל פון וועכטער וועט זיך קיינער נישט געפינען.
— גיב אַ קוק, און זע, אַז מ׳זאָל דיך נישט באַמערקן.

איך האָב געוואַרט, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון דער טיר און פענצטער.

אין איינִיקע רגעס אַרום האָט זיך יאָהאַננע ווידער באַוויזן אונטער דער קראַטע.

— די דינסט זיצט אין ביידל, — האָט זי געזאָגט צו מיר.

— גוט, — האָב איך געענטפערט. האָסט אַ פעדער מיט טינט?

— ניין.

— אין אַ בלייפעדער?

— יאָ.

— גיב מיר אַהער.

איך האָב אַרויסגענומען פון טאַש אַן אַלטע צייטונג און בעת דער שטורעם-ווינט האָט געלאָשן דאָס ליכט פון די לאַמטערנס און דער שניי איז מיר געפאַלן גלייך אין די אויגן אריין, האָב איך אָנגעשריבן אויף דער צייטונג דעם אַדרעס פון פריילין פרעפער.

נאָכדעם, ווי כ׳האָב געענדיקט שרייבן, האָב איך ווייטער געפרעגט יאָהאַננען:

— אַז דער פּאָסט-טרעגער ברענגט די פּאָסט, וואַרפט ער אריין די בריוו אין קעסטל אריין און קלינגט, נישט וואָר? די דינסט עפנט דאָס קעסטל און טראָגט באַלד אַוועק דער פריילין פרעפער די אָנגעקומענע קאָרעספּאָדענץ? אמת, אַז דאָס קומט טאַקע פאָר, ווי איך באַשרייב עס דיר?

— יאָהאַננע האָט מיר געענטפערט, אַז ס׳קאָן זיין, אַז ס׳קומט טאַקע אזוי פאָר.

— מיר וועלן זען, יאָהאַננע, גיב אכטונג, ווי נאָר די דינסט וועט פאַרלאָזן דאָס ביידל, זאָלסטו די אויסע רגע עפענען די טיר און ארויסגיין צו מיר.

זאָגנדיק דאָס האָב איך אריינגערוקט די צייטונג אין קעסטעלע, האַסטיק אָנגעקלונגען און זיך באַהאַלטן אונטער אַ שכנות-דיקער טיר.

אין איינִיקע מינוט ארום האָט זיך די טיר געעפנט און

קליין קעפל האָט זיך אַרויסגעבויגן. איך האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעצויגן צו זיך.

— קום, יאָהאַננע, קום.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אומרו. זי האָט זיכער מורא געהאַט, צי כ׳בין נישט אַראָפּ פון זינען. איך בין אָבער אין דער אמתן געווען ביים פולן זינען.

— קום, קום, מיין קינד.

— וווהין?

— צו מאַדאַם דע גאַברי.

דעמאָלט האָט זי מיך גענומען פאַרן אָרעם. אַ געווויסע צייט זענען מיר געלאָפן ווי די גנבים. איך קאָן אָבער לאַנג נישט לויפן און כ׳מאַטער מיך שנעל אויס. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, כאַפּנ־דיק קוים דעם אָטעם און זיך אָנגעשפּאַרט אין עפּעס, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן ווי אַן אייזערנע פון אַ קאַשטאַנעס־הענדלער, און איז געשטאַנען קעגנאיבער אַ שענק. ווו עס קומען זיך צונויף דראָזשקאַזשעס. איינער פון זיי האָט מיך געפרעגט, צי איך וויל נישט ערגעץ פאָרן. נאַטירלעך, מיר ווילן. דער פאַרשוין האָט אוועקגעשטעלט זיין גלאָז אויפן טיש און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט: מיר האָבן גערירט פון אָרט. מיר זענען געראַטעוועט.

— יאָ, — האָב איך אויסגערופן, — אָפּווישנדיק זיך דעם שטערן, פון וועלכן ס׳זענען גערינען טייכן שווייס, נישט געקוקט, וואָס ס׳איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט.

עס קומט מיר פאַר חדושלעך וואָס יאָהאַננע האָט זיך מער ווי איך איבערגענומען מיטן פאָרגעקומענעם געשעעניש. זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און געווען ערנסט.

— אין קיך! — האָב איך אויסגערופן אַן אויפגערעגטער.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: „דאָרט, צי ערגעץ אנדערש, מיר איז אַלץ איינס!". ביים שיין פון די לאַמטערנס האָב איך מיט טרויער באמערקט, אַז איר פּנים איז געווען אויסגעמאָגערט און די שטריכן האָבן זיך אויסגעצויגן. ס׳איז נישט געווען מער אין איר צו דערקענען די פריילעכקייט,

עבעדיקייט און דער הייסער טעמפעראַמענט, וואָס איז מיר צו־
שטאַרק געפעלן געוואָרן אין איר. אירע גליקן זענען געווען פול
לעבן, די באַוועגונגען איינגעהאַלטענע און איר גאַנצע האַלטונג אי־
געווען אַ הכנעהדיקע. איך האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט
אַ האַרטע, צעאַקערטע און קאַלטע האַנט.. דאָס אָרעמע קינד האָט
אַסך געליטן. איך האָב זי אָנגעהויבן אויס[illegible]עגן; זי האָט מיר
רויק געענטפערט, אַז פריילין פּרעפּער [illegible] זי אין אַ געוויס[illegible]
טאָג גערופן צו זיך אין קאַנצעלאַריע [illegible] האָט שטאַרק גע־
זידלט, אָנרופנדיק זי פאַרזעעניש און ש[illegible] וואָס [illegible]ט
זי נישט ביזן היינטיקן טאָג.

— דו וועסט שוין מער נישט זען דעם דער באַנאַר — שלעכטן
וואָס האָט דיר געוויזן אַ ביישפּיל און [illegible] זיך זייער שלעכט
אויפגעפירט.

איך האָב איר דערויף געענטפערט:

— איך וועל דערין קיינמאָל נישט גלויבן, קיינמאָל נישט!

פריילין פּרעפּער האָט מיך אויסגע[illegible]שט און צוריקגע־
שיקט אין קלאַס אַריין. די ידיעה, אַז כ'וועל אייך מער נישט זען,
איז געווען פאַר מיר, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. איר
ווייסט דאָך, ווי טרויעריק עס ווערט אויף דער נשמה אין די
אָוונטן, ווען אַן אומעט באַהערשט אייער געמיט. שטעלט אייך
איצטער פאָר, אַז אַזעלכע אָוונטן ציִען זיך וואָכן, חדשים לאַנג.
אַ געוויסן טאָג בין איך געוויר געוואָרן, אַז איר שמועסט מיט
דער פאַרוואַלטערין אין זאַל. איך האָב אייך דעמאָלט אָפּגעוואַרט.
מיר האָבן געזאָגט איינער דעם אַנדערן: „צום ווידערזען”. דאָס
האָט מיך אַביסל געטרייסט. אין אַ געוויסע צייט אַרום איז געקומען צו
מיר מיין אַפּוטרופּוס. איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין מיט אים שפּאַ־
צירן. ער האָט מיר מילד געענטפערט, אַז איך בין אַ קאַפּריזנע און מיך
געלאָזט צורו. אויפן דריטן טאָג איז אָבער פריילין פּרעפּער געקומען צו
מיר און געהאַט האָט זי דעמאָלט אַזאַ בייז פּנים, אַז איך האָב
מיך באמת דערשראָקן. זי האָט געהאַלטן אַ בריוו אין האַנט.

— פריילין יאָהאַנע, — האָט זי געזאָגט — אייער אַפּוטרופּוס
האָט מיר צו וויסן געטון, אַז אים האָט זיך שוין אויסגעשעפּט

דאָס צעלט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דיין דערציונג. האָב ניט קיין מורא: איך וועל דיך נישט אַרויסוואַרפן, וועסט דאָך אָבער מוזן מודה זיין, אַז דו דאַרפסט איצט פאַרדינען אויף דיין חיונה".

פון דעמאָלט אָן האָט זי מיך אָנגעהויבן צו באַנוצן אין קיך און טיילמאָל פלעגט זי מיך פאַרמאַכן אויפן בוידעם אויף גאַנצע טעג. אָט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען בעת אייער אָפוועזנהייט. ווען איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט צו שרייבן צו אייך, ווייס איך אויך נישט, צי איך וואָלט זי אויסגענוצט, ווייל איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז איר זאָלט זיין בכוח מיך אַרויסצונעמען פון אינטערנאַט. איך בין געווען צופרידן, וואָס מ'האָט מיך נישט געצוווּנגען זיך צו זען מיט ה' מוש. איך האָב דעריבער געקענט וואַרטן אויף דער ישועה אויפן בוידעם אָדער אפילו אין קיך.

— יאָהאַננע, — האָב איך אויסגערופן — די נידערטרעכטיקע פרעפער וועט דיך שוין מער נישט צונעמען פון מיר. אפילו ווען אונז זאָל אויסקומען צו אַנטלויפן אַזש קיין אויסטראַליע. און פאַרוואָס וואָלטן מיר נישט געקאָנט פאָרן קיין אויסטראַליע? דער קלימאַט איז דאָרט אַ געזונטער און אַנומלט האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז דאָרט זענען אין די ווינונגען פאַראַן פיאַנאָס. דערווייל לאָמיר גיין צו מאַדאַם דע גאַברי, וועלכע ווילט צו אונזער גליק שוין זינט דריי, פיר טעג אין פאַריז; וואָרים מיר זענען צוויי נאַיווע קינדער, וואָס מוזן זוכן הילף ביי יענעם.

בעת איך האָב גערעדט, איז יאָהאַננע פון מינוט צו מינוט געוואָרן בלאַסער, אירע אויגן זענען פאַרגאַנגען מיט אַ נעפל, און אַ ווייטיקפולע גרימאַסע האָט אויסגעקרימט אירע האַלב-צעעפנטע ליפן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קעפּל אויף מיינע אַקסלען און איז געפאַלן אין חלשות.

איך האָב זי גענומען אויף די הענט און אַרויפגעטראָגן צו מאַדאַם דע גאַברי, ווי אַ קליין איינגעשלאָפן קינד. קוים אָטעמענדיק פון אויסגעמאַטערטקייט און אויפרעגונג האָב איך מיך

שווער אַראָפּגעלאָזט מיט מײַן משא אויף אַ בענקל, וואָס איז גע־שטאַנען אויף די שטיגן. דאָרט איז זי ווידער געקומען צו זיך:

— איר זענט עס, — האָט זי אויסגערופן, אויפעפענענדיק די אויגן. — ווי שטאַרק דאָס פרייט מיך.

אין אַזאַ צושטאַנד זענען מיר געקומען צו אונזער גוטער פריינטין.

דער זייגער האָט אויסגעקלונגען אַכטע. מאַדאַם דע גאַברי האָט מיט ליבשאַפט אויפגענומען דעם זקן און דאָס קינד, זי איז זיכער געווען איבעראַשט, זי האָט אונז אָבער גאָרנישט גע־פרעגט.

— מאַדאַם, — האָב איך געזאָגט צו איר, — מיר קומען בעטן בײַ אײַך אַ שוץ. קודם כל בעטן מיר אײַך געבן אונדז עפּעס דאָס הארץ אונטערצושטאַרקן. לכל הפּחות פאַר יאָהאַנען, ווײַל זי האָט נאָר וואָס געחלשט אין דראָשקע. איך וועל אין אַזאַ שפּעטער שעה גאָרנישט נעמען אין מויל אַרײַן, ווײַל איך וויל נישט פאַרברענגען אַ שלאָפלאָזע נאַכט. וואָס מאַכט הער דע גאַברי?

— ער איז אין דער היים, — האָט זי געענטפערט.

זי האָט אים באַלד צו וויסן געגעבן וועגן אונזער באַזוך. ס'האָט מיר באמת פאַרשאַפט אַ פאַרגעניגן צו זען זײַן אויפריכטיק, גוטמוטיק געזיכט און איך האָב פעסט געדריקט זײַן ברייטע האַנט. זאַלבעפיר זענען מיר אַריבער אין עס־צימער, און בעת מ'האָט יאָהאַנען דערלאַנגט קאַלט פלייש, צו וועלכן זי האָט זיך צומאָל נישט צוגערירט, — האָב איך פאַרציילט אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט. פאַל דע גאַברי האָט געפרעגט, צי ער קאָן פאַרויכערן זײַן ליולקע, און אויסגעהערט מיך שווייגנדיקערהייט. אַז כ'האָב געענדיקט, האָט ער זיך געקראַצט אין באָרד.

— צו אַלדי רוחות! — האָט ער אויסגערופן, — איר האָט פאַרקאָכט אַ נישטקשהדיקע קאַשע, הער באָנאַר!

דערנאָך, באַמערקנדיק, אַז יאָהאַנע האָט מיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן, האָט ער מיר צוגעווונקען.

— קומט מיט מיר.

איך בין אַרײַן מיט אים אין זײַן קאַבינעט, וווּ בײַם שײַן פון

דער לאָמפּ, האָבן אויף די טאַפּעטן זיך אָפּגעשלאָגן די שאָטנס פון ביקסן און שווערדן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לעדערנער קאַנאַפּע:

— וואָס האָט איר געטון? — האָט ער געזאָגט, — אום גאָ־טעס ווילן, וואָס האָט איר געטון? אַוועקפירן אַ מינדעריעריקע, באַנוצן זיך מיט געוואַלט! איר האָט אייך נישטקשהדיק איינגע־אָרדנט! אייך דראַט דערפאַר נישט מער און נישט ווינציקער, ווי פון פינף ביז צען יאָר תפיסה!

— הייליקע הימלען! — האָב איך אויסגערופן; — צען יאָר תפיסה פאַר ראַטעווען אַן אומשולדיק קינד!

— אַזאַ איז דאָס געזעץ! — האָט געענטפערט ח דע גאַברי, — איך קאָן זייער גוט דעם קאָדעקס, ווייל זייענדיק מער אין לי־זאַנס, האָב איך נישט איינמאָל געהאַט מיט אים צו טון. מוש איז אַן אויסוואורף, פריילין פּרעפער — אַ נידערטרעכט־קע פרוי, און איר... ס'איז מיר פשוט, שווער צו געפינען פאַר אייך אַ פּאַסיקן אויסדרוק.

ער האָט אויפגעעפנט זיין ביבליאָטעק, ווו עס זענען גע־לעגן האַלב־בענדער פאַר הינט, שפּיצרוטעס, שפּאָרן, ציגאַרן־קעס־טעלעך און אייניקע ביכער; ער האָט אַרויסגענומען פון דאָרט דעם קאָדעקס און גענומען בלעטערן.

פאַרברעכנס און דעליקטן... דאָס אויפכאַפּן פון פּער־זאָנען, ניין, דאָס איז אייך נישט נוגע... דאָס אויפכאַפּן פון מינדעריעריקע, דאָ איז עס... אַרטיקל 354. — ווער עס וועט דורך אַ שווינדל אָדער מיט געוואַלט, פאַרפירן אָדער העלפן פאַרפירן מינדעריעריקע, אָדער ער וועט זיי אַוועק פירן פון די ערטער, ווו זיי זענען דערצויגן געוואָרן, דער אונטערליגט דער שטראָף פון תפיסה. זע דעם שטראָף־קאָדעקס 21 און 28... 21, — דער דאָזיקער ווערט באַשטראָפט מיט מינדעסטנס 5 יאָר תפיסה... 28. — דער פאַרמשפּטער פאַרלירט אַלע זיינע בירגער־רעכט. דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג, הער באָנאַר.

— פולשטענדיק קלאָר...

לאָמיר איצט זען דעם אַרטיקל 356.

— אויב דער פאַרפירער איז נאָך נישט אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר, וועט ער באַשטראָפט ווערן.״ דאָס איז אונז נישט נוגע. אַרטיקל 357, — אין דעם פאַל, ווען דער פאַרפירער האָט חתונה געהאַט מיטן פאַרפירטן מיידל, קאָן מען קלאָגן אים פאַרן פאַרפירן אַ פּראָצעס נאָר דעמאָלט, ווען קלאָגן אים וועט אַריינגעטראָגן ווערן אַן אָנקלאַגע וועגן בטל מאַכן די חתונה דורך פּערזאָנען וואָס זענען דערצו באַרעכטיקט לויטן ציווילן קאָדעקס. ערשט דעמאָלט ווען דאָס וועט דורכגעפירט ווערן, וועט דער פאַרברעכער ווערן באַשטראָפט. איך ווייס נישט, צי איר האָט בדעה חתונה צו האָבן מיט פרייַלן אַלעקסאַנדר. ווי איר זעט, איז דער קאָדעקס גענוג מילד און לאָזט אייך איבער אַ פורטקע, איך בין אָבער איצט נישט גע׳ווינט צו שפּאַסן, די לאַגע אייערע איז אַ ערנסטע. ווי האָט זיך עס אַ מענטש, ווי איר, געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין פּאַריז, אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, זאָל מען קענען פראַנק און פרייַ אויפכאַפּן אַ יונג מיידל? מיר לעבן שוין נישט מער אין מיטלאַלטער און דאָס אויפכאַפּן איז שוין נישט מער דערלויבט.

— רעדט אייך נאָר נישט איין, — האָב איך זיך אָנגערופן — אַז אין מיטלאַלטער האָט מען געמעגט אויפכאַפּן יונגע מיידלעך. איר וועט ביי באַליז געפינען וועגן דעם אַ דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן קיניג שילדעבער אין קעלן, אין יאָר 593 אָדער 594. ווען איז דען נישט באַקאַנט דאָס באַוווסטע געזעץ פון בלואַ, אַרויסגעגעבן אין מאַי 1579, וואָס זאָגט בפירוש, אַז דער, וואָס וועט קענען ווילן פון אירע עלטערן אָדער אַפּוטראָפּסים אויפכאַפּן אַ מיידל, יונגער פון פינף און צוואַנציק יאָר, וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט. גלייכצייטיק, ווערט ווייטער געזאָגט אינם געזעץ, וועלן באַשטראָפט ווערן די אַלע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן, אָדער געגעבן עצות, ווי אַזוי אויפצוכאַפּן דאָס מיידל. וואָס שייך דעם אַרטיקל פון נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס, וועלכער שליסט אויס אַ געריכטס-פאַרפאָלגונג אין דעם פאַל, ווען

דער פאַרברעכער האָט חתונה געהאַט מיטן אויפגעכאַפּטן מיידל האָב איך מיך דערמאַנט, אַז לויט די מנהגים, וואָס האָבן גע־הערשט אין ברעטאַניע, האָט מען דאָרט דערפאַר נישט באַ־שטראָפט. דער דאָזיקער מנהג איז אָבער בטל געוואָרן זינט דעם יאָר 1720.

„איך געדענק נישט גענוי, צי די אָנגעגעבענע דאַטע איז אַ ריכטיקע. דער טעות איז אַלנפאַלס נישט גרעסער, ווי מיט צען יאָר. כ׳האָב שוין נישט אַזאַ גוטן זכרון, און ס׳איז שוין פאַרביי־יענע צייט, ווען כ׳האָב אָן שום אָנשטרענגונג געקאָנט אויף אויסנ־ווייניק רעציטירן פופצנהונדערט שורות פון זשיראר דע רוסיאָן.

„אויך דאס געזעץ פון קארל דעם גרויסן זעט פאָר, שווערע שטראָף פאר אויפכאַפּן אַ מינדעריעריק מיידל. ווי איר זעט פלעגט דאָס דאָזיקע פאַרברעכן שטרענג באַשטראָפט ווערן אפילו אין מיטלאַלטערלעכן פראַנקרייך. ס׳איז דעריבער נישט ריכטיק, ווען מען האַלט, אַז דער מיטלאַלטער איז געווען אַ צייט פון כאַאָס. פארקערט...

ה׳ דע גאַברי האָט מיר איבערגעריסן:

— איר קענט אויסגעצייכנט גוט, — האָט ער אויסגערופן, — די געזעצן פון בלוּאַ, באַליז, שילדעבער און פון קאָרל דעם גרויסן, און נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס איז אייך לגמרי אומבאַקאַנט?!

איך האב געענטפערט, אַז איך האָב באמת קיינמאָל דעם דאָזיקן קאָדעקס נישט געלייענט, וואס האָט שטארק פארחדושט דעם ה׳ גאַברי.

— צי האָט איר כאָטש איצט פארשטאַנען, וואס פארא ערנ־סטע טאַט איר זענען באַגאַנגען?

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אפילו איצטער נאָך אויך נישט פארשטאַנען. איך האָב מיר אָבער אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון, אז מ׳וועט מיך משפטן נישט לויט מיינע כוונות, וואס זענען געווען ריינע און אומשולדיקע, נאָר לויט דער טאַט, פאר וועלכער עס קומט באַשטראָפט צו ווערן! איך האב פאר־בראָכן די הענט אין פארצווייפלונג און אויסגערופן:

— וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך איצטער טון? צי

איז שוין באמת נישטאָ פאַר מיר קיין רעטונג, צי בין איך שוין באמת פאַרלוירן, און צוזאַמען מיט מיר אויך דאָס דאָזיקע אָרע־מע קינד, וואָס כ׳האָב געוואָלט אַרויסראַטעווען פון די הענט פון אַן אויסוואורף?

ה׳ דע גאַברי האָט אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע מיט טאַבאַק און פאַררויכערט זי לאַנגזאַם און פאַמעלעך, אַזוי אַז זיין גוטמוטיק־בייטש פנים איז אין משך פון אַן ערך פיר מינוט געווען רויט־ווי דאָס פנים פון אַ שמיד ביים פייער פון דער קוזשניע. דער־נאָך האָט ער געזאָגט:

— איר פרעגט מיך, וואָס מיר האָבן צו טון? דאָס בעס־טע איז גאָרנישט צו טון, מייַן טייערער הער באָנאַר. אין גאַנצען ווילן און אין אייער אייגענעם אינטערעס, טוט גאָרנישט. אייער לאַגע איז אַזוי אויך נישט פּויגלדיק, שטייט פון דערוויַיטן און מישט אייך בעסער נישט אַריין אין דעם גאַנצן ענין, ווייל איר קענט נאָך אַלץ קאַליע מאַכן. לאָזט מיר איבער די פרייהייט צו האַנדלען, ווי איך פאַרשטיי. מאָרגן, באַלד אין דער פרי וועל איך אַהינגיין צו ה׳ מוש. אויב ער איז באמת אַזאַ אויסוואורף, פאַר וועלכן מיר האַלטן אים, וועל איך שוין געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי אים אומשעדלעך צו מאַכן. אַלץ איז אַצינד אָפּהענגיק פון אים. מחמת דעם, וואָס עס איז שוין סיי ווי סיי צו שפּעט אָפּצופירן יאָהאַננען אויף דער פענסיע, וועט זי איבערנעכטיקן ביי מיין פרוי. אויף אַזאַ אופן וועט קודם כל די סיטואַציע פאַרלירן איר צווייַדייטיקן כאַראַקטער. איר, הער באָנאַר, קערט אייך אום ווי צום שנעלסטן אַהיים, און אויב מען וועט קומען זוכן ביי אייך יאָהאַננען, וועט איך גאַנץ לייכט אָנקומען אויפ־צווייזן, אַז זי איז ביי אייך נישטאָ.

בעת מיר האָבן אַרומגערעדט דעם ענין, האָט מאַדאַם דע גאַברי זיך געפּאָרעט ארום יאָהאַננען, פאַר וועלכער זי האָט צו־געגרייט אַ געלעגער. איך האָב געזען, ווי דאָס דינסטמיידל איז אַוועקגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר, טראָגנדיק בעטגעוואַנט, וואָס האָט געשמעקט מיט פרישן היי.

— וואס פאַרן אנגענעמער און פיינער ריח, — האָב איך געזאָגט.

— וואָס-זשע ווילט איר? — האָט מיר געענטפערט מאַדאַם דע גאַברי, — מיר זענען דאָך עפּעס דאָרפס־לייט.

— אך — האָב איך אָפּגעזיפצט — הלוואי וואָלט איך געקאָנט לעבן אויפן דאָרף! כ'זאָל מינדעסטנס ווי איר אין ליזאַנס, פילן דעם תענוג פון אַ דאָרפיש לעבן, אונטער אַ דאַך, אַן איינגעהילטן אין גרינס. און אויב מיינע ווונטשן זענען אפשר צופיל איבערגעטריבן פאַר אַ זקן, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, וואָלט איך כאָטש געוואָלט, אַז מיין ארון און תכריכים זאָלן אויך שמעקן מיט היי,

מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, אַז איך וועל קומען אויפצומאָרגנס אויף פרישטיק. מ'האָט מיר אָבער פאַרוועַרט צו קומען פאַר צוועלף אַ זייגער. יאַהאַננע האָט מיך צוגעדריקט צום האַרצן און געבעטן, אַז כ'זאָל זי מער נישט אָפּגעבן אין דעם אינטערנאַט פון פריילין פּרעפּער. מיר זענען זיך צעגאַנגען גערירטע און צעטומלטע.

כ'האָב געטראָפן טערעסען אויף די טרעפּ. זי איז פאַר שרעק ממש שיעור נישט אַראָפּ פון זינען, זי האָט מיר געדראָט, אַז אויף להבא וועט זי מיך פאַרשליסן אין צימער.

וואָס פאַרא שרעקלעכע נאַכט איך האָב איבערגעלעבט! כ'האָב נישט געקאָנט צוטון קיין אויג אפילו אויף אַ רגע. דאָ האָב איך ווי אַ קליין קינד געלאַכט, וואָס מיין פּלאַן האָט זיך מיר איינגעגעבן; אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איך שטיי פאַר די ריכטער א ציטערנדיקער און אַ צעטומלטער און איך ווער געמשפּט פאַר אַ פאַרברעכן וואָס כ'בין באַגאַנגען אויף אַזאַ אומשולדיקן אופן. איך בין געווען מוראדיק צעשראָקן, איך האָב אָבער נישט חרטה געהאַט אויף מיין טאַט. און בעת די ערשטע שטראַלן פון דער מאָרגן-זון זענען אַריינגעדרונגען אין צימער אַריין און לייכט זיך געשלענגלט איבער מיין בעט, האָב איך געטון מתפלל זיין:

„גאָט מיינער, דו, וואָס האָסט באַשאַפן דעם הימל און דעם

טוי, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער לעגענדע וועגן „טריסטאַן און איזאָלדע" גיב אַרויס אַ גערעכטן אורטייל, נישט לויט מיין האַנדלונג, נאָר לויט מיינע כוונות, וואָס זענען געווען ריינע און ערלעכע; און איך וועל זאָגן: געלויבט ביסטו, וואָס רוסט אין הימל, און פרידן אויף דער ערד צו די מענטשן פון גוטן ווילן. איך גיב איבער אין דיינע הענט דאָס קינד, וואָס כ'האָב אַרויסגעגנבעט! טו דערמיט, ווי אַזוי דו פאַרשטייסט; היט עס אָפּ פאַר זיינע שונאים, און געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען לעולם ווער!

אַז איך בין אַריינגעקומען צו מאַדאַם דע גאַברי האָב איך געטראָפן יאָהאַנגען אַ פולשטענדיק געענדערטע.

צי האָט זי, ווי איך, אין די ערשטע שטראַלן פון גאַגינען, גערופן צו הילף דעם, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און דעם טוי? זי האָט געשמייכלט מיט אַ מילדן און זיסן שמייכל.

מאַדאַם דע גאַברי האָט זי גערופן צו זיך, כדי צו פאַרענדיקן איר פריזור, וואָרים די דאָזיקע סימפּאַטישע פרוי האָט מיט אירע אייגענע הענט געוואָלט אויסקעמען די האָר פונם קינד, וואָס מ׳האָט איר אָנפאַרטרויט. מחמת דעם, וואָס איך בין געקומען עטוואָס פריער, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, האָט מען מיך געלאָזט וואַרטן איינעם אַליין אין זאַל. אין אַ ווײַלע שפּעטער איז ה׳ דע גאַברי אַריינגעקומען אין זאַל אַריין. משמעות, ער איז געקומען פון גאַס, ווייל אויף זיין שטערן האָט זיך נאָך אָנגעזעען אַ צייכן פון הוט: זיין פנים האָט געשטראַלט פון פרייד. איך האָב נישט געהאַט דעם מוט צו שטעלן אים פראַגן, און מיר זענען שווייגנדיק אַריבערגעגאַנגען אין עס-צימער אויף פרישטיק.

בעת די דינערשאַפט האָט געהאַט אַריינגעטראָגן די לעצטע מאכ׳ים, האָט הער דע גאַברי גענומען דאָס וואָרט. ווייזט אויס, אַז ער האָט געוואָלט באַהאַלטן זיין געשיכטע אויפן סאַמע סוף:

— נו! כ׳בין געווען אין לצוואלוא.

— דו האָסט זיך געזען מיטן ה׳ מוש? — האָט מאַדאַם די אַברי לעבהאַפט געפרעגט.

— ניין! — האָט ער געענטפערט אַבסערווירנדיק אונזער גימער, אויף וועלכע עס האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע גרימאַסע.

נאָכדעם, ווי ער האָט אַ לענגערע צייט זיך אַנגעזעטיקט מיט אונזער אומרויִקייט, האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן:

— דער הער מוש איז אין דער איצטיקער רגע שוין מער נישטאָ אין לעוואַלוואַ. ה׳ מוש האָט פאַרלאָזן פראַנקרייך. איבער־מאָרגן וועט ווערן אַכט טאָג, ווי ער איז נעלם געוואָרן, מיט־נעמענדיק מיט זיך אַ גאַנץ באַדייטנדע סומע געלט, וואָס האָט געהערט צו זיינע קליענטן. איך האָב געטראָפן זיין קאַנצעלאַריע אַ פאַרחתמעטע, אַ שכנטע זיינע האָט מיר איבערגעגעבן די גאַנ־צע געשיכטע, נישט שפּאָרנדיק דערביי קיין קללות און זלזולים אויפן חשבון פון ה׳ מוש. ער איז אַרויסגעפאָרן מיטן צוג, וואָס גייט אָפּ פון פאַריז 7 אַ זייגער מיט 55 מינוט אין דער פרי־נישט איינער אַליין, ער האָט מיטגענומען מיט זיך די טאָכטער פון פריזירער אין לעוואַלוואַ. די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער געשיכטע האָט באַשטעטיקט דער פאָליציי־קאָמיסאַר. באמת, צי האָט ה׳ מוש געקענט אויסקלייבן אַ בעסערע צייט אויף צו אַנט־לויפן? ווען ער וואָלט אַזוי פאַרווירקלעכט זיין פלאַן מיט אַ וואָך שפּעטער, וואָלט ער נאָך באַוויזן צוצוציען אייך, הער באָנאַר, צו דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אָנקלאָגן אייך אין געריכט אַלס קרימינעלן פאַרברעכער. איצט האָבן מיר שוין גאָרנישט וואָס מער מורא צו האָבן. צום געזונט פון ה׳ מוש! — האָט ער פריילעך אויסגערופן, אָנגיסנדיק ווייַן.

כ׳וואָלט געוואָלט נאָך לאַנג לעבן אויף דער ערד, כדי לאַנגע יאָרן צו פרייען זיך און געדענקען יענעם פרימאָרגן. זאַלבעפיר זענען מיר געזעסן ביים טיש אין גרויסן ווייסן עס־צימער. הער פאָל האָט הויך אויסגעדריקט זיין פרייד, ער האָט זיך איבערהויפט פאַרהאַלטן אַ ביסל קאָמיש, און כסדר געטרונ־

קען וויין! מאַדאַם דע גאַבּרי און יאָהאַננע האָבּן געשמייכלט צו מיר מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ באַלוינונג נאָר אַלע מיינע צרות און דאגות.

אז כ׳בין אַהיימגעקומען, האָט טערעסע מיך מכבד געווען מיט אַ ריי ביטערע פאָרווורפן. זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַגרייפן, וואָס ס׳איז מיט מיר געשען די לעצטע צייט. לויט איר מיינונג איז איר באַלעבאָס אינגאַנצן אראָפּ פון זינען.

— אַזוי איז עס, טערעסע. איך בין אַן אַלטער חסר־דעהניק, און דו ביסט אויך אַ משוגענע. דאָס איז פולשטענדיק זיכער. הלוואי זאָל אונז דער רבונו של עולם שענקען נייע כוחות. וואָרום מיר האָבּן איצט נייע פליכטן. וואַרט אונטער, לאָמיך זיך אויסציען אויף דער קאַנאַפּע, ווייל כ׳קאָן קוים שטיין אויף די פיס.

— גוטמאָרגן, מיין הער, — האָט יאָהאַננע געזאָגט. עפּענעניק מיר די טיר, בעת טערעסע, וואס איז אוועקגערוקט געוואָרן אין א זייט דורך דער קליינער, האָט געברומט אין דער טיפעניש פון קאָרידאָר.

— יאָהאַננע, איך בעט דיך צו רופן מיך פון היינט אָן מיט מיין פייערלעכן טיטל: „גוט מאָרגן, מיין באַשיצער”.

— דאס איז שוין אלזאָ אָפּגעמאַכט? וואס פארא גליק! — האָט אויסגערופן די קליינע, פּאַטשנדיק מיט די הענט.

— יאָ, דאָס איז שוין אָפּגעמאַכט געוואָרן אָפיציעל, ביים פרידנס-ריכטער, און פון היינט אָן געפינסטו זיך שוין אונטער מיין רשות... דו לאַכסט, מיין טייערע? כ'דערקען עס אינם מערקווירדיקן גלאַנץ פון דיינע אויגן. וואס פארא נייע, וואַנזיניקע אידיי איז דיר געקומען אין קאָפּ אריין?

— אָ! ניין, מיין הער... מיין טייערער. איך האָב מיך פאַרקוקט אויף אייערע גרויע האָר. זיי וויקלען זיך ארום אייער הויט, חי ווילדער ווין ארום א פלויט. זיי זענען זייער שיין און איך האָב זיי גערן.

— זעץ דיך, מיין קליינע, און אויב דאס איז מעגלעך, הער אויף צו רעדן נאַרישקייטן. "וויל מיט דיר רעדן ערנסט. הער מיך אויס: איך גלויב, אַז דיר איז נישט אזוי שטארק געלעגן זיך צוריקצוקערן אין אינטערנאַט פון פריילין פרעפער?...

נישט וואָר? וואס וועסטו זאָגן דערויף, ווען כ׳וועל דיר פאָרלייגן, אַז דו זאָלסט פאַרבלייבן ביי מיר, ביז וואַנען דו וועסט נישט ענדיקן דיין עדוקאַציע, ביז... איך ווייס? אויף שטענדיק, ווי זאָגט מען...

— אָ! מיין הער! — האָט זי אויסגערופן, פאַררויטלענדיק זיך פאַר גליק.

איך האָב ווייטער גערעדט:

— ביי מיר אין וווינונג איז פאַראַן אַ קליין צימערל, וואָס מיין באַלעבאָסטע האָט שוין צוגעגרייט פאַר דיר. וועסט צוזאַמען מיט טערעסען גיין אָנקוקן דאָס צימער, און זען צי מען קען דאָרט וווינען. איך האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט מאַדאַם דע גאַברי, אַז דו וועסט דאָרט שלאָפן.

זי האָט שוין גענומען לויפן אַהין, איך האָב זי אָבער צוריקגערופן:

— יאָהאַנגע, הער מיך נאָר אויס. דו האָסט ביז איצט געפונען חן אין די אויגן פון מיין באַלעבאָסטע, וועלכע איז, ווי אַלע אַלטע מענטשן, פון דער נאַטור אַביסל אומגעשליפן אין איר באַנעמונג. האָב רעספּעקט פאַר איר. איך אַליין האָב איר אַלעמאָל אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד און געליטן אַפילו פון אירע קאַפּריזן. יאָהאַנגע, גיב איר אָפּ דעם געהעריקן כבוד. זאָגנדיק דאָס, פאַרגעס איך נישט, אַז זי איז מיין און אויך דיין דינערין. און זי וועט וועגן דעם אויך נישט פאַרגעסן. דו מוזט אָבער רעספּעקטירן אירע יאָרן און טאָלע־ירן אירע געפילן. ווייס, ווי אַזוי צו געבן באַפעלן, און זי וועט וויסן ווי דיך צו געהאָרכן. און איצט קאָנסטו שוין גיין, מיין קינד, און איינאָרדנען ווי געהעריק דיין צימער, ווו דו וועסט אַרבעטן און רוען.

אַז יאָהאַנגע האָט פאַרלאָזן דאָס צימער, האָב איך גענומען לייענען אַ צייטונג, וועלכע איז מיר זייער שטאַרק געפעלן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי ווערט רעדאַגירט דורך יונגעלייט. די אַרטיקלען זענען געשריבן אין אַ שאַרפן, אָבער ליידנשאַפטלעכן טאָן. דאָס אַרטיקל, וועלכעס כ׳האָב איצט געלעזן, צייכנט זיך אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעך פּרעציזער און שיינער

פאָרם. דעם מחבר פון ארטיקל, ה׳ פּאָל מייער, טאָלט אומ־ברחמנותדיק די פעלערן פון דער געזעלשאַפט.

מיר, אין אונזער יוגנט, האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אזא אומברחמנותדיקער גערעכטיקייט. מיר האָבן פארמאכט אויף אסך זאַכן די אויגן. מיר האָבן זיך מערסטנטייל באַגנוגנט מיט שבחים. בעת אין דער אמתן האָבן מיר באַדאַרפט צו קריטיקירן. איך דערמאָן מיך דעם קליינעם ריימאַן (אזוי האָט מען אים גע־רופן)· ער איז געווען אַן עם־הארץ, זיין אינטעליגענץ איז געווען זייער א באַגרענעצטע, ער האָט אָבער שטארק ליב געהאַט זיין מוטער. מיר האָבן נישט געוואָלט אנטפּלעקן די עם הארצות און נאַרישקייט פון אזא גוטן זון ווי ער איז געווען. און דער קליי־נער ריימאַן איז א דאַנק אונזער שטיצע, אָנגענומען געוואָרן פאר א מיטגליד אין אינסטיטוט. זיין מאַמע איז שוין לאַנג געווען טויט, און די פארשידענע כיבודים האָבן זיך נאָך א לאַנגע צייט פון אים נישט אָפּגעטון. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַלמעכטיק. און דאָס א דאַנק דעם פאָראורטייל פון זיינע חברים און פון דער וויסנשאַפט.

מיינע געדאַנקען זענען מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם דערשיינען פון מיין יונגן פריינט פון לוקסעמבורגער־גאָרטן.

— גוטן אָוונט, זשעלי. איר האָט היינט א פרייליכע מינע וואָס איז אזוינס געשען, מיין טייערער?

כ׳וועל געוויר, אז ער האָט גלענצנד פארטיידיקט זיין די־סערטאַציע. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אז מיינע ווערק, וועגן וועלכע עס איז געקומען צו רייד בעת דער זיצונג פון די פּראָ־פעסאָרן, זענען דורך אלע שטארק געלויבט געווארן.

— ס׳פרייט מיך זייער, מיין טייערער זשעלי, — האָב איך געענטפערט, — וואָס מיין אלטע רעפּוטאַציע בינדט זיך צונויף מיט אייער יונגן רום. איר ווייסט אליין, ווי שטאַרק איך האָב מיך אינטע־רעסירט מיט אייער ארבעט. איך בין אָבער לעצטנס געווען שטארק באשעפטיקט מיט מיינע פריוואַטע ענינים, און ס׳איז מיר אינגאנצן

אַרויס פון קאָפּ, אַז היינט איז אייער עקזאַמען.

יאָהאַנגע איז גראָד אַריינגעקומען, כדי מיך צו אינפאָרמירן וועגן מיינע הויז־ענינים. די לייכטזיניקע שטיפערין איז ווי אַ שטורעם־ווינט אַריינגעפאַלן אין מיין ביכער־מדינה, און מיט אַ אַנטציקט קול אויסגערופן, אַז איר קליין צימערל איז וווּנדער־באַר שיין. דערזעענדיק דעם ה׳ זשעלי, איז זי אינגאַנצן רויט געוואָרן. קיינער קען נישט אַנטלויפן פון זיין גורל.

כ׳האָב באַמערקט, אַז דאָס מאָל זענען זיי ביידע געווען צעמישט און נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין איין וואָרט.

זייער שיין! סילוועסטער באָנאַר, אָבסערווירנדיק דיין מיידל, פאַרגעסטו אינגאַנצן, אַז דו ביסט איר אַפּוטראָפּוס. דו ביסט עס פון יענעם פרימאָרגן אָן און דיין נייע ראָל לייגט אויף דיר אַרויף אַ ריי דעליקאַטע פליכטן. באָנאַר, דו מוזט עפּעס געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי משלח צו זיין דעם דאָזיקן יונגנמאַן, דו הערסט?... ווייס איך וואָס כ׳האָב צו טון?...

זשעלי מאַכט נאָטיצן פון מיין איינציקן עקזעמפּלאַר פון "La Ginevera delea clarre donn". איך נעם אַראָפּ פון פאַך דאָס ערשטע בעסטע בוך, כ׳עפן עס אויף, און כ׳הייב אָן צו לייענען פון מיטן אַ דראַמע פון סאָפאָקלעס. קומענדיק אויף דער עלטער, האָב איך ליב באַקומען די אַנטיקע ליטעראַטור, און די גריכישע און איטאַליענישע דיכטער געפינען זיך שטענדיק אונטער מיין האַנט. איך לייען דעם וווּנדערבאַרן כאָר, דעם כאָר פון די טעבאַנער זקנים: „אָ, אייביקע ליבע, דו, וואָס דרינגסט אַריין אין די הייזער פון די רייכע, וואָס רוסט אויף די צאַרטע באַקן פון אַ יונג מיידל, וואָס שפּרייזסט אַדורך די אָקעאַנען און באַזוכסט די שטאַלן — קיין איינער פון די אומשטערבלעכע קאָן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון דיר, ווי אויך קיין איינער פון די מענטשן, וואָס זייערע טעג און דער ערד זענען געציילטע; און ווער עס האָט דיך באַזעסן, ווערט באַהערשט פון אַ משוגעת". אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן געזאַנג, האָט אויפגעטויכט פאַר מיר די לויטערע געשטאַלט פון אַנטיגאָנע. וואָס פאַראַ פּרעכטיקע בילדער! געטער און געטינס, וואָס באַוויגן דעם לויטערסטן פון די הימלען!

אַ בלינדער זקן, דער בעטלער-קיניג, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואַנדערט, געפירט פון אַנטיגאָנע, האָט ענדלעך געפונען זיין רו אין הייליקן קבר; און זיין ווונדערבאַר שיינע טאָכטער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם טיראַן און ברענגט איר ברודער צו קבר-אבות. זי ליבט דעם זון פון טיראַן און ער האָט זי אויך ליב און בשעת זי גייט מיט אַן אויפגעהויבענער ברוסט אַקעגן די ליידן און יסורים, צו וועלכע איר פרומקייט האָט זי געבראַכט, דערגרייכט צו אירע אויערן דער געזאַנג פון די טעבאַנער זקנים:

„אייביקע ליבע, דו, וואָס דרינגסט אַריין אין די הייזער פון די רייכע, וואָס רוסט אויף די צאַרטע באַקן פון אַ יונג מיידל...

איך בין נישט קיין עגאָיסט. איך בין אַ פאַרשטענדיקער מענטש. איך מוז דערציען דאָס דאָזיקע קינד; זי איז נאָך צו יונג, כדי חתונה צו האָבן. ניין! איך בין נישט קיין עגאָיסט, אָבער אין משך פון נאָך איניקע יאָר וויל איך זי האָבן לעבן זיך, אויסשליסלעך פאַר זיך. צי קען זי נישט וואַרטן, מיין אַנטיגאָנע. דער אַלטער עדיפּ וועט שוין וויסן, ווען זיין צייט איז געקומען אויף אַוועקצוגיין פון דער וועלט.

דערווייל העלפט אַנטיגאָנע צו מיין באַלעבאָסטע ביים שיילן רעטעכלעך. זי האַלט, אַז די דאָזיקע אַרבעט קומט איר אָן אַזוי לייכט, ווי אירע סקולפּטורן.

מאי

ווער וואָלט עס איצט דערקענט מיין ביטער-מדינה? אין אלע ווינקעלעך איז איצט פול מיט בלומען. יאָהאַננע איז גערעכט: די רויזן זעען וואונדערבאַר אויס אין דעם בלויען וואַזאָן. זי באַגלייט טערעסען יעדן טאָג אויפן מאַרק און ברענגט מיט זיך פון דאָרט בלומען. די בלומען זענען באמת וואונדערבאַרע באַשעפענישן. ס'מוז אַמאָל קומען דער טאָג, ווען איך וועל זיין אימשטאַנד צו פאַרווירקלעכן מיין פּלאַן און שטודירן זיי אויפן דאָרף מיט דער גאַנצער גענויקייט און מעטאָדישקייט, צו וועלכער איך בין פעיק.

וואָס נאָך טוט מען איצט? צו וואָס זיין קאַליע מאַכן, אינגאַנצן די אויגן ביים לייענען אלטע פאַרמעטענע שמות, וואס האָבן מיך שוין אויפגעהערט צו אינטערעסירן? אמאָל האָב איך זיי שטודירט מיט אן אויסערגעוויינלעכער התמדה. וואס האָב איך געוואָלט אין זיי געפינען? די דאַטע פון אַ פרומער פונדאַציע, דעם נאָמען פון עפּעס אַ מאָנאַך, דעם פּרייז פון ברויט, פון אַ בהמה אָדער אַ פעלד, אַן אַדמיניסטראַטיווע אָדער געריכטלעכע פאַראָרדנונג, דאָס אין יענע, און נאָך עפּעס מיסטעריעזעס, וואָס האָט אָנגערעגט מיין ענטוזיאַזם. אומזיסט האָב איך אָבער געזוכט דאָס דאָזיקע מיסטעריעזע אין משך פון זעכציק יאָר, און כ'האָב עס פאָרט נישט געפונען. די, וואָס האָבן אויפגעטון מער פאַר מיר, מיינע גרויסע לערער, די פאַריעלס, די טיערריס, וואָס האָבן

אנטדעקט אזוי פיל זאַכן, זענען געשטאָרבן און האָבן פונדעסטוועגן נישט אַנטדעקט דאס מיסטעריעזע, וואס האָט נישט קיין גוף און קיין נאָמען און אָן וועלכן עס איז נישט מעגלעך קיין שום גייסטיקע אונטערנעמונג אויף דער וועלט. איצטער, בעת איך זוך נאָך דאס, וואכ לאזט זיך מיטן שכל געפינען, געפין איך אַבסאָלוט גאָרנישט, און עס איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט פאַרענדיקן די געשיכטע פון די גזירים פון מאַנאַסטיר סען-זשערמען-דע-פּרע.

— ט־עפּט אָקאָרשט, מיין באַשיצער, וואס איך האָב דאָ אין מיין טיכל?

—מסתמא בלומען, יאָהאַננע.

— אָ! ניין, דאָס זענען נישט קיין בלומען. אדרבה גיט אַ קוק.

איך קוק און זע אַ קליין גרוי קעפּעלע, וואָס קריכט אַפּער פון אונטער דעם טיכל. עס איז דאָס קעפּל פון אַ קליין גרוי קעצל. דאָס טיכל וויקלט זיך פאַנאַנדער, און דאָס קליינע חיהלע שפּרינגט אַרויס אויפן דיוואַן, ס'טרייסלט זיך אָפּ, שטעלט אָן די אויערן און באַטראַכט פאָרזיכטיק דאָס אָרט און די פּערזאָנען.

טערעסע קומט צו גיין מיטן קושל אין האַנט, זי סאָפּעט שווער. איר פעלער איז, וואָס זי איז צו איבעריכטיק; זי וואַרפט פאָר יאָהאַננען, אַז זי ברענגט אַריין אין שטוב פרעמדע קעץ. יאָהאַננע פאַרענטפערט זיך און דערציילט פון וואַנען די קאַץ איז צו איר געקומען. פאַרבייגייענדיק מיט טערעסען לעבן אַן אַפּטייק, האָט זי באַמערקט, ווי דער משרת האָט מיט אַ שטויס פון פוס אַרויסגעוואָרפן אַ קליין קעצעלע פון געוועלב. דאָ [illegible] צעשראָקענע און צעטומלטע קעצל, ווייס נישט, וואָס עס זאָל טון, צי פאַרבלייבן אויף דער גאַס, ווו עס דראָט אים צעטרעטן צו ווערן דורך די דורכגייער, צי אַריינכאַפּן זיך צוריק אין געוועלב אַריין, פון וואַנען מ'וועט עס מסתמא ווידער אַרויסוואַרפן. יאָהאַננע זעט, אַז די לאַגע פון קעצל איז אַ קריטישע און אַז עס וואַקלט זיך. עס האָט אַ נאַרישע מינע; זי האַלט, אַז ס'האָט מסתמא אַזאַ נאַרישע מינע, ווייל ס'ווייס נישט, וואָס צו טון. זי נעמט עס

אויף דער האַנט. דאָס קעצל האָט שוין נישט קיין צווייטע ברירה: עס מוז בלייבן אינדרויסן. יאָהאַננע צערטלט און באַרויקט דאָס צעשראָקענע קעצעלע, און ווענדעט זיך צום משרתל:

— אויב דאָס קעצעלע געפעלט דיר נישט, איז נאָך דער־פון נישט געדרונגען, אַז מען דאַרף עס שלאָגן; שענק עס מיר בעסער אַוועק.

— נעמט עס אייך צו, — ענטפערט דאָס יונגל.

— אָט ווי עס האָט פּאַסירט!... — ענדיקט יאָהאַננע איר דערציילונג.

און מיט אַ צערטלענדיקער שטים זאָגט זי צו איר קעצעלע אַלע תּענוגים פון גן־עדן.

— גיב נאָר אַ קוק, ווי עס איז אויסגעמאָגערט, — זאָגט איר צו איר, באַטראַכטנדיק דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש, — נאָך מער, סאיז זייער העסלעך.

יאָהאַננע איז נישט מסכּים מיט מיר. לויט איר מיינונג איז דאָס קעצל גאָרנישט אַזוי מיאוס, זי איז אָבער מודה, אַז ס'האָט זייער אַ נארישע מינע; דאָס מאָל איז עס שוין נישט מסתּמא פון וואַקלעניש, עס איז ווייזט אויס פון איבעראַשונג. זי האַלט, אַז ווען מיר וואָלטן זיך געפונען אין זיין לאַגע, וואָלט מיר אויך געהאַט אַזאַ נארישע מינע. יאָהאַננע וויל נעמען דאָס קעצל אויף די הענט, עס באַהאַלט זיך אָבער אונטערן טיש און וויל בשום אופן נישט אַרויסגיין פון דאָרט, אפילו ווען מען ווייזט אים אַ פול שיסעלע מיט מילך.

אָבער ווי נאָר מיר דערווייטערן זיך, ווערט דאָס שיסעלע באַלד אויסגעליידיקט.

— יאָהאַננע, — זאָג איך, — דיין פּאַוואָריט האָט אַ טרויעריק פּנים; ער איז מסתּמא פון דער נאַטור אַ מיזאַנטראָפּ. כ'וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל מיר נישט מאַכן קיין שאָדן אין מיין בי־בער־מדינה, וואָס וואָלט מיך געצוווּנגען אים צוריקצושיקן אין אַפּטייק אַריין. דערווייל דאַרף מען אים געבן אַ נאָמען. איך גיב אַ פאָרשלאָג, אַז מ'זאָל אים אַ נאָמען געבן: דאָן גרי דע גוטיע. דאָס איז אָבער אַ צו לאַנגער נאָמען. אפשר אַ נאָמען

אים געבן: פיל, ריצינאייל, רעצעפט? דאָס וואָלט געווען קורץ און וואָלט געהאַט די מעלה, וואָס עס וואָלט דערמאָנט זיין אָפּשטאַמונג. וואָס זאָגסטו דערצו?

— „פיל" וואלט געווען נישט שלעכט, — ענטפערט מיר יאָהאַננע, — ס'וואָלט אָבער נישט געווען יושרדיק צו געבן אים אַ נאָמען, וואָס זאָל אים דערמאָנען זיינע אַמאָליקע אומגליקן, פון וועלכע מיר האָבן אים ארויסגעראַטעוועט. דאָס וואָלט נישט געווען איבריק גאַסטפריינטלעך פון אונזער זייט. לאָמיר זיין גרויסהאַרציק, און געבן אים אַ שענערן נאָמען, אין דער האָפנונג, אַז ער האט דערויף כשר פאַרדינט. גיט אַ קוק, ווי ער באַטראַכט אונז: ער זעט, אַז מ'רעדט וועגן אים. זינט ער איז דאָ ביי אונז, האָט ער שוין נישט אַזאַ נעבעכדיקע מינע. דאָס אומגליק מאַכט צו נאר. איך ווייס עס גאַנץ גוט.

— אויב דו ווילסט, יאָהאַננע, לאָמיר איפּ אָנרופן האַניבאַל. מאַך נישט אַזאַ פאַרחידושט פּנים. די אנגאָרא-קאַץ, וואס איז דאָ געווען פאר דיין קעצל, האָט געהייסן האַמילקאַר. דאס איז געווען זייער אַ קלוגע און דיסקרעטע קאַץ און איך פלעג מיך אָפּט פאר איר פארטרויען. עס איז דעריבער נאַטירלעך, וואס נאָך האַמילקאַרן זאָל קומען האַניבאַל *).

מיר זענען געקומען צו אַ הסכם אויפן דאָזיקן געביט.

האַניבאַל האָט זיך אזוי דערשראָקן פאַרן מאָדנעם קלאַנג פון זיין אייגענעם נאָמען, אַז ער איז ארונטערגעקראָכן אונטער אַ שאַנק און זיך באַהאַלטן אין אַ קליין לעכל, אין וועלכן אַ מויז וואלט זיך אויך נישט געקענט אריינקריגן.

אָט האָסטו דיר איינעם, וואס טראָגט מיט ווירדע זיין גרויסן נאָמען!

יענעם טאָג בין איך געווען אין אַ גוטער שטימונג און גע-

---

*) דאָס דאזיקע וועט פארשטענדלעך ווערן דעם לעזער ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט נעמען אין אכט, אז האַמילקאַר איז נעווען דער פאָטער פון האַניבאל דעם בארימטן פעניציאנישן קריגספירער וואָס האָט געפירט מלחמות מיט די רוימער. (באַם. פון איבערזעצער).

וואָלט זיך נעמען צו דער ארבעט. איך האָב אבער נישט באַוויזן איינצוטינקען די פעדער אין טינט, בעת ס'האָט זיך דערהערט א קלונג.

אויב די דאָזיקע זייטלעך, אָנגעשריבן דורך א זקן, וואס האָט נישט קיין ברעקל פאַנטאַזיע, וועלן אמאָל אריינפאַלן אין די הענט פון א לײדיקגייער, וועלן זיי ביי אים ארויסרופן א געלעכטער. ער וועט לאַכן איבער די גלעקלעך, וואס רייסן שטענדיק איבער מיין דערציילונג, און פירן קיינמאָל נישט אריין קיין נייע פערזאָנען, אָדער זיי גרייטן נישט צו קיין שום אומגעריכטע סצענע. גאַנץ אַנדערש קומט פאָר אין טעאַטער. ה' סקריב *) למשל הייבט אלעמאָל אויף דעם פאָרהאַנג מיטן וויסן פון פובליקום און צום גרעסטן פארגעניגן פון די דאַמען און די פרייליינס. דאס איז די קונסט. איך וואָלט מיך ליבער געלאָזט אויפהענגען, ווי אָנשרייבן א וואָדעוויל, נישט אזוי דערפאַר, וואס איך באַצי מיך מיט ביטול צו דער וועלט, ווי צוליב דעם, וואס איך בין לחלוטין נישט פעיק אויסצוטראַכטן עפּעס פריילעכעס. אויסטראַכטן! צו דעם מוז מען האָבן ספּעציעלע פעיקייטן. די דאָזיקע מתנה וואלט מיר פארשאַפט זייער פיל עגמת-נפש. שטעלט אייך פאָר, ווען איך וואָלט למשל אין מיין געשיכטע וועגן מאָנאַסטיר סען-זשערמען-דע-פרע, אויסגעטראַכט א פאָר גלחים. וואָס וואלטן דערויף געזאָגט די יונגע ערודיטן? וואס פארא סקאַנדאַל אין דער אקאַדעמיע! וואס שייך דעם אינסטיטוט, וואלט ער גאָרנישט גערעדט און וואלט זיך אפילו דערמיט נישט אינטערעסירט. מיינע אלטע חברים, אויב זיי שרייבן נאָך אמאָל עפּעס, דערפאר לייענען זיי שוין אָבער גאָרנישט, זיי זענען פולשטענדיק מסכים מיט פּארני, וואס פלעגט זאָגן:

„רויקע גלייכגילטיקייט —
איז די דערהאַבנסטע חכמה פון לעבן"

---

*) סקריב — פראנצויזישער דראַמאַטורג, געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט, געשריבן אויך טעקסטן צו מערבערם אָפּערן (באַמ. פון איבערזעצער).

אַט די אַלע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין, בעת איך האָב דערהערט דעם קלונג פון ה׳ זשעלי.

דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט זיך די לעצטע צייט פול־שטענדיק געענדערט. ער איז היינט אַזוי ערנסט, ווי ער איז אַמאָל געווען לייכטזיניק, אַזוי שווייגנדיק, ווי אַמאָל אַ פּלאַפּלער. יאָהאַננע טוט נאָך זיין ביישפּיל. מיר זענען אין דער פּאַזע פון די איינגעצוימטע ליידנשאַפטן. וואָרים ווי אַלט איך זאָל נישט זיין, האָב איך דערין נישט קיין טעות: די ביידע קינדער האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע שטאַרק ליב. יאָהאַננע מיידט אים אויס די לעצטע צייט; ווי נאָר ער קומט אַריין צו מיר אין ביבליאָטעק, אַנטלויפט זי אין איר צימער אַריין און באַווייזט זיך שוין נישט מער. ווי שנעל זי געפינט אים אָבער, בעת זי איז איינע אליין! איינע אַליין רעדט זי צו אים יעדן אָוונט, בעת זי שפּילט אויס אויפן פּאָרטעפּיאַן אירע ליידנשאַפטלעכע און אימפּעטיקע געזאַנגען, וואָס זענען דער אויסדרוק פון איר נייער נשמה.

ו, און דעריבער! פאַרוואָס נישט זאָגן? פאַרוואָס זיך נישט מודה זיין אין מיין שוואַכקייט? צי מיין עגאָיזם וועט דען אָפּגעשוואַכט ווערן, אויב איך וועל אים פאַרבאַהאַלטן פאַר מיר אליין? איך האָב מיך אַלזאָ מודה געווען: כ׳האָב גערעכנט, אַז כ׳וועל זי פאַרהאַלטן אויסשליסלעך פאַר זיך. ווי אַ קינד, ווי מיין קליין אייניקל, נישט אויף שטענדיק, אָבער אויף נאָך עטלעכע יאָר. איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. צי וואָלט זי דען נישט געקענט וואַרטן? און, ווער ווייסט? די פּאָדאַגרע און אַרטעריטיזם וועלן מסתמא צוויילן מיין טויט און איך וועל נישט מיסברויכן אַזוי לאַנג מיט איר געדולד. דאָס האָב איך באַגערט, אויף דעם האָב איך גערעכנט. איך האָב אָבער אין מיינע אויסרעכנונגען נישט גענומען זי אינגאַנצן אין אַכט, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אויף דער וועלט עקזיסטירט נאָך עמיצער, וואָס האָט דערין אויך אַ דעה צו זאָגן.

אויב מיינע אויסרעכנונגען זענען געווען שלעכטע, איז אָבער דערמיט מיין פעלער נישט פאַרקלענערט געוואָרן. און אחוץ דעם קומט מיר פאַר, אַז דו, פּרינץ מיינער, סילוועסטר באָנאַר

ביסט אַרויס וועגן זיך זייער אַ לייכטזיניקן אורטייל. באַנאַר, א יג די האָסט געוואָלט פאַרהאַלטן יאָהאַנגען ביי זיך נאָך אויף עט לעכע יאָר, איז דאָס געווען אין איר, ווי אויך אין דיין אינטערעס. זי דאַרף זיך נאָך אַ סך צו לערנען, און דו ביסט נישט פון די גאָר שלעכטע לערער. בעת דער אויסוואורף מוש האָט דיין זיינער צייט באַערט מיט אַ וויזיט האָסטו מיט אַזאַ יוגנטלעכן ברען און התלהבות געהאַלטן פאַר אים אַ גאַנצן פאָרטראַג וועגן דיין דערציִונגס-סיסטעם. איצט האָסטו געוואָלט אָנווענדן דעם דאָזיקן סיסטעם אין לעבן.

יאָהאַנגע איז אַן אומדאַנקבאַר נפש, און זשעלי איז אַ פאַרפירער.

סוף כל סוף, אויב איך ווייז אים נישט די טיר, וואָס וואָלט געווען זייער נישט שיין פון מיין זייט, דאַרף איך אים לכל-הפחות ווי געהעריק אויפצונעמען; ער וואַרט שוין אַ לאַנגע צייט אין מיין קליינעם קאַבינעט, באַטראַכטנדיק אפשר צום הונדערטסטן מאָל די סעוור-וואַזאָנען, וואָס כ'האָב באַקומען במתנה פון קיניג לואי-פיליפּ. אויף די דאָזיקע פאָרצעלאַנענע וואַזעס, וואָס זענען לויט דער מיינונג פון זשעלי און יאָהאַנגע פשוט עקלהאַפט, זענען אויסגעמאָלט די „שניטערס" און „פישערס" פון לעאָפּאָלד ראָבער.

— מיין טייערע, איך מוזט מיר באמת אַנטשולדיקן, וואָס כ'האָב אייך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן און באַלד נישט אויפגענומען.

איך האָב געזאָגט דעם אמת. טראַכטן איז אויך אַן אַרבעט. זשעלי האָט מיך אָבער נישט ריכטיק פאַרשטאַנען; ער מיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער אַרכעאָלאָגיע, און ווינשט מיר ווי אַמשנעלסטן צו פאַרענדיקן מיין געשיכטע פון די נזירים פון מאָנאַסטיר סען-זשערמען-דע-פּרע. ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט מיר געגעבן אַ באַווייז, אַז ער אינטערעסירט זיך מיט מיינע אַרבעטן, גיט ער מיך דרך-אגב אַ פרעג וועגן פריילין אַלעקסאַנדר. דערויף ענטפער איך מיט אַ טרוקענעם טאָן: „זי פילט זיך זייער

גוט," מיט וואָס איך וויל אַקצענטירן מיין מאָראַלישע אויטאָרי־טעט פון א אַפּוטרופּוס.

אַ ווײַלע הערשט צווישן אונז אַ שטילשווײַגעניש. דערנאָך הייבן מיר אָן צו רעדן וועגן אוניווערסיטעט, וועגן די נייעסטע פאַרעפנטלעכטע ביכער און וועגן פּראָגרעס פון די היסטאָרישע וויסנשאַפטן. ס'צעפלאַקערט זיך אַ הייסע און ליידנשאַפטלעכע דיס־קוסיע. איך באַמי מיך איינצופלאַנצן אין מיין צוהערער אַ רעס־פּעקט פאַר דעם דור היסטאָריקער, צו וועלכן איך געהער. איך זאָג צו אים:

— די געשיכטע, וואָס איז ביז איצט געווען קונסט און אין געווען אַ געביט פון דער פרייער, אומבאַגרענעצטער פאַנטאַזיע, איז אין אונזערע צייטן געוואָרן אַ וויסנשאַפט, וועלכע מוז זיך האַלטן לויט אַ געוויסן, שטרענג־באַשטימטן מעטאָד.

זשעלי האָט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג און בעט ביי מיר אַ דערלויבניש צו פאַרטיידיקן זיין שטע־לונג. לויט זיין מיינונג וועט די געשיכטע קיינמאָל נישט ווערן קיין וויסנשאַפט.

— ערשטנס, — זאָגט ער צו מיר, — לאָמיר זיך פאַרשטענ־דיקן בנוגע דעם, וואָס עס איז אַזוינס געשיכטע? — די געשרי־בענע שילדערונג פון פאַרגאַנגענע געשעענישן. וואָס איז אָבער אַ געשעעניש? צי איז דאָס יעטוועדער פאַקט? ניין? — וועט איר מיר זאָגן, — דאָס איז אַ באַדייטנדער פאַקט. זאָגט מיר אָבער פון וואַנען ווייסט עס דער היסטאָריקער אויסצוטיילן אַ באַדייטנדן פאַקט פון אַ אומבאַדייטנדן? ער גיט וועגן דעם אַרויס אַן אור־טייל לויט זיין געשמאַק און איינזען, אַן אורטייל, וואָס איז נאָר אין הסכּם מיט זיין וועלט־אָנשויונג, וואָרים פאַקטן קענען זיך נישט טיילן אויף היסטאָרישע און נישט היסטאָרישע. איבעריקנס, אַ פאַקט איז אַן אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטער ענין. צי איז דער היסטאָריקער בכּוח פאָרצושטעלן די פאַקטן אין זייער גאַנ־צער קאָמפּליצירטקייט? ניין, דאָס איז פּשוט אוממעגלעך. ער וועט זיי אַלעמאָל שילדערן אויסגעשיילטע פון דער גרעסטער טייל פּרטים, פון וועלכע זיי באַשטייען, און ממילא וועלן זיי אַלע־

מאָל ארויסקומען ארומגעשניטענע, געענדערטע, מיט איין וואָרט: זיי וועלן פאָרשטעלן אַלץ, אָבער נישט דאָס, וואָס זיי האָבן געזאָלט פאָרשטעלן אין דערווירקלעכקייט. וואָס שייך ווידער דער אינערלעכער באַציונג צווישן די פאַקטן, לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט רעדן. צי קאָן דער אַזוי גערופענער היסטאָרישער פאַקט, וואָס ווערט ארויסגעדרונגען פון איינעם אדער עטלעכע נישט-היסטאָרישע פאַקטן, דינען דעם היסטאָריקער, ווי אַ מיטל פעסטצושטעלן די אינערלעכע באַציונגען צווישן די פאַקטן? און איך נעם אפילו אָן, הער באָנאַר, אַז דער היסטאָריקער האָט פאַר זיינע אויגן אָביעקטיווע באַווייזן, בעת אין דער אמתן, ביים פעסטשטעלן די ריכטיקייט פון די פאַקטן, ריכטעט ער זיך אויסשליסלעך מיט געוויסע סענטימענטן. די געשיכטע איז בשום אופן נישט קיין וויסנשאַפט, זי איז קונסט און נאָר די פאַנטאַזיע שפילט אין איר די גרעסטע ראָל.

ה׳ זשעלי דערמאַנט מיר אין דער רגע אַ געוויסן יונגן חסר-דעהגיק, וואָס זיינע רייד האָב איך נישט ווילנדיק אונטערגעהערט מיט אַ צייט צוריק צופוסנס פון דער סטאַטוע פון מאַרגאַריט, דער קיניגין פון נאַוואַררע. און אָט אין אַ גאַנץ יאָר אַרום נאָך יענער באַגעגעניש, קומען מיר מיטאַמאָל ארויף אויף אַ געשפרעך וועגן וואַלטער סקאָט, וועלכן מיין שטאָלצער יונגערמאַן רופט אָן מיט ביטול טרובאַדור.

איך שטיי אָבער נישט אָפּ און פרווו מיך צו פאַרטיידיקן דעם פאָטער פון דער וואונדערבאַרער לוציע*) און דער שיינער טאָכטער פון פּערס*).

— אין זיינע וואונדערבאַרע ראָמאַנען ווערט געשילדערט די גאַנצע רומפולע פאַרגאַנגענהייט פון ענגלאַנד, דאָס איז די געשיכטע, דאָס איז די עפּאָפּיי!

— דאָס איז פאַרשימלטע אלטוואַרג, — ענטפערט מיר זשעלי. שטעלט אייך פאָר, דער יונגער חסר-דעהגיק פאַרזיכערט מיך, אַז ווי מ׳זאָל נישט זיין קלוג איז אוממעגלעך

*) העלד פון וואַלטער סקאָטס ראָמאַנע. (באַמ. פון איבערז.)

זיך געווי פּאָרצושטעלן, ווי עס האָבן אויסגעזען די מענטשן מיט פינפהונדערט אָדער טויזנט יאָר צוריק. לויט זיין מיינונג איז שווער אפילו צו געדענקען, ווי עס האָבן אויסגעזען די מענטשן מיט צען, פופצן יאָר צוריק. די היסטאָרישע פּאָעמע, דער היסטאָרישער ראָמאַן, דאָס היסטאָרישע בילד זענען לויט זיין מיינונג פעלשונגען פון דער געשיכטע!

— אין יעדער קונסט, — גיט ער צו, — שילדערט נאָר דער קינסטלער זיין נשמה; זיין ווערק איז אומאָפּהענגיק פון דער פאָרם, דורכאויס מאָדערן לויט זיין גייסט. וואָס באַוווּנדערן מיר אין דער „געטלעכער קאָמעדיע", אויב נישט די גרויסע נשמה פון דאַנטען? און די מערמלבנע סקולפּטורן פון מיקעל־אַנדזשעלאָ, צי שטעלן זיי פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכעס? דער אַרטיסט לייגט אריין זיין גאַנץ לעבן אין זיינע קינסטלערישע געשטאַלטן און מאַריאָנעטן.

וויפיל פּאַראַדאָקסן און חוצפה! מיר געפעלט אָבער דער קוראַזש ביים יונגגמאַן. זשעלי הייבט זיך אויף און זעצט זיך ווידער אוועק; איך ווייס גאַנץ גוט, וועגן וואָס עס גייט אים און וועמען ער וואַרט.

ער הייבט מיר אָן צו דערציילן וועגן די פופצנהונדערט פראַנק, וועלכע ער פאַרדינט. צו דער פענסיע דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ קליינע רענטע פון צוויי טויזנט פראַנק, וועלכע ער האָט באַקומען בירושה. איך פאַרשטיי, אין וואָס עס גייט אים, כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז ער דערציילט מיר דאָס אַלץ, כדי כ'זאָל וויסן אַז ער איז אַ מענטש, אַ פאַרמעגלעכער, איינגעאָרדנטער, — מיט איין וואָרט: ער קאָן זיך דערלויבן חתונה צו האָבן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און ווידער זיך צוריקגעזעצט אפשר אַ מאָל צוואָנציק. ער הויבט זיך אויף צום איינאונצוואָנציקסטן מאָל און זענענדיק, אַז יאָהאַננע קומט אַלץ נישט אריין, פאַרלאָזט ער מיך אַ פאַרצווייפלטער.

ער האָט קוים באַוויזן אַרויסצוגיין, ווי יאָהאַננע איז אריינגעקומען אין מיין ביבליאָטעק מיטן אויסרייד, אַז זי זוכט האַגיבאַלן. זי איז פאַרצווייפלט אוי מיט אַ צעבראָכן קול רופט

זי איר קעצל טרינקען מילך! גיב אַ קוק אויף דאָס דאָזיקע טרויעריקע פּנימל, באַנאַר! טיראַן איינער, באַטראַכט דיין ווערק. די האָסט זיי צעשיידט. אָבער דער זעלבער אויסדרוק פון זייערע געזיכטער זאָגט עדות, אַז זיי זענען באַהאַפטן אין די געדאַנקען. קאַסאַנדרע, קאָנסט זיין צופרידן! באַרטאָלאָ, פריי זיך! אָט, וואָס עס הייסט זיין אַ באַשיצער! גיב אַ קוק, ווי זי קניט אויפן דיוואַן און האַלט האַניבאַלס קאָפּ אין די הענט.

צערטל און גלעט דאָס נאַרישע באַשעפעניש! האָב רחמנות איבער אים! מען ווייס, קליינע צבועטשקע נאָך וועמען דו זיפצסט עס אַזוי און וועמען דו באַקלאָגסט.

אַ לאַנגע צייט באַטראַכט איך אַ בילד אויף דער וואַנט. לסוף וואַרפנדיק אַ בליק אויף מיין ביבליאָטעק, רוף איך מיך אָן:

— יאָהאַננע, די אַלע ביכער לאַנגווייליקן מיך; מיר וועלן פאַרקויפן

מחמת דעם. חתן-כלה, זיי זענען געוואָרן :עס איז געשעען
יתומים, האָט ער מיך גע-
חאָס סיי זשעלי סיי יאָהאַנגע זענען
מיינס אַ פראָפעסאָרן, זייגע פון דורך איינעם בעטן איר האַנט
קאַלעגע, וואָס איז זייער געאַכטעט צוליב זיין וויסן און כאַראַק-
שליח פאַסיקער ניַשט פאַרא וואָס אָפּהיטן! גאָט זאָל טער. אָבער
נאָר אַ פירנעען, די פון בער אַ נישט בער, אַ ליבע! דער פון
פיל שרעקלעכער, נאָך איז מין צווייטער דער און קאַבינעט-בער.
וי דער ערשטער.
(לויט ריכטיק נישט צי ריכטיק זיין, נישט זאָל עס — ווי
מיין מיינונג — נישט ריכטיק), זשעדין איז נישט שטאַרק געלעגן
צו באַקומען נדן; ער וויל בעמען אייער טאָכטער, ווי זי שטייט
און גייט. זאָגט יאָ, און דער ענין וועט ווערן ערלעדיקט. איילט
אייך צו מיט אייער באַשלוס, ווייל כ׳וואָלט אייך געוואָלט ווייזן
אַ צוויי דריי זייער אינטערעסאַנטע זשעטאַגען פון לאָטאַרינגיע.
איך בין זיכער, אַז זיי זענען אייך אומבאַקאַנט.
מיט די ווערטער האָט ער זיך געווענדעט
בוכשטעבלעך,
צו מיר. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וועל מיך פרעגן
ביי יאָהאַנען. אַ באַזונדערס גרויסע הנאה האָב איך געהאַט, דער-
אַז יאָהאַנגע האָט יאָ גדן.
קלערנדיק אים,
דער נדן, דאָס איז מיין ביבליאָטעק. העגריין און יאָהאַנ-
גען פאַלט גאָרנישט איין צו טראַכטן וועגן דעם. אַ פאַקט איז,

או מ׳האָט מיך פאַר פיל רייכער, ווי איך בין אין דער אמתן, כ׳מאַך דעם איינדרוק פון אַ קאַרגן מאַן.

איך האָב געפרעגט יאַהאַננען, ווי איז איר מיינונג וועגן גאָט־שלאַג פון ה׳ זשעלי. צי האָב איך טאַקע באַדאַרפט זי פרעגן כדי פון איר געוואויר צו ווערן דער אמת? עס איז געשעען! זיי זענען חתן־כלה.

עס ליגט לחלוטין נישט אין מיין נאַטור צו שפּיאָנירן די דאָזיקע יונגגעלייט און פאַרצייכענען דערנאָך זייערע רייד און זשעסטן אין מיין טאָג־בוך. — „Noli me tangere“ *) — מיין חוב איז צו רעספּעקטירן דעם סוד פון דער דאָזיקער אומשולדיקער נשמה, איבער וועלכער איך האָב די השגחה. זאָלן זיי זיך ליב האָבן, די קינדער! קיין איינציקס פון זייערע פאַרטרויליכע רייד, קיין איין נאַיווע אומפאָרזיכטיקייט זייערע טאָר נישט פאַראייביקט ווערן אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך דורכן אַלטן אַפּוטרופּוס, וואָס זיין מאַכט האָט געדויערט אַזאַ קורצע צייט!

איבעריקנס, איך זיך נישט מיט פאַרלייגטע הענט, און אויב זיי זענען באַשעפטיקט מיט זיך, האָב איך מיר מיינע ענינים. איך שטעל צונויף אַ קאַטאַלאָג פון מיין ביבליאָטעק, וועלכע כ׳וויל פאַרקויפן אויף אַן עפנטלעכער ליציטאַציע. די דאָזיקע אַרבעט מאַכט מיך גלייכצייטיק טרויעריק און פריילעך. איך באַמי מיך פאַרציוען, אַז ס׳זאָל דויערן לענגער, און איך בלעטער דורך די ביכער, וואָס זענען מיר אַזוי נאָנט און באַקאַנט. איך געזעגן זיך מיט זיי, און עס ליגט דאָך שוין אין מענטשנס נאַטור ווי ווייט מעגלעך צו פאַרלענגערן דעם אָפּשייד.

יענער דיקער באַנד, וואָס האָט מיר אַזוי טריי געדינט איבער משך פון דרייסיק יאָר, צי קאָן איך אים פאַרלאָזן אָן אַ האַר־ציקן זיי געזונט? און יענץ ספר, וואָס האָט מיך נישט איינמאָל געטרייסט מיט זיין געזונטער דאָקטרינע, צי דאַרף איך מיך נישט געזעגענען מיט אים צום לעצטן מאָל, ווי מיט אַ טרייען לערער?

---

*) לאַטיינישער פּערז אין דער עוואַנגעליע — דאָס הייסט נישט מיין זאַך (באַמ. פון איבערזעצער)

יעדעס מאָל אָבער, ווען איך דערזע אַ בוך, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ טעות מיט זיינע פאַלשע, נישט ריכטיקע דאַטן, טעותים און ליגנס, — דערמאָלט זאָג איך צו אים מיט אַ בייזער פרייד: גיי אַוועק פון מיר! אַוועק! דו אויסוואורף, פאַררעטער, פאַלשער עדות, זאָל דיין געביין דאָ מער נישט זיין! און אויב דיר וועט אַ דאַנק דיין אוזורפירטער רעפּוטאַציע, גאָלדענעם רוקן און פיינעם לעדערנעם איינבאַנד געלונגען אַריינצוקריגן זיך אינם שוי-פענצטער פון אַ בוכהענדלער-אַנטיקוואַר, זאָלסטו אים שוין מער נישט פאַרפירן, ווי דו האָסט מיך פאַרפירט.

איך לייג אַוועק אין אַ זייט און לאָז איבער ביי מיר יענע ביכער, וואָס כ׳האָב באַקומען פאַר אַן אָנדענקונג. בעת איך האָב באַזונדער אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט פון דער „גאָלדענער לעגענדע״, האָב איך אים געוואָלט אַ קוש טון, וואָרים ער האָט מיר דערמאַנט די מאַדאַם טרעפּאָװ, וואָס נישט געקוקט אויף איר עשירות, איז זי פאַרבליבן אַ גוטע און אַ דאַנקבאַרע און ווענדיק אָפּצאָלן איר אַלטן חוב, איז זי געוואָרן מיין בעל-טובה. איך האָב איצט געהאַט אַ רעזערוו.

ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אַזוינס אַ פאַרברעכן. ביינאַכט בין איך געקומען לידי נסיון; באַגינען האָב איך שוין נישט געהאַט מער קיין כוח ביישטיין דעם נסיון. און בעת אַלץ אַרום איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, האָב איך מיך אויפגעהויבן פון מיין געלעגער און אויף די שפּיץ-פינגער בין איך אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

אָ, נאַכט-רוחות, געהיימנישפולע כוחות פון דער טונקלקייט, אויב איר האָט מיך געזען, בעת איך האָב מיך געשאַרט ווי אַ גנב אויף די שפּיץ-פינגער אין דער ביבליאָטעק אַריין, האָט איר אויף זיכער נישט אויסגערופן, ווי מאַדאַם טרעפּאָװ אין נעאַפּאָל: „דער דאָזיקער אַלטיטשקער האָט גוטמוטיקע פּלייצעס!״

כ׳בין אַריינגעקומען אין מיין ביבליאָטעק אַריין: האַניבאַל, מיט אַן אויפגעשטעלטן וויידל, האָט זיך געריבן ביי מיינע פיס און פריילעך געברומט. איך האָב אַ כאַפּ געטון דעם באַנד, יענעם דימענט, וועלכער האָט מיר נישט געלאָזט אַ גאַנצע נאַכט

צוטון קיין אויג; גענומען אים אין האַנט און אַרייגעוואָרפן אין סאַמע דנאָ פון דער שאַנק, וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט די ביכער, וועלכע איך פאַרבאַהאַלט פאַר מיר. דאָס איז דאָך ממש שרעקלעך: איך האָב געגנבעט דעם נדן פון יאָהאַננען. און אַז דאָס פאַרברעכן איז שוין געווען אויסגעפירט, האָב איך מיך אויפסניי גענומען קאַטאַלאָגירן מיינע ביכער, ביז וואַנען יאָהאַננע איז נישט געקומען זיך באַראַטן מיט מיר וועגן געוויסע דעטאַלן פון איר טואַלעט אָדער אויסשטייער. נישט אָריענטירנדיק זיך לגמרי אין דער טערמינאָלאָגיע פון דער היינטיקער טואַלעט, האָב איך כמעט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָ, ווען אַ כלה פון פערצנטן יאָרהונדערט וואָלט דורך אַ נס זיך באַוויזן צו מיר און אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן איר טואַלעט, — וואָלט איך גלענצענד און מאָמענטאַל פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס גייט איר. יאָהאַננע געהער אָבער נישט צו מיין צייט, און איך שיק זי דעריבער איבער צו מאַדאַם דע גאַברי, וועלכע איז איצט פאַר איר ווי אַ מאַמע.

די נאַכט פאַלט צו, די נאַכט איז צוגעפאַלן! אָנגעשפּאַרט אין פענצטער קוקן מיר אַרויס אין דער פינצטערער ווייטקייט, וואָס איז באַזייט מיט ליכטנדיקע פונקטן. יאָהאַננע, אָן איבערגעבויגענע איבער דער פענצטער-ראַם, האַלט דעם קאָפּ צווישןביידע הענט און זעט אויס טרויעריק. איך קוק אויף איר און שטילערהייט טראַכט איך מיר: „אין אַלע ענדערונגען, מעגן זיי זיין ווי אמשטאַרקסטן באַגערט און געווונשן, איז פאַראַן אַ געוויסע מעלאַנכאָליע, ווארים דאָס. חאָס מיר וואַרפן אַוועק, איז אַ טייל פון אונז אַליין; מען דאַרף שטאַרבן פאַר איין לעבן, כדי אָנצוהויבן אַ צווייטס”.

ווי ענטפערנדיק אויף מיין געדאַנק, ווענדט זי זיך צו מיר:

— באַשיצער מיינער, איך בין אַזוי גליקלעך, און פונדעסטוועגן ווילט זיך מיר וויינען.

די לעצטע זייט.

זייטל זיבנאונאכציק... נאך א צוואַנציק שורות און מיין בוך וועגן די אינזעקטן און בלומען, וועט זיין געענדיקט. זייט זיבנאונאכציק און די לעצטע...

„ווי עס איז צו זען, האָבן די באַזוכן פון די אינזעקטן זייער א וויכטיקע באַדייטונג פאר די פלאַנצונגען; ווארים די אינזעקטן טראָגן איבער דעם זאָמען פון די שטויב־בייטעלעך אויף די פרויען־אָרגאַנען פון דעם געוויקס. ווארשיינלעך איז די בלום צוגעפאַסט און צוגעגרייט כדי אויפצונעמען ווי געהעריק דעם דאָזיקן חתונה־וויזיט. מיר דוכט זיך, אז איך האָב גאַנץ קלאָר פאָרמולירט, ווי פון דער בלום הייבט זיך אויף א זיסער נעקטאַר, וואס ציט צו דעם אינזעקט און צווינגט אים אומבאַוווסטזיניק גורם צו זיין א דירעקטע אָדער געקרייצטע באַפרוכפערונג. דער לעצטער פאַל איז זייער פארשפרייט. איך האב שוין דערמאָנט, אז די בלומען זענען באַשאָנקען געוואָרן פון דער נאַטור מיט פארבן און שמעקנדיקע ריחות, כדי צוצוציען צו זיך די אינזעקטן. אינעווייניק זענען די בלומען געבויט אויף אזא אופן, כדי דער אינזעקט, וואס קריגט זיך אריין אין דער קרוין, זאָל איבערלאָזן דאָרט דעם זאָמען, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. שפרענגעל, מיין נעערטער לערער, האט אויף פאָלגנדן אופן זיך אויסגעדריקט וועגן דעם שטויב, וואס באדעקט די קרוין פון א וואַלד־געראַניום: „דער קלוגער באַשעפער פון דער נאַטור האָט

ניט געוואָלט שאַפן קיין אײן איבריק הערעלע". איך וועל נאָך צוגעבן: אויב די פעלד-ליליע, וועגן וועלכער עס ווערט פאַרציילט אין דער עוואַנגעליע, איז שענער און רייכער באַקליידט, ווי שלמה המלך, איז דערפאַר איר פאָרפאָרענער מאַנטל אַ חתונה-קלייד, און די דאָזיקע רייכע צירונג איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פון איר אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ" *).

*) ה' סילוועסטער באָנאַר האָט נישט געוווּסט, אַז אָנגעזעענע נאַטור-פאָרשער האָבן אין איין צייט מיט אים געפאָרשט די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די בלומען און אינזעקטן. ער האָט נישט געקאָנט די אַרבעטן פון מ. דאַרווין, פון ד"ר הערמאַן מילער, ווי אויך נישט די ווערק פון דזשאָן לעבאָק. אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז די באַאָבאַכטונגען פון ה' סילוועסטער באָנאַר ווייזן אַרויס אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו די אָבסערוואַציעס פון די אויבנדערמאָנטע דריי געלערטע. עס איז אויך נישט ווייניקער אינטערעסאַנט, אַז סער דזשאָן לעבאָק, איז ווי ה' סילוועסטער באָנאַר, אַן אַרכעאָלאָג, וועלכער האָט ערשט אין די שפּעטערע יאָרן זיך געווידמעט דער נאַטור-וויסנשאַפט. (באַמ. פון אַרויסגעבער).

בראָל! מיין הייזל איז דאָס לעצטע אויפן וועג, וואָס פירט אין וואַלד אריין. דאָס איז אַ הייזל מיט אַ בוידעם-שטיבל, זיין שינדל-דאַך מיניעט זיך אין דער זון. דעם וועטער-פענדל וואָס אויפן דאַך האָב איך אַ סך מער צו פאַרדאַנקען דעם אלגעמיינעם רעספּעקט צו מיר מצד די ארומיקע איינוווינער, ווי מיינע וויסנשאַפטלעכע ארבעטן אויפן געביט פון היסטאָריע און פילאָלאָגיע. יעדעס קליין קינד קאָן דאָס וועטער-פענדל פון ה׳ באָנאַר. עס איז פאַרזשאַווערט און סקריפּעט אין ווינט. אַלע פאָר וואָכן הערט עס אויף צו פונקציאָנירן, אזוי ווי טערעסע, וועלכע קאָן זיך שוין אליין קיין עצה נישט געבן און מוז אָנקומען צו דער הילף פון אַ יונגער פויערטע. דאָס הייזל איז נישט איבעריק גרויס, איך האָב מיך אָבער דאָ איינגעאָרדנט באַקוועם. מיין צימער האָט צוויי פענצטער, און עס פאַלן אויף אים די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. איבער מיר געפינט זיך דאָס צימער פוןביידע קינדער. יאַהאַננע און העגרי קומען צו מיר צופאָרן צוויי מאָל אין יאָר.

דער קליינער סילוועסטר האָט דאָרט געהאַט זיין וויגעלע. דאָס איז געווען אַ שיין קינד, עס איז אָבער געווען זייער בלאַס. אַז ס'האָט זיך געשפּילט אויפן גראָז, פלעגט די מאַמע נישט אראָפּלאָזן פון אים איר אומרויקן בליק; אַלע רגע פלעגט זי צוועקלייגן די נאָדל, און נעמען זיך אויף דער האַנט. דער

קליינטשיקער האָט בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער פלעגט זאָגן, אַז בעת ער שלאָפט, גייט ער אַוועק ווייט, גאָר ווייט, וווּ ס'הערשט אַ שוואַרצע פינצטערניש און וווּ ער זעט זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט שטאַרק מורא און דעריבער וויל ער זיי נישט זען.

דעמאָלט פלעגט די מוטער מיך צורופן, און איך האָב מיך אָנגעזעצט לעבן וויגל: דאָס קינד פלעגט דעמאָלט נעמען מיינס איין פינגער אין זיין קליינטשיק, הייס און טרוקן הענטל, און זאָגן:

— טויף-פאָטער, דערציייל מיר אַ מעשהלע.

איך פלעג אים דערציילן די פאַרשידנסטע מעשהלעך, וועלכע ער האָט אויסגעהערט מיט אַן ערנסט פנים. אַלע האָבן אים אינטערעסירט, איין מעשה איז אים אָבער באַזונדערס געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ מעשהלע וועגן „בלויען פויגל“. אַז איך האָב געענדיקט פאַרציילן, פלעגט ער בעטן:

— נאָך! נאָך!

איך האָב גענומען דערציילן פון אָנהייב, ביז זיין בלאַס קעפל פלעגט אַנידערפאַלן אויפן קישן.

אויף אַלע אונזערע פראַגן האָט דער דאָקטאָר געהאַט איין ענטפער:

— דעם קינד וועט גאָרנישט זיין!

ניין! דעם קליינעם סילוועסטר איז טאַקע גאָרנישט געשען. אין אַ געוויסן אָוונט פאַרפאָרן האָט זיין פאָטער מיך גערופן:

— קומט מיט מיר, מיטן קליינעם איז זייער שלעכט.

כ'האָב מיך דערנענטערט צום וויגל, לעבן וועלכן די מוטער איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכע, ווי די סטאַטוע פון ליידן.

דער קליינער סילוועסטר האָט פאַמעלעך אויפגעהויבן צו מיר זיינע שוואַרצאַפלען, וואָס זענען אים אַרויסגעקראָכן פון די אויגן-לעדלעך און נישט געוואָלט מער אַראָפפאַלן.

— טויף-פאָטער, — האָט ער געזאָגט צו מיר, — מען דאַרף מיר מער נישט דערציילן קיין מעשה׳לעך.

נײן, מ'האָט אים נישט באדארפט מער צו דערצײלן קײן מעשהלעך!

אָרעמע יאָהאַננע, אָרעמע מאַמע!

איך בין שוין צו אלט, כדי צו זײַן שטאַרק עמפּפינדלעך, אָבער באמת, דער טויט פון אַ קינד איז אַ װײטיקפולער סוד.

הײנט האָבן זײַן טאַטע און מאַמע זיך צוריקגעקערט צום אַלטן אויף זעקס װאָכן. אַט גײען זײ איצטער פון װאַלד, האַל־טנדיק זיך פאַר די הענט. יאַהאַננע איז אײנגעהילט אין שװאַרצן, העניי טראָגט אויפן שטרויענעם הוט אַ באַנד פון שװאַר־צער קרעפּע. בײדע שפּרודעלן אָבער מיט יוגנט און שמײכלען צו זיך, זײ שמײכ׳לען צו דער ערד, װאָס טראָגט זײ, צו דער ליכטיקײט, װאָס איר אָפּשײַן זעט אײנס אין צװײטנס אויגן. איך פאָכע צו זײ מיט אַ טיכל פון מײַן פענצטער, און זײ שמײכלען צו מײַן זקנה.

יאָהאַננע לויפט שנעל ארויף אויף די טרעפּ און רוימט מיר אײַן אין אויער אַרײַן אײניקע װערטער, װעלכע איך דערהער נישט, אָבער איך שטויס מיך אָן זײער מײַן. און איך ענטפער איר:

— זאָל דיך גאָט בענטשן, יאָהאַננע, דיך און דײַן מאַן אין אײערע קומענדיקע דורות.

„Et nunc dimittis servum tuum, Domine“ *)

---

*) לאטײנישער פערז — און איצט קאנסטו מיך נעמען צו זיך, מײַן הער. (באמ. פון איבערז.).

דער פאַרלאג ש. גאלדפארב אין ווארשא איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אין דער יידישער שפּראַך אַלע ביז איצט נאָך נישט דערשינענע ווערק פון בארימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער און נאָבעל-לאַאוראַט, אַנאַטאָל פראַנס.

ביז איצט זענען אינם דערמאָנטן פארלאג דערשינען פאָלגענדע ווערק פון אנאַטאָל פראַנס:

קאָמישע געשיכטע.

דער פינגווינען-אינזל. יידיש מ. האָלצבלאַט

דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטר באָנאַר.

יידיש מ. האָלצבלאַט

עס גרייטן זיך צום דרוק און דערשיינען אין גיכן:

די מאָדערנע געשיכטע, דאָס קאַפּיטאַלע לעבנס-באַשרייבונג פון אנ. פראַנס. יידיש מ. האָלצבלאַט

עפּיקורס גארטן. " "

די זיבן פרויען פונם בלויבאָרדיקן —

יידיש מ. האָלצבלאַט

זשאָקאַסטע " "

די רויטע ליליע יידיש שרה בירנבוים

אין פארלאג שלמה גאלדפארב,

ווארשע, דזשיקע 31

זענען ביז יעצט דערשינען פאלגענדע ביכער:

	גר.	זל.
ביקאנספילד לארד. — טאנקרעד 1-טע טייל	50	4
„ 2-טע טייל	20	4
ברוין לילי. — מעמוארען פון א סאציאליסט. 2 בענ.	—	15
בעקערמאן א. — גולם אלס וועלט דערלייזער	70	—
גאגאל נ. ו. רוסלאנד. . . .	—	5
גארקי מ. — זומער.	50	4
מענטשען.	75	1
אפגרונד (דראמע). . .	—	2
דזשאנימאווא ה. — ראספוטין. . .	50	1
דויל קאנאן. — פאנטאזיע און ווירקליכקייט.	—	3
האלקען. — דוד ראסי.	—	9
הויפטמאן גערהארד. — פרויען אינזל. .	—	8
ווערעסאיעוו — א ווידוי פון א דאקטאר. .	50	7
זאלא עמיל — זשערמינאל 1-טער טייל. .	20	7
„ 2 „ אין (דרוק).		
מלחמה 2 טיילן . .	—	8
די וואס ליבן . .	50	2
אק א. — א זומער-חלום . . .	50	2

	גר. זל.
טאָלסטאָי — וועגן סעקסועלען לעבען. .	3 —
וואָס איז מיין גלויבן. (אין דרוק).	
טונקעל י. — חיים געצעל. . . .	1 25
מאַרגעריט וויקטאָר — די בחורטע. (טרילאָגיע)	7 50
דער חבר.	7 50
דאָס נייע דור.	7 50
די גאַסענפרוי (אין דר.).	
דער קערפער איז דיין (אין דר.).	2 —
מיצמאַכער ד. — שמאַטע קלויבער. . .	5 30
סינקלער איפּטאָן — זיכער פון אמת. .	9 50
דזשימי היגענס. .	
זומפּ. (אין דרוק) .	2 50
עליאַש (אלמי) — די פּאָווסטאַניע אין 1863	4 50
פּושקין א. ס. — קאַפּיטאַנס טאָכטער . .	4 50
פראַנס אַנאַטאָל. — קאָמישע געשיכטע .	9 —
פינגווינען אינזל. .	
דאָס פאַרברעכן פון סילוועסטר באָנאַר	6 —
רויטע (ליליע אין דרוק)	
פּאַפּיני — מעמוארן פון רבונו של עולם. .	1 75
קעלערמאַן. — 9־טער נאָוועמבער. . .	5 40
טונעל. . . .	7 —
אידיאָט . . .	10 —
קאַרנאָו. — אויף דער ערד. . . .	2 —
קיפּניס — 100 פאָלקס־לידער. . . .	1 —
ראָלאַן ראָמאַן, — טאָלסטאָי. . . .	5 50
בעטהאָווען. . .	2 50